STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08539

GESHIKHTE FUN IDN IN DI FAREYNIKTE SHTATN FUN AMERIKE

Aaron Meisel

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

א. מייזעל

געשיכטע פון אידן

אין די פאַראייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע

ארויסגעגעבן פון דער
נאַציאָנאַלער אומפּ. אַרבעטער שול אָרגאַניזאַציע
ניו-יאָרק
1929

Copyright by
A. MEISEL
1929

Printed by
ASTORIA PRESS
61 E. 4th St., New York
ALLIED PRINTING TRADES UNION LABEL COUNCIL NEW YORK CITY 490

אינהאלט-פארצייכעניש

קאַפּיטל — זייט

I. ווי אַזוי די ערשטע אידן פון שפּאַניע און פּאָרטוגאַל זיינען געקומען קיין אַמעריקע; וואָס ס'האָט זיי אַהין געטריבן. — — — — — — — — — — — — — 9

II. ווי אַזוי די ערשטע אידישע עמיגראַנטן זיינען געקומען און באַזעצט זיך אין דער אַלטער שטאָט ניו־אַמסטערדאַם, וואָס איז איצט ניו־יאָרק. — — — — — — — — — — 15

III. ווי אַזוי ס'האָט זיך געלעבט די אידן אין די אָריגינעלע קאָלאָניעס; ניופּאָרט, ראָוד אַיילאנד, דער ערשטער אידי־שער צענטער. — — — — — — — — — — — — — 19

IV. דער קאַמף פון די קאָלאָניעס פאַר זעלבסטשטענדיקייט; אידן נעמען אנטייל אין דעם קריג. — — — — — — — 25

V. ווי אַזוי די ספּאַרדישע אידן האָבן זיך דערשלאָגן אין דער נייער רעפּובליק צו רעליגיעזער פרייהייט און גלייכ־באַרעכטיקונג. די צווייטע מילכאָמע מיט ענגלאַנד. דער אידישער סויכער אַ פּאַטריאָט פון יענעם קריג. — — 30

VI. „פּאָליטישן" אָדער טרוימער? מאָרדכע עמאָנועל נייאַך און די „אידישע היים" לעבן באָפאַלאָ, ניו־יאָרק. — — 35

VII. ווי אַזוי עס האָבן געלעבט די אידן אין דייטשלאַנד. וואָס ס'האָט זיי געשריבן צו עמיגרירן קיין אַמעריקע. — — 39

VIII. די יאַהודים ווערן פּעדלער און קליין־הענדלער. זיי בויען אויף נייע אידישע יעשואווים. — — — — — — 43

IX. אַ נייער אוילאָם יאַהודימשע עמיגראַנטן: ליבעראַלן, וועלכע אַנטלויפן אַהער נאָכ'ן דורכפאַל פון דעם דייטשן אויפשטאַנד אין יאָר 1848. — — — — — — — — — — 48

X. דער אַמעריקאַנער בירגער־קריג. די סיבעס פון זיין אויסברוך. — — — — — — — — — — — — — 52

XI. דער אידישער אנטייל אינם בירגער־קריג; דאָס לעבן פון מיכל האַלפּערין. — — — — — — — — — — — — 57

XII. אידישע עמיגראַציע פון דייטשלאַנד שטעלט זיך אָפּ. די יאַהודימשע סאָכרים פאַרבירגערן זיך דאָ אין לאַנד און בויען אויף זייערע רעליגיעזע און פילאַנטראָפּישע

אינסטיטוציעס. די ערשטע אידישע עמיגראַנטן פון רוס־לאַנד און פּוילן. — — — — — — — — — — 63

XIII. אַם־אוילאָם גרופּן ; די ערשטע סאָציאַליסטישע טרוימער. 67

XIV. דאָס לעבן פון די אידן אין רוסלאַנד. דער אָנהייב פון דער גרויסער עמיגראַציע אין יאָר 1881. — — — — — 73

XV. ערד־אַרבעט קאָלאָניעס, קאָמוניסטישע קאָלאָניעס, עקס־פּערימענטן און דורכפאַלן. עס וואַקסט אויס אין אַמעריקע אַ אידישער אַרבעטער־קלאַס. — — — — — — 81

XVI. דאָס לעבן פון דעם ערשטן דאָר אַרבעטער־אימיגראַנטן. דער שאַפּ. די איסט־סייד. ערשטע שפּראָצן פון אַ סאָציאַ־ליסטישער און יוניאָן־באַוועגונג. — — — — — — — 88

XVII. דער קאַמף אין יאָר 1886 פאַר אַן אַכט־שאָאיקן אַרבעטס־טאָג ; די הוי־מאַרקעט טראַגעדיע. — — — — — — — 97

העגרי דזשאָרדזש ־ קאַמפּיין ; אידישע אַנאַרכיסטישע גרופּעס : „ריטער פון פרייהייט“. אידישע סאָציאַליסטן, אַ טייל פון דער ס. ל. פּ. די רוסיש־אַמעריקאַנער נאַציאָ־נאַלע ליג. דיסקוסיעס און אויפקלערונג. דער סאָציאַ־ליסטישער געדאַנק הייבט אָן אַריינדרינגען צווישן די ברייטע אידישע אַרבעטער־מאַסן. — — — — — — — — 103

XVIII. אַ צענטראַלער פאַרבאַנד פון אידישע אַרבעטער־יוניאָנס : „די געווערקשאַפטן“. אויפלעבונג און קאַמף. — — — 109

XIX. אַ נייער שטראָם אידישע אימיגראַנטן : אידישע סאָכרים אַרויסגעטריבן פון מאָסקווע. דער אישעוו צעוואַקסט זיך. פרומע אידן ; מאַסקילים; סאָציאַליסטישע מאַסן. אויפבלי פון דער אידישער שפּראַך. די אַריבערגעקומענע שרייבער : א. צונזער, גאָלדפאַדן, שאָמער. דער אָנהייב פון אַ אידישער סאָציאַליסטישער פּרעסע. — — — — — — 115

XX. אידישע אַרבעטער בויען אויף זייער פּרעסע : „די אַר־בעטער צייטונג“ אַרויסגעגעבן פון די סאָציאַליסטן, און די „פרייע אַרבעטער שטימע“ פון די אַנאַרכיסטן. מאָריס ראָזענפעלד. דאָוויד עדלשטאַט, יויסעף באָווראָווער, דער „זיידע“ ווינטשעווסקי און אַ סאַך אַנדערע לייגן דעם גרונדשטיין פאַר דער אידישער ליטעראַטור אין אַמעריקע. אידישער טעאַטער ; י. גאָרדין, אַ באַרימטער פּיעסן־שרייבער. ליבין און קאָברין, דערציילער און דראַמאַטורגן. 122

XXI. אידישע איבערוואַנדערער אין דער „קאָונטרי“. זייער עקאָנאָמישער מאַצעוו. אידישע אַרבעטער אין „קאָונטרי“.

קאַפּיטל		זייט
	די ברידערלאַכע אַרבעטער אָרדנס צעשפּרייטן זיך איבער'ן לאַנד.	129
XXII.	דער קריזיס אין יאָר 1893. דער סטרייק אין האָמסטעד. אַלעקסאַנדער בערקמאַנ'ס שאָס.	133
XXIII.	עמיגראַנטן־מאַסע צעגלידערט זיך אין באַזונדערע קלאַסן. יוניאָנס פון אידישע אַרבעטער ווערן אַ טייל פון דער אַל־געמיינער יוניאָן־באַוועגונג. א. פ. ל. און „ריטער פון אַרבעט". דעניעל דעליאָן, פירער פון דער ס. ל. פּ. אָפּאָזיציע אַנטקעגן דעליאָנ'ען; די אורזאַכן. אָפּאָזיציע פאַרלאָזט דעם „אָוונטבלאַט" און גרינדעט דעם „פאָרווערטס". דעבס און די ס. פּ.	138
XXIV.	די מילכאָמע צווישן די פאַרייניקטע שטאַטן און שפּאַניע. קישינעווער פּאָגראָם. פּעטיציעס און פּראָטעסט־דעמאָנסטראַציעס. רעוואָלוציע, קאָנטער־רעוואָלוציע און פּאָגראָמען אויף אידן אין רוסלאַנד, אין יאָר 1905. די עמיגראַציע שטייגט.	145
XXV.	די פּאַסירונגען אין רוסלאַנד פון יאָר 1881 ביז'ן יאָר 1905.	150
XXVI.	די נייע עמיגראַנטן לעבן מיט די רעוואָלוציאָנערע פּאַסירונגען אין זייער אַלטער היים. די סאָציאַליסטישע יוגנט איז ניט באַפרידיקט מיט דער היגער אַרבעטער־באַוועגונג. רעוואָלוציאָנערע געסט פון רוסלאַנד. געשעענישן אין קאָלאָראַדאָ מאַכן אַ רוישעם אויף די אַריבערגעקומענע אַרבעטער.	156
XXVII.	גרינדונג פון דער א. וו. וו. זייער אַרבעט צווישן די אידישע אַרבעטער. דער קריזיס פון יאָר 1907-1908.	161
XXVIII.	דער אַמעריקאַנער־אידישער קאָמיטעט ווירקט אויף דער וואַשינגטאָנער רעגירונג אָפּצוברעכן דעם האַנדלס־אָפּמאַך מיט רוסלאַנד.	166
XXIX.	ריזיקע סטרייקס. אידישע אַרבעטער קעמפן אַנטקעגן דער שוויץ־סיסטעם.	171
XXX.	ווייטערדיקע קאַמפן און זיגן. גרינדונג פון דער „אַמאַל־גאַמייטעד קליידער יוניאָן". אידישע אַרבעטער הייבן אָן קעמפן אַנטקעגן זייערע אייגענע ניט־ערלאַכע יוניאָן־פירער. אָנהייב פון דער וועלט־מילכאָמע. די „איסט־סייד" קלייבט אויס איר ערשטן סאָציאַליסטישן פאַרטרעטער אין קאָנגרעס.	176

קאַפּיטל | זייט

XXXI. וועלט־מילכאָמע און צאַרישע פאַרפאָלגונגען פון אידן אין רוסלאַנד. הילפס־אַרבעט אין אַמעריקע פאַר די מילכאָמע־ליידנדיקע. דער „נאַציאָנאַלער אַרבעטער קאָמיטעט“ און דער אידישער קאָנגרעס. די רעזולטאַטן פון דער גאַנצער אַרבעט. — — — — — — — — — — — — — 180

XXXII. אינדוסטריעלע אויפלעבונג אין אַמעריקע, אַ רעזולטאַט פון דער מילכאָמע. אַמעריקע רוקט זיך לאַנגזאַם צום קריג. די ערשטע רעוואָלוציע אין רוסלאַנד. אידישע מאַסן באַגייסטערט. אַמעריקע טרעט אַריין אין קריג. אין לאַנד אַ רעאַקציע. אַ טייל סאָציאַליסטישע פירער פאַרראַטן זייער אידעאַל. אַנטי־מילכאָמע שטימונג צווישן אידישע מאַסן. — — — — — — — — — — — — — — 184

XXXIII. באָלשעוויסטישע רעוואָלוציע אין רוסלאַנד. די באַלפור־דעקלאַראַציע וועקט אויף שטאַרקע נאַציאָנאַליסטישע געפילן. אידישער לעגיאָן. פּרעזידענט ווילסאָן רעדט אַיין דעם פאָלק, אַז דער אויסגאַנג פון קריג וועט זיין גליק און פרייהייט פאַר די מאַסן. אידישער אנטייל אין דער אַמעריקאַנער אַרמיי. דער ווערסאַלער פרידן. — — — 191

XXXIV. רעאַקציע אין לאַנד נאָכן קריג. אין אייראָפּע — אומרו און רעוואָלוציעס. קאָנטר־רעוואָלוציע פייערט איר זיג מיט אידישע פּאָגראָמען. אַמעריקאַנער אידן קלייבן הילף פאַר די פּאָגראָם־געליטענע. נאָך־מילכאָמע עמיגראַציע. גרינדונג פון דריטן אינטערנאַציאָנאַל. קאָמוניסטישע פּאַרטיי אין אַמעריקע. „רעכטע“ און „לינקע“. גרינדונג פון דער „פרייהייט“. — — — — — — — — — — 195

XXXV. אויפשטאַנד פון נאָדל־פאַך אַרבעטער אַנטקעגן זייערע פירער. אויפקלערונגס־קלובן. אויסשליסונג פון גאַנצע לאָקאַלן. „דזשאָינט עקשאָן“ קאַמף. אַ קורצער שאָלעם. פאַרראַט פון די רעכטע פירער. באַנייטער קאַמף. גרינדונג

XXXVI. פון דער אינדוסטריעלער יוניאָן. — — — — — — 203

XXXVII. די קעמפנדיקע אַרבעטער און זייערע אינסטיטוציעס. — 209

XXXVIII. די באַלעבאַטישע אידן און זייערע אינסטיטוציעס. — — 214

XXXIX. די געשיכטע פון די אידישע קינדער־שולן. — — — — 219

XL. שלום. — — — — — — — — — — — — — — 226

בילדער-פאַרצייכעניש :

זייט

1) מאַפּע

2) מ. ע. נויאַך — 35

3) קאַרל מאַרקס — 49

4) דזשאָן בראַון — 52

5) מ. האַלפּערין — 57

6) א. קאַספּע — 69

7) א. ליבערמאַן — 78

8) א. האַרקאַווי — 85

9) דער „זיידע“ ווינטשעווסקי — 95

10) אַלבערט פּאַרסאָנס — 100

11) לואיס לינג — 101

12) א. גאָלדפאַדן (אין איינער פון זיינע ראָלן) — 119

13) ד. עדלשטאַט — 127

14) פּ. קראַנץ — 173

15) דעניעל דעליאָן — 144

16) שאָלעם אַליכעם — 186

17) י. וו. דעבס — 190

18) מ. אָלגין — 201

19) י. שיפּער — 213



פּאָרטוגאַלישע אויפדעקונגען.   שפּאַנישע אויפדעקונגען.   קאָלומבוסעס ערשטע נסיעה (1492—1493).

וואַסקאָ דאַ גאַמאַס נסיעה (1497—1499).   די נסיעה פון מאַגעלאַנען מיט זיינע באַלייטער אַרום דער וועלט (1519—1522).

קאפיטל I.

ווי אזוי די ערשטע אידן פון שפאניע און פארטוגאל זיינען געקומען קיין אמעריקע; וואס ס'האט זיי אהער געטריבן.

דעם דריטן אויגוסט, יאר 1492, פארט קאלומבוס ארויס פון שפאניע זוכן נייע האנדלס-וועגן. איבער'ן אטלאנטישן יאם שווימען זיינע דריי זעגל-שיפלאך און אויפ'ן דעק שטייען 120 מאטראסן, א טייל פון זיי — געוועזענע פארברעכער, אקארשט ארויסגעלאזן פון טפיסע, ווייל ס'איז שווער געווען צו געפינען באלאנים, וועלכע זאלן פרייוויליק איינשטעלן זייער לעבן צו זוכן וועגן פאר הענדלער און גאלדזוכער איבער'ן יאם פון טונקלקייט און מוירע. די מאטראסן באמערקן פונדער־ווייטנס זעגל-שיפלאך, אנגעפאקט מיט פאסאזשירן. מען בא־גריסט זיך; מענטשן אפגעריסענע פון דער ערד פילן א נאענט־קייט איינער צום צווייטן און א שוטפעסדיקער בענקשאפט; אויף די זעגל-שיפלאך ליגן אויפגעמישט צוזאמען מענער, פרויען, קינדער מיט זייערע פעק קליידער און בעטגעוואנט. קאלומבוס'עס מאטראסן וואונדערן זיך: אזא זאך האבן זיי נאך ניט געזען: מאטראסן פירן מיט זיך ניט קיין ווייבער און קינדער. אויף שיפן זעט מען זעלטן אזעלכע בילדער פון עלנט און פאר־צווייפלונג.

די פאסאזשירן זיינען געווען אידן, וועלכע מ'האט מיט א טאג פריער (דעם דריטן אויגוסט) ארויסגעטריבן פון שפאניע, דאס לאנד, וואס איז געווען זייער היים און די היים פון זייערע עלטערן הונדערטער יארן נאכאנאנד.

די זעלביקע קעניגלאכע פאר, פערדינאנד און איזאבעלא, וועלכע האט אויסגעריכט קאלומבוסן אין וועג, האט אויך אונ־

טערגעשריבן דעם באַפעל אַרויסצוטרייבן די אידן פון לאַנד. אַ גרויסער טייל אידן אין שפּאַניע איז געווען רייך; זיי זיינען געווען הענדלער, רעגירונגס־באַאַמטע און לאַנד־באַזיצער; זיי האָבן פאַרמאָגט גאָלד און נאַכלעס; די מאַכטהאָבנדיקע קלאַסן האָבן געוואָרפן אַן אויג אויף דער אידישער אַשירעס; זיי האָבן זיך פאַרדעקט מיט אַ מאַנטל פון קריסטלאַכער פרומקייט און דורכגעפירט דאָס געזעץ אַרויסצוטרייבן די „אומגלויביקע“ אידן פון לאַנד. 200,000 מענטשן האָבן געמוזט איבערלאָזן זייערע היימען. ווער — צופוס, ווער — אויף שיפן, האָט געמוזט אַוועק איבער דער וועלט, זוכן אַן אָרט, וואו אַוועקצולייגן דעם קאָפּ.

דערפאַר, ווען ס'איז געקומען די צייט פון קאָלומבוסעס צווייטער רייזע (אויספאָרשן דאָס לאַנד, וואָס ער האָט אויף זיין ערשטער רייזע אַנטדעקט) האָט זיך שוין דאָס קעניגלאַכע פאָר אין געלט־מיטלען ניט גענויטיקט. קאָלומבוס פאָרט אַרויס צום צווייטן מאָל דעם 23טן מערץ, 1493. מיט עטלאַכע כאַדאָשים פריער גייט אַרויס אַ קעניגלאַכער באַפעל, „מ'זאָל צונויפזאַמלען דאָס גאַנצע זילבער, גאָלד און איידלשטיינער, וואָס מ'האָט צוגענומען ביי די פאַרטריבענע אידן, אָדער וואָס זיי האָבן איבערגעלאָזן אויף שמירע ביי זייערע פריינט, און דאָס גוטס, וואָס קריסטלאַכע שכיינים האָבן אומגעזעצלאַך פאַר זיך פאַרכאַפּט; דאָס זאָל פאַרוואַנדלט ווערן אין מעזומענע געלט און איבערגעגעבן ווערן צום קעניגלאַכן קאַסירער (פראַנציסקאָ פינעלאָ פון דער שטאָט סעוויל), וועלכער האָט אויסגעשטאַטעט קאָלומבוסעס עקספּעדיציע אין דער ניי־אַנטדעקטער וועלט“.

* * *

די ערשטע אידישע אימיגראַנטן קיין אַמעריקע זיינען געווען באַהאַלטענע אידן־קריסטן, אָדער מיט־גוואַלט־געשמאַדטע, וועלכע זיינען אַהער געקומען מיט זייער האָב־און־גוטס, מיט אַ גרויסן סאָכרישן פאַרנעם, און געוואָלט זיך דאָ אויסבאַהאַלטן פון דער

אינקוויזיציע, וואס האט געבושעוועט אין דער אלטער היים. זיי זיינען אהער געקומען זוכן רעליגיעזע פרייהייט און גרויסע סאכרישע מעגלאכקייטן. מען האט זיי גערופן מאראנען.

די מאראנען זיינען געווען א טייל פון די רייכע קלאסן אידן אין שפאניע, וועלכע האבן פארנומען עמטער ביים קעניג־לאכן הויף, אדער האבן פארמאגט גרויסע נאכלעס און רייכ־קייט; ס'איז זיי שווער געווען אפצוזעגענען זיך מיט'ן רייכן לעבן און גיין וואנדערן אין דער פרעמד; האבן זיי אפגענארט דעם קעניג מיט די הערשערישע קלאסן און קלוימערשט אנגענומען דעם קריסטלאכן גלויבן; פאר דער וועלט זיינען זיי געווען פרומע קאטאליקן, באזוכט דעם קלויסטער, מיסוואדע געווען זיך פאר'ן גאלאך, אבער שטילערהייט, אין זייערע קעלערן, האבן זיי אפגעהיט דעם אידישן גלויבן, מיט אלע יאם־טויווים און צערעמאניעס. זייער גורל איז אין מערסטע פאלן געווען א שלימאזלדיקער: די אינקוויזיציע (דאס גאלאכישע געריכט צו מישפעטן אומגלויביקע) האט אויף זיי געהאלטן א שארף אויג; די אומוויסנדיקע מענטשן, אנגעהעצט פון די גאלאכים, האבן זיך פון זיי דערווייטערט און געהאסט; זייער געווויסן האט זיי געפלאגט. די אינקוויזיציע־אגענטן פלעגן זיי אפט כאפן אפ־היטנדיק די אידישע צערעמאניעס (פראווען פייסאך א סיידער, אדער דאווענען צוזאמען אין יאם־קיפער) און מ'פלעגט זיי פאר־ברענען אין די „הייליקע" פלאמען פון דער „אוטא־דע־פע".

אכט יאר נאך קאלומבוסעס ערשטער רייזע קומען שוין אן די ערשטע מאראנען אין דעם ניי־אנטדעקטן לאנד. אין יאר 1511 נעמט אן די שפאנישע רעגירונג מיטלען אנטקעגן די „זין און אייניקלאך" פון די פארברענטע אפיקורסים, וועלכע האלטן אן אין אמעריקע הויכע שטעלעס. אין יאר 1516 ווערט איינער א גאלאך, פריי קווועוודא, פון קיובא, באשטימט צונויפ־צושטעלן אן אינקוויזיציע־געריכט, אויסצוגעפינען און מישפעטן די „אומגלויביקע".

די „אומגלויביקע“ אין אמעריקע זיינען געווען: געשמאדטע אידן, מוסולמענער און אויך די אומגליקלאכע אינדיאנער, וועלכע זיינען בארויבט געווארן פון זייער לאנד און באקערט געווארן מיט גוואלט צום „הייליקן קריסטלאכן גלויבן“. די פארפאל־גונגען זיינען געווען אזוי שרעקלאך, אז דאס לאנד האט גע־נומען ווערן פוסט און די טיראנען אליין האבן, צוליב זייערע אינטערעסן, געמוזט אפהאלטן אביסל דעם בלוטיקן שווערד.

אבער נייע מאכנעס מאראנען האבן אלץ געהאלטן אין איין אנקומען: פינף יאר נאכ׳ן גאלעס פון שפאניע ווערן די אידן פארטריבן פון דעם שכיינעסדיקן לאנד פארטוגאל; א סאך שפאנישע אידן האבן זיך באזעצט אין יאר 1492 אין פארטו־געזישע שטעט. מען האט זיי דארט פריינדלאך אויפגענומען, ווייל דער אויפשטייגנדיקער יאם־האנדל האט זיך דאמאלסט גע־נויטיקט אין דעם אידישן סויכער. אבער דאס קעניגלאכע פאר (פערדינאנד און איזאבעלא) ווירקט אויף די פארטוגעזישע הער־שער, זיי זאלן אויך ארויסטרייבן די אידן. דארט ווערן נאך מער אכזאריעסן באגאנגען: א טייל אידישע סאכרים (אין וועל־כע מען האט זיך שטארק גענויטיקט) ווערן מיט גוואלט גע־שמאדט, קינדער ווערן אפגעריסן פון זייערע עלטערן און די איבעריקע ווערן פאריאגט.

די איבערוואנדערונג פון מאראנען אין דעם נייעם לאנד פארשטארקט זיך און אין אנהייב פון זיבעצנטן יארהונדערט גייט ארויס א באפעל פון א שפאנישן קעניג (פיליפ דער דריטער), אז די אומגעווינשטע אימיגראציע קיין אמעריקע זאל אפגע־שטעלט ווערן. אט דאס איז דער אינהאלט פון דעם ערשטן אנטי־אימיגראציע געזעץ:

„מיר פאראָרדענען, אז קיינער פון די ניי צוגעקערטע צו אונזער הייליקן גלויבן זאל ניט קומען און באזעצן זיך אין אונ־זערע „אינדיעס“ אן אונזער דערלויבעניש; ס׳קאנען אויך קיין

ניי־שפּאַניע ניט קומען די קינדער און אייניקלאַך פון אַפּי־קורסים, וועלכע זיינען פאַרברענט געוואָרן אויפ'ן פייער־שייטער. ווער ס'וועט ניט אויספאָלגן אונזערע געזעצן, וועט זיין אייגנטום קאָנפיסקירט ווערן לעטוייוועס דער קעניגלאַכער קאַסע; אַ פאַר־זינדיקטער, וואָס פאַרמאָגט ניט קיין אייגנטום, וועט באַשטראָפט ווערן מיט 100 שמיץ".

וויפיל אידן ס'האָבן פאַרלאָרן זייערע לעבנס דורך די אינ־קוויזיציעס אין אַמעריקע איז איצט שווער צו באַשטימען. די דאָקומענטן פון אַלע מישפּאָטים געפינען זיך אין די ארכיוון פון די שטעט מאַדריד, סעוויל און ליסאַבאָן, אין אַלטער שפּאַניע און פּאָרטוגאַל. מיט דער צייט, ווען ס'וועלן זיך אָפּ־שליסן די סוידעס פון יענע בלוטיקע צייטן, וועלן פעלקער פאַר־ציטערט ווערן פון די מייסים פון זייערע געוועזענע הערשער.

שפּעטער זיינען פאַר די אידן אין אַמעריקע אָנגעקומען בע־סערע צייטן; נאָך די שפּאַניער און פּאָרטוגעזער זיינען אַהער אָנגעקומען די האָלענדער און די ענגלענדער. זיי האָט אויך געטריבן די זעלביקע דאָרשט נאָך גאָלד און נאָך רויב. אָבער אין זייערע קאָלאָניעס האָבן אידן געהאַט אַ סאַך מער פריי־הייטן. די פעלקער זיינען געווען מער סאָכריש־אַנטוויקלט און זיי האָבן פאַרשטאַנען ווי אַזוי אויסצונוצן די אידישע הענדלער פאַר זייערע אייגענע געשעפטס־אינטערעסן.

ווען די האָלענדישע שיפן זיינען אין יאָר 1625 געקומען צו די ברעגן פון בראַזיל (וואָס האָט דאַמאָלסט געהערט צו פּאָרטוגאַל) און באַלאַגערט די שטאָט באַהיאַ, האָבן זיי די מאַראַנען אַרויסגעהאָלפן מיט פיל וויכטיקע אינפאָרמאַציעס. ווען די הויפּט־שטאָט באַהיאַ איז געפאַלן, האָט דער האָלענדישער קאָמאַנדיר אַרויסגעגעבן אַ באַפעל, אַז ער שענקט פרייהייט, אייגנטום־רעכט און שאָפט אָפּ אַלע רעליגיעזע פאַרפאָלגונגען פאַר די, וועלכע וועלן זיך אים פרייוויליק אונטערגעבן. אין אַ

יאָר אַרום ווערט בראַזיל צוריק פאַרנומען פון די פּאָרטוגעזער. די אינקוויזיציע ווערט צוריק איינגעפירט און פינף מאראַנען פארלירן זייערע לעבנס אויפ׳ן פייער־שייטער.

ס׳וואָלט אפשר געווען וויכטיק צו דערציילן גענויער וועגן דעם לעבן פון די ערשטע אידישע איבערוואנדערער אין די שפּאַנישע און פּאָרטוגעזישע קאָלאָניעס; אויך וועגן זייער לעבן אין די האָלענדישע און ענגלישע קאָלאָניעס, ווי סורינאַם (אָדער האָלענדישע גוויאַנאַ), וואו די ערשטע גרעסערע אידישע קעהילע פון פּלאַנטאַטאָרן און שקלאַפן־הענדלער איז אויפגעבויט געוואָרן, און וואו, אין יאָר 1682, האָט אַ רייכער פּלאַנטאַטאָר (שמועל נאָסי) געקויפט פאר אידן אַ אינזל אויפ׳ן סורינאַם־טייך, וואָס האָט שפּעטער געהייסן „די אידישע סאַוואַנאַ" (אַ געגנט אָןביימער); וועגן זייער לעבן אין די האָלענדישע און בריטישע וועסט־אינדיעס (די אינזלען קוראַקאַאָ, באַרבאַדאָס און דזשעמייקע). אָבער ווייל דער אידישער אישעוו אין יענע געגנטן איז איצט קליין און אומוויכטיק, ווייל אונז אינטערע־סירט אַממערסטן דאָס לעבן פון די אידישע מאַסן אין צאָפן־אַמעריקע, וואָס זייער צאָל איז אין מיליאָנען, וועלן מיר אַ סאך איבערהיפּן און גלייך איבערגיין צו דערציילן וועגן דעם אָנקום פון אידישע אימיגראַנטן אין ניו־אַמסטערדאַם, איצט ניו־יאָרק.

קאפיטל II.

ווי אזוי די ערשטע אידישע אימיגראנטן קומען און באזעצן זיך אין דער אלטער שטאט ניו-אמסטערדאם, וואס איז איצט ניו-יארק.

אין אן אינדיאנער זומער-טאג, יאר 1654, קומט אן אין דעם האפן פון דער שטאט ניו-אמסטערדאם (אונזער איצטיקע ניו-יארק) א שיפל, סאנט-קאטארינא,*) און ברענגט מיט זיך צופירן פון קובא 23 אידישע עמיגראנטן, מענער, פרויען און קינדער. אט די עמיגראנטן זיינען אזוי ארים, אז זיי קאנען ניט באצאלן פאר'ן וועג, און דער שיף-קאפיטאן פארקויפט זייערע בגאדים, צו דעקן די הויצאעס פון דער רייזע. די אויסגעלייזטע סומע איז נאך צו ווינציק, און דער קאפיטאן ווענדט זיך צום געריכט, אז צוויי פאסאזשירן זאלן בלייבן אויפ'ן שיף מאשקאנעס, ביז וואנען ס'וועט ניט באצאלט ווערן דער כויוו.

דאס זיינען געווען די ערשטע שפאניש-פארטוגעזישע (אדער ספארדישע) אידישע אימיגראנטן אין דער שטאט ניו-יארק.

דאס געריכט פאסקנט, אז די צוויי פאסאזשירן זאלן צייט-ווייליק געהאלטן ווערן אונטער ציווילן ארעסט (ביז וואנען מען וועט ניט סילעקן דעם כויוו). דער גובערנאטאר פון דער קא-לאניע, פעטער סטייוועסענט, איז ניט שטארק צופרידן מיט די געקומענע געסט; ער שרייבט א בריוול צו זיינע באלעבאטים, די דירעקטארן פון דער האלענדישער וועסט-אינדיע קאמפאניע,

---

*) אנדערע דענקען, אז דער נאמען פון יענער שיף איז געווען סט. טשארלס.

אין דער שטאָט אַמסטערדאַם, און בעט ביי זיי אַ דערלויבעניש ניט אַריינצולאָזן קיינעם פון די אידן, אַז זיי זאָלן ניט קומען און „פאַרפּעסטן“ די קאָלאָניעס פון ניי־האָלאַנד. ער באַקומט צוריק אַן ענטפער, אַז ס'וואָלט געווען ניט־יוישערדיק אַזוי צו טאָן; ערשטנס דערפאַר, וואָס די אידן האָבן אַ סאַך געליטן און פאַרלאָרן, ווען בראַזיל (די האָלענדישע קאָלאָניע) איז אַריינגעפאַלן צו די פּאָרטוגעזער, און צווייטנס — געפינט זיך אַ סאַך אידיש געלט אין די אַקציעס פון דער וועסט־אינדיע קאָמפּאַניע; זיי פּאַסקענען, אַז די אידן קאָנען דאָ פאַרבלייבן מיט איין באַדינג: זיי מוזן אַליין אויסהאַלטן זייערע אייגענע אָרימע־לייט, זיי זאָלן ניט פאַלן צו לאַסט אויף דער קאָמפּאַניע, אָדער אויף די קאָלאָניסטן.

סטייוועסענט איז אַן איינגעשפּאַרטער, באַגרענעצטער, אומ־טאָלעראַנטער מענטש; ער טוט אַן צאָרעס די אומגעווינשטע אימיגראַנטן און עס קומט אָן אַ צווייטער בריף פון דער קאָמ־פּאַניע, וואו זי פאָדערט פון אים, ער זאָל די אידן דערלויבן האַנדלען אין פאַרט אָרענדזש (איצט איז עס די שטאָט אַלבאַני) און אויפ'ן סאַוט־ריווער (דער דעלאַווער טייך); עס איז זיי אָבער פאַרווערט צו פאַרנעמען זיך מיט קליין־האַנדל (ניט געבן זיי קיין געלעגנהייט צו קאָנקורירן מיט'ן האָלענדישן קרעמער); זיי מוזן בויען זייערע וואוינונגען אַלע צוזאַמען אויף איין פּלאַץ (אַ מין געטאָ); קיין שולן טאָרן זיי ניט בויען און זיי דאַרפן אָפּריכטן זייערע גאָט־דינסטן שטילערהייט ביי זיך אינ־דערהיים.

שפּעטער בעטן די אידן אַ שטיקל פּלאַץ פאַר אַ בייס־עוילאָם. זייער געבעט ווערט אָפּגעזאָגט, ווייל „ס'איז נאָך קיין נויט אין דעם דערווייל ניטאָ“. אין אַ יאָר אַרום קריגן זיי שוין אַ שטיקל ערד; דאָס איז דער בייס־עוילאָם אויף אָליווער גאַס און ניו־באָוערי, וואָס די איינגעפאַלענע פאַר־

עלטערטע מאציייוועס זיינע קאן מען נאך איצט באמערקן פארנ־דיק אויף דער צווייטער עוועניו „על".

די שטאט ניו־אמסטערדאם איז נאך דאמאלסט זייער קליין, פארמאגט איינגאנצן א 1,600 איינוואוינער; זי פאר־נעמט דעם דארעמדיקן טייל פון מאנהעטן אינזל, ארום די ברעגן פון האדסאן טייך. דארטן זיינען אויסגעבויט קלייני־שטעטלדיקע האלענדישע שטיבעלאך און ס'לעבן ציט זיך דארט רואיק און פארשלאפן. איבער'ן טייך פארט מען אויף שיפלאך צו דער אנדער זייט, וואו ס'ליגן פארמס און פארזייטע פעלדער. אביסל העכער פונ'ם נידעריקן טייל מאנהעטן אינזל איז וואלד און ווילדערניש.

ס'גאנצע שטעטל געהערט צו דער וועסט־אינדיע האנדלס־קאמפאניע, וועלכע האט זי געבויט; עס וואקסט און אנטוויקלט זיך; אבער די רייכקייט האט געבראכט מיט זיך שרעק און אומרו:

ניו־אמסטערדאם, ביים ברעג פון יאם, איז אלעמאל געווען אין סאקאנע, צוליב די אנפאלן פון יאם־רויבער און שפאנישע פיראטן. די אינדיאנער פלעגן אויך מאכן אפטע איבערפאלן; און די ענגלענדער, וועלכע האבן געהאט טוויעס אויף דער קא־לאניע, ווייל זייער רייזנדער קאבאט האט דאס לאנד צום ערשטן מאל אנטדעקט, האבן אויך די שטאט פון צייט צו צייט בא־אומרואיקט.

אלע מענער איינוואוינער פון שטאט האבן דערפאר גע־דארפט זיין באוואפנט און האלטן טאג־און־נאכט־וואך ארום דער שטאט־וואנט, וואס איז דאמאלסט געווען אין דער איצ־טיקער „מיליאנערסקער" „וואל סטריט". ווען די ערשטע אי־דישע אימיגראנטן זיינען אנגעקומען, איז געווארן א פראגע: נעמען זיי אין דער מיליציע, אדער ניט?

ס׳איז באשלאָסן געוואָרן, אַז אידן ווערן אויסגעשלאָסן פון מיליטערישער דינסט, און דערפאַר דאַרף יעדער מאַן, פון 16 ביז 60 יאָר, צאָלן אַ כוידעשדיקן אויסלייז־שטייער — 65 סטי־ווערס.

אין 1664 פאַלט די שטאָט אַריין אין ענגלישע הענט. פון ניו־אמסטערדאַם ווערט ניו־יאָרק. די הענדלער און לאַנד־פאַר־קאַפער האָבן דעם אויסטויש פון באַלעבאַטים גאָר ניט געפילט: צופיל זיינען זיי געווען פאַרנומען מיט זייערע גאָלדענע מיס־כאָרים.

די אידישע לאַגע האָט זיך אויף ווינציק געביטן. ווי פריער, איז זיי געווען פאַרבאָטן פאַרנעמען זיך מיט קרעמעריי און איינצל־האַנדל; ס׳איז געווען דערפאַר, ווייל מען האָט זיך גע־נויטיקט אין זייערע פייאיקייטן אָנצוקניפּן האַנדלס־פאַרבינדונ־גען מיט ווייטערע שטעט און לענדער; ווי פריער, האָבן זיי גע־דאַרפט אויסבעטלען דערלויבענישן פאַר ביים־אוילאָמס און שולן. קיין וויכטיקע דענקמעלער, וואָס זאָלן אין געשיכטע פאַרשריבן ווערן, האָבן זיי נאָך זיך ניט איבערגעלאָזן. עס געפינען זיך בלויז אין די פאַרוואָרפענע ווינקלאָך פון ניו־יאָרק אַלטע, פאַר־געסענע ביים־אוילאָמס מיט איינגעפאַלענע שטיינער־מאַצייוועס, אונטער וועלכע עס רוען די ביינער פון דעם ערשטן דאָר אי־דישע אימיגראַנטן.

קאפיטל III.

ווי אזוי ס'האט זיך געלעבט די אידן אין די אָריגינעלע קאָלאָניעס. ניו-פּאָרט, ראָוד איילענד, וואקסט אוים און ווערט דער גרעסטער אידישער צענטער.

מיר וועלן איצט דערציילן וועגן די אידישע אימיגראנטן, וועלכע האָבן זיך באזעצט אין די אָריגינעלע קאָלאָניעס, ווען ענגלאנד האָט נאָך איבער זיי געהערשט.

מאסאטשוזעטס, די היים פון די פּוריטאנער, איז געווען א שלעכטע היים פאר אידן אין יענער צייט. די פּוריטאנער זיינען געקומען אהער זוכן רעליגיעזע פרייהייט פאר זיך, אָבער זיי האָבן פארפאָלגט אלע אנדערע, ניט פון זייער גלויבן. זייער גלייכהייט איז אויך געווען אן ענגע און א באגרעניצטע. דאָס שווערע לעבן אין דעם נייעם, ניט-פריינדלאכן לאנד, און די גרויסע שטרעקעס פרייע ערד, וואָס זיינען געווען אָפן פאר יעדערן, האָבן א היבש ביסל אויסגעגליכן די באציאונגען צווישן באלעבאָס און דינער ביי אָט די קליינע ענגלישע לאנד-באזיצער און הענדלער. אָבער קיין פרעמדע האָבן זיי צו זיך ניט צוגע-לאָזן. צווישן די אלטע דאָקומענטן פון דער פּוריטאנישער קאָ-לאָניע געפינט זיך איינער פון יאָר 1649, וואָס דערציילט וועגן א סומע פון זעקס שילינג א וואָך, וואָס דאָס געריכט האָט צו-געפּאסקנט צו איינעם א אידן (סאָלאָמאָן פראנקאָ). ער האָט אזא סומע געדארפט באקומען 10 וואכן נאָכאנאנד ביז וואנען ער וועט פארלאָזן דאָס לאנד (ער איז דערצו מיסטאמע געווען געצוואונגען) און אומקערן זיך צוריק אין האָלאנד.

א סאך אידן האָבן זיך באזעצט אין דער שכיינעסדיקער

קאָלאָניע, ראָוד איילענד. די קאָלאָניע איז געגרינדעט געוואָרן פון איינעם א פוריטאנער פרעדיקער, ראדזשער וויליאמס. ער איז געוועזן ניט איינשטימיק מיט דער עקשאָנעסדיקער קליינ־לאכקייט און פאנאטיזם פון די אַלטע פוריטאנער און דערפאר האָט מען אים פארטריבן פון מאסאטשוזעטס אין „מידבאָר" אריין, „אויסצושטיין די שוועריקייטן פון דעם צאָפנדיקן ווינטער און די ביטערע ליידן פון הונגער".

אין דער קאָלאָניע זיינען אויפגעבויט געוואָרן די שטעט פראווידענס, פאָרטסמוט און ניופאָרט. ניופאָרט ווערט אינגיכן א גרויסע האפן־שטאָט. אירע איינוואוינער פארנעמען זיך מיט וואל־פיש־פאנג און יאם־האנדל. ס'ווערן דאָרט אויפגעבויט אר־בעטס־הייזער פון ליכט און בוימל. דער האנדל ציט צו אי־דישע אימיגראנטן, וועלכע באזעצן זיך דאָ און נעמען אין דעם אויפבוי פון שטאָט א וויכטיקן אנטייל.

דער אַלטער אידישער בייס־אוילאָם פון ניופאָרט איז בא־זונגען געוואָרן פון די דיכטער לאָנגפעלאָו און עמאַ לאזארוס. די אידן האָבן זיך אין יענער שטאָט געפילט ווי פרייע מענטשן. עמעס, קיין פולבארעכטיקטע בירגער זיינען זיי דאָרטן אויך ניט געוועזן. אזוי האָט טאקע באשטימט די גענעראַלע אסעמבלי פון ראָוד איילענד, אין יאָר 1684:

„אידן קאָנען דאָ דערווארטן אזוי פיל שוץ, וויפיל עס האָט יעדער פרעמדער, ניט פון אונזער פאָלק, וועלכער וואוינט אין דער קעניגלאַכער קאָלאָניע און ווארפט זיך אונטער די קע־ניגלאַכע געזעצן".

ווען עס האָט אויסגעבראָכן די אמעריקאנער באפרייאונגס־מילכאָמע, האָבן זיך אין ניופאָרט געפונען ארום 1175 אידן; דער גרעסטער טייל אידן, וואָס איז דאמאָלסט געוועזן אין גאנצן לאַנד (זייער אַלגעמיינע צאָל איז געוועזן אַן ערך פון 2,000).

אין פּענסילווייניע זיינען אידן אָנגעקומען נאָך פריער, איי־דער וויליאַם פּען (נאָך וועמען די קאָלאָניע האָט איר נאָמען געקראָגען) איז אָנגעקומען אהער מיט זיינע קוועיקערס און געגרינדעט די שטאָט פילאַדעלפיע. מען דענקט, אַז דאָס זיינען געווען אידן פון ניו־אַמסטערדאַם, וועמען פּעטער סטייוועסענט האָט פאַרבאָטן צו פירן דאָס פעל־האַנדל איבער׳ן טייך דעלאַ־ווער. דאָס האַנדל איז געווען אַזוי געשמאַק, אַז זיי האָבן פאַר־לאָזן זייערע באַזעסענע היימען און איבערגעקליבן זיך אהער אין דער ווילדערניש.

שפּעטער טרעפן מיר שוין אַ אידישן אישעוו אין פילאַ־דעלפיע; אין יאָר 1740 קריגן זיי אַ שטיקל פעלד פאַר אַ בייס־אוילאָם (אויף ספּריוס גאַס, ראָג ניינטער); זיי בעטן אויך אַ דערלויבעניש פאַר אַ בייסמעדרעש, אָבער זיי קריגן עס ניט אַזוי לייכט. ווען עס ברעכט אויס דער קריג מיט ענגלאַנד, געפינען מיר די נעמען פון אַכט אידישע סאָחרים, וועלכע פאַר־אייניקן זיך מיט אַלע איבעריקע סאָחרים אין אַ באָיקאָט אויף ענגלישע סכוירעס.

מערילאַנד, די שביינעסדיקע קאָלאָניע, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן פון לאָרד באַלטימאָר, צו זיין אַ היים פאַר די פאַר־פאָלגטע קאַטאָליקן אין ענגלאַנד, איז אויך געווען ניט קיין זיכערער פּלאַץ פאַר אידן. די קאָלאָניע שאַפט געזעצן פון רעליגיעזער פרייהייט, אָבער בלויז פאַר קריסטן. ס׳איז דאָרט געווען אַ געזעץ, וואָס באַשטראָפט מיט טויט אַלע די, וועלכע גלויבן ניט אין דער הייליקער קריסטלאַכער דריי־אייניקייט, אָבער ס׳איז ניט באַוואוסט, אויב דאָס געזעץ איז אַמאָל אויס־געפּרואווט געוואָרן. אין די אַרכיוון פון שטאַט געפינט זיך אַן אינטערעסאַנטע מייסע וועגן אַ אידישן דאָקטאָר, לאָמבאַראָזאָ, פון ליסאַבאָן, פּאָרטוגאַל; ער האָט זיך אַמאָל אַריינגעלאָזן מיט אַ קריסט אין אַ וויכוח וועגן דעם, צי מאָשיאַך איז שוין גע־

קומען, אָדער ער דאַרף נאָך קומען. דערפאַר איז ער אָנגעקלאָגט געוואָרן אין „גאָט־לעסטערונג“ און ס'האָט אים דערוואַרט אַ שטרענגע שטראָף. צום גליק איז דאַמאָלסט אין ענגלאַנד פאָר־געקומען אַ רעוואָלוציע; דער קעניג טשאַרלס האָט אויף דער פּלאַכע פאַרלאָרן דעם קאָפּ און דער פּוריטאַנער קראָמוועל איז דער הערשער פון לאַנד געוואָרן. קראָמוועל אַמנעסטירט אַלע פאַרברעכער און דעם אידישן דאָקטאָר איז אויך זיין כעט גע־שענקט געוואָרן.

אין אַלגעמיין איז מערילאַנד געווען אַ בייזע היים פאַר'ן אידישן אימיגראַנט און זי איז אויך געווען די לעצטע פון אַלע שטאַטן אָפּצושאַפן אירע באַגרעניצונגען אַנטקעגן די אידן.

די קאָלאָניע דזשאָרדזשיע איז געווען פריינדלאַך צו אידן; זי איז געגרינדעט געוואָרן פון אַן ענגלישער קאָמפּאַניע און דער גוטהאַרציקער דזשיימס ע. אָגלעטאָרפּ איז געווען איר ערשטער גובערנאַטאָר; די קאָמפּאַניע האָט אויסגענוצט די אַרעסטאַנטן פון ענגלאַנד, וועלכע זיינען פאַרזעצט געוואָרן פון זייערע באַל־כויוועס אין טפיסע (די געזעצן אַנטקעגן אָרימעלייט, וועלכע האָבן ניט געקאָנט באַצאָלן זייערע געלט־שולדן, זיינען געווען זייער שטרענג אין יענער צייט). אַ טייל פון זיי האָט מען אַרויסגענומען פון די טפיסעס און אַריבערגעבראַכט אין דער נייער קאָלאָניע; די קאָלאָניע האָט אויך געדאַרפט דינען פאַר אַ שוץ־וואַנט אַנטקעגן די שפּאַניער, וועלכע האָבן זיך פאַר־פעסטיקט אין פלאָרידע און געשטעלט אין סאַקאָנע די ענגלישע הערשאַפט.

די קאָלאָניע האָט זיך אָקאָרשט אָנגעהויבן צו באַזעצן; ערשט ס'זיינען פּלוצלונג אָנגעקומען פערציק פּאָרטוגעזישע אידן אין סאַוואַנאַ; אָגלעטאָרפּ האָט זיי אויפגענומען און באַטראַכט זייער אָנקומען פאַר אַ גוטן געווינס. די ספּאַרדישע אידן האָבן געהאָלפן איינפירן די זייד־פאַבריקאַציע און קולטיווירן וויינ־

טרויבן. דער ערשטער געבארענער ווייסער אינגל אין דער קא־לאניע איז געווען א איד (איצכאק מינים). אין דער קאלאניע איז נעגער־שקלאפעריי דאמאלסט געווען פארבאטן. צוליב דעם פארבאט האבן א סאך אידישע סאכרים אויסגעוואנדערט אין דער שכיינעסדיקער שקלאפן־האלטערישער קאלאניע פון דארעם־קאראליינע. שפעטער, ווען דזשארדזשיע איז געווארן א שקלאפן־טרייבערישער שטאט, האבן די אידן אויסגענוצט די שקלאפן־ארבעט, צוזאמען מיט אלע איבעריקע ווייסע מעיוכאסים.

אין די קאראליינאס זיינען די געזעצן פאר פרעמדע אויך געווען זייער פריינדלאכע. דער ענגלישער געלערנטער פילאזאף, דזשאן לאק, האט אויסגעארבעט די קאנסטיטוציע פאר יענער קאלאניע; זיינען די אידן, געצנדינער און אנדערש־גלויביקע געווען פריי צו קומען און זיך דארט צו באזעצן. ניט קוקנדיק אויף די פונקטן פון רעליגיעזער טאלעראנץ, איז די קאנסטי־טוציע פון דעם גרויסן געלערנטן געווען זייער א לעבערלאכע; לויט זיין פלאן האט דאס לאנד געדארפט איינגעטיילט ווערן אין פינף „קאונטים“. יעדע „קאונטי“ זאל האבן א גראף און צוויי בארא‍נען; צום גראף און די בארא‍נען האט געמוזט געהערן איין פינפטל פונ׳ם גאנצן לאנד; צו די באלעבאטים — נאך א פינפטל. די איבעריקע ערד — צו די פארשקלאפטע פויערן, וועלכע האבן ניט געטארט האבן קיין שום דייע אין דער קאלאניעס זעלבסט־רעגירונג. דער פלאן איז באקאנט אונטער׳ן נאמען: „דער גרויסארטיקער מאדעל“; ער איז אבער געווען דער גרויסארטיקסטער דורכפאל.

ניט קוקנדיק אויף די פרייע געזעצן פאר פרעמדע, זיינען קיין סאך אידישע איבערוואנדערער די ערשטע צייט אהין ניט איבערגעקומען. ערשט שפעטער ווערט געגרינדעט א אידישע קעהילע אין דער שטאט טשארלסטאן.

קליינע שפורן פון א אידישן אישעוו אין שטאט קאנעקטיקוט

געפינען מיר אין די שטאָט־דאָקומענטן פון יאָר 1659 (אָדער 1650). ס׳ווערט דאָרט דערמאָנט דער נאָמען פון „דאָוויד, דעם איד“, אין דער שטאָט האַרטפאָרד. אין די דאָקומענטן פון יאָר 1661, אין דער זעלביקער שטאָט, געפינען מיר פאַרשריבן: „דעם טאָג האָבן די אידן, וואָס וואוינען אין דעם הויז פון דזשאָן מאַרש, געקראָגן די דערלויבעניש צו בלייבן אין שטאָט נאָך זיבן כאַדאָשים“. די זעלביקע אידן ווערן אין די שפּעטערדיקע דאָקומענטן אויך דערמאָנט, און דאָס באַווייזט, אַז זיי זיינען פאַרבליבן לענגער, ווי די צייט, וואָס מען האָט פאַר זיי באַשטימט. שפּעטער ווערן אַלע שפּורן פונ׳ם אידישן אישעוו פאַרשוואונדן, און מען איז ניט זיכער, אויב דער אישעוו האָט זיך דאָרט איינגעפונדעוועט, אָדער ער איז צייטווייליק אונטערגעגאַנגען.

קאפיטל IV.

דער קאמף פון די קאלאניעס פאר זעלבסטשטענדיקייט. אידן נעמען אן אנטייל אין דעם רעוואלוציאנערן קריג.

ס'קומט אן דאס יאר 1775. עס ברעכט אויס דער קאמף פון די דרייצן קאלאניעס מיט דעם מוטער־לאנד ענגלאנד, פאר זעלבסטשטענדיקייט.

קאל־זמאן די קאלאניעס זיינען נאך געווען שוואך, האבן זיי זיך געגוויטיקט אין ענגלאנד'ס פארזארגונג און הילף. ענגלאנד האט זיי געהאלפן אויסלייגן אין דער ווילדערניש וועגן, פירן מילכאמעס מיט די אינדיאנער, און זי האט זיי באשיצט פון די פראנצויזישע און שפאנישע סאנים. אין דער זעלבער צייט האט ענגלאנד געהאפט, אז די קאלאניעס וועלן איר בלייבן שטענדיק אונטערטעניק און זי וועט דורך זיי פארגרעסערן איר רייכקייט און פראפיטן.

אבער ביסלאכווייז זיינען די קאלאניעס אויסגעוואקסן און געשטעלט זיך אויף די אייגענע פיס. די אריסטאקראטישע מייריוור־פלאנטאטארן זיינען „באגליקט“ און רייך געווארן פון זייערע טאבאק און באוול־פלאנטאציעס. זיי האבן זיך געגוויטיקט אין ביליקע ארבעטס־הענט (די רויט־הויטיקע אינדיאנער זיינען געווען צו שוואך און זיי האבן צו דער ארבעט ניט געטויגט), האט זיי ענגלאנד אין דעם אויך די ערשטע צייט ארויסגעהאלפן: זי האט אהער געשיקט פארברעכער, ארעסטאנטן פון די טפיסעס, מענטשן פארשקלאפטע צוליב זייערע ניט־באצאלטע כויועס, צוגעגאנוועטע קינדער. דער פוריטאנישער הערשער, קראמוועל, האט אהער אויך געשיקט איירישע מילכאמע־געפאנגענע, צו

טאָן צוואַנג־אַרבעט אויף די טאַבאַק־פּלאַנטאַציעס פון ווירדזשיניע.

פאַר די לאַנד־הערשער זיינען די אויצרעס פון וועסט־שקלאַפעריי נאָך ווינציק געווען. אין יאָר 1619 האָט די האָלענדישע שיף „טרעזשורער", אין דער שטאָט דזשיימסטאַון צום ערשטן מאָל אַן אויצער פון 20 געזונטע, שטאַרקע נעגערן צום פאַרקויף געבראַכט. שקלאַפעריי האָט זיך פון דאַמאָלסט אָן ווי אַ וואַלד־פייער איבער'ן לאַנד צעשפּרייט. אין יאָר 1860, פאַר'ן בירגער־קריג, זיינען שוין אין לאַנד געווען פיר און אַ האַלבער מיליאָן נעגערשע מענטשן־שקלאַפן.

די צפון־שטאַטן זיינען אויך אויסגעוואַקסן. אין דער צייט, ווען די פרומע פוריטאַנישע גאַלאַכים האָבן אַכטונג געגעבן אויף דער פרומקייט און געברענט מעכאַשייפעס, זיינען דערווייל די האַנדלס־לייט אָנגעגאַנגען מיט זייערע געשעפטן און זיך ווינציק געזאָרגט פאַר גאָטס געבאָטן. אַ סאַך פון זיי האָבן זיך פאַרנומען מיט קאָנטראַבאַנדע־האַנדל און געפירט געשעפטן מיט פּיראַטן. אַ טייל האָבן אָנגעהויבן צו אַנטוויקלען ביי זיך אין דער היים אַרבעט און פאַבריקאַציע, קעדיי מען זאָל דאַרפן וואָס ווייניקער קויפן פון ענגלאַנד.

ווען די ענגלישע גובערנאַטאָרן האָבן געשטערט דעם יונגן האַנדל און פאַבריקאַציע, האָט זיך אויפגעהויבן צווישן די רייכע קלאַסן אין צפון און אין דאָרעם אַ שטאַרקע אומצופרידנהייט מיט מוטער־ענגלאַנד. די אַלגעמיינע עקאָנאָמישע אינטערעסן זיינען געווען שטאַרקער ווי די רעליגיעזע מיינונגס־פאַרשידנקייטן, וואָס האָבן פונאַנדערגעטיילט די קאָלאָניסטן. ס'האָבן זיך פאַראייניקט צוזאַמען פוריטאַנער, פּראָטעסטאַנטן, קוויקערס, קאַטאָליקן און אידן. דער אויפשטאַנד קעגן ענגלאַנד האָט אויסגעבראָכן.

די 2,000 שפּאַנישע און פּאָרטוגעזישע אידן, וועלכע האָבן דאַמאָלסט געלעבט אין די קאָלאָניעס, האָבן זיך אויך שטאַרק אינטערעסירט, און אַ טייל פון זיי האָט אַקטיוו אַנטייל גענומען, אין דעם קאַמף פון יענער צייט. די אידישע באַפעלקערונג איז גרעסטנטיילס געווען אַ סאָכרישע. די פאַרמעגנס, וואָס זייערע אַנטלאָפענע עלטערן (די מאַראַנען) האָבן אַהער געבראַכט צו־פירן פון שפּאַניע, האָבן זיי אַריינגעלייגט אין פאַרשידענע געשעפטס־אונטערנעמונגען. אין דעם האַפן פון דער שטאָט ניו־פּאָרט האָבן זיי פאַרמאָגט שיפן, וועלכע האָבן געפירט האַנדל מיט די וועסט־אינדיעס, און אויך אין די ווייטע געגנטן פון אַפריקע און אין די פאַלקלאַנד אינזלען. אין דער שטאָט פי־לאַדעלפיע זיינען אויך געווען גרויסע אידישע סאָכרים; קיין וואונדער ניט, אַז דער רעוואָלוציאָנערער אויפברויז, וועלכער האָט סאָף־קאָל־סאָף געדאַרפט ברענגען גליק און גרויסע מעג־לאַכקייטן פאַר די פאַבריקאַנטן און הענדלער, האָט צווישן די ספּאַרדישע אידן געפונען אונטערשטיצער און פריינט.

דער גרעסטער טייל אידן איז געווען אויף דער זייט פון די רעוואָלוציאָנערן און אַרויסגעהאָלפן זיי אויף פאַרשידענע אויפאַנים: די סאָכרים זיינען צוגעשטאַנען צום באָיקאָט־אָפּמאַך און אָפּגעזאָגט זיך צו קויפן סכוירעס פון ענגלאַנד. (מיר געפינען אין די דאָקומענטן פון יאָר 1765 אונטערשריפטן פון אַכט אי־דישע סאָכרים, פון דער שטאָט פילאַדעלפיע, אויף דעם „נאָן־אימפּאָרטיישאָן“־אָפּמאַך). אידישע הענדלער פון פאַרשידענע שטעט האָבן צוגעשטעלט פּראָוויאַנט און אַנדערע נויטיקע זאַכן צו דער קעמפנדיקער אַרמיי. (ס'איז טאַקע געווען אַ גוט־באַ־צאָלטער געשעפט, אָבער אַ סאַקאָנעסדיקער). אַ טייל פון זיי זיינען געווען באַאַמטע און געהאָלפן די אַרמייען הינטער דער קריגס־ליניע; אַנדערע זיינען אַריינגעטראָטן אין דער אַרמיי, ווי אָפיצערן און פּראָסטע סאָלדאַטן, און געשטעלט צום דינסט זייער לעבן און בלוט. בלויז אַ קליינער טייל אידן, פון די, וועלכע

האָבן געהאַט האַנדלס־פֿאַרבינדונגען מיט ענגלאַנד, זיינען גע־בליבן געטרייע „לאָיאַליסטן״.

די שטאָט ניופּאָרט, אין וועלכער עס האָט זיך געפֿונען די גרעסטע צאָל אידישע איינוואוינער, האָט זייער שטאַרק געליטן פֿון דער רעוואָלוציע. די איינוואוינער האָבן אויף זיך אַרויפֿ־געבראַכט דעם ענגלישן צאָרן מיט דעם, וואָס זיי האָבן פֿאַר־כאַפּט און פֿאַרברענט אַן ענגלישע קריגס־שיף, וואָס איז אַהער אָנגעקומען אויפֿמאַנען דעם קעניגלאַכן שטייער. 8,000 ענגלישע און העסישע סאָלדאַטן פֿאַרכאַפּן די שטאָט אין יאָר 1776. זיי פֿאַרברענען 480 הייזער, רואינירן דעם גאַנצן האַנדל. די אידישע באַפֿעלקערונג צעלויפֿט זיך און די שטאָט קומט קיינמאָל ניט צוריק צו זיך פֿון איר דאַמאָלסטדיקער מאַפּאַלע.

די אידישע פּאַטריאָטן, פּונקט אַזוי ווי אַלע אַנדערע פּאַט־ריאָטן, וועלכע גרויסן זיך מיט דעם איכעס פֿון זייערע אור־עלטערן, האָבן צונויפֿגעזאַמלט 40 נעמען פֿון אידן, וועלכע האָבן געדינט אין דער קאָנטינענטאַלער אַרמיי. זיי האָבן געהערט צו די רייכע ספֿאַרדישע פֿאַמיליעס, און דערפֿאַר איז דער פּראָצענט אָפּיצערן צווישן זיי אַ גאַנץ גרויסער. מיר געפֿינען דאָרט די נעמען פֿון אַ פֿרענק־פֿאַמיליע, דריי פּינטאָ ברידער, אַ בוש־מישפּאָכע און נאָך אַנדערע.

אַ סאַך רייכע אידן האָבן געשטיצט די מילכאָמע מיט געלט. איינער פֿון די העלדן (וועמען די אידיש־אַמעריקאַנער פּאַטריאָטן קלייבן זיך אַ דענקמאָל אין דער שטאָט ניו־יאָרק אויפֿצושטעלן) איז געווען כאַים סאַלאָמאָן. ער איז געבאָרן געוואָרן אין פּוילן, אין יאָר 1740 און געשטאָרבן אין פֿילאַדעלפֿיע, אין יאָר 1785. ער איז געווען אַ באַנקיר און אַ געלט־אויסטוישער און ער האָט געהאַט געשעפֿטלאַכע פֿאַרבינדונגען מיט ראָבערט מאָריס, דעם פֿינאַנסיר פֿון דער רעוואָלוציע. דורך זיינע הענט זיינען דורכ־געגאַנגען די געלט־אייסאָקים פֿון דער פֿראַנצויזישער רעגירונג,

וועלכע האט דאמאלסט געהאלפן די קאלאניעס. די ענגלענדער האבן אים פארהאלטן, ווען זיי האבן פארנומען ניו־יארק; אבער צוליב זיין שפראכן־קענטשאפט, האבן זיי אים באפרייט און געוואלט אים אויסנוצן פאר זיך; ער האט שטילערהייט געהאלפן אנטלויפן א סאך אמעריקאנער און פראנצויזישע מילכאמע־געפאנגענע. מען דערציילט, אז סאלאמאן האט ארויסגעהאלפן מיט א ברייטער האנט די נויטבאדערפטיקע פירער פון דער רעוואלוציע, און אז נאך זיין טויט איז אים די נייע רעגירונג געבליבן שולדיק א כויוו פון 350,000 דאלארן.

דעם כויוו מאנען נאך איצט זיינע יארשים פון דער רעגירונג, מיט פראצענט.

קאפיטל V.

ווי אזוי די ספארדישע אידן דערשלאגן זיך אין דער נייער רעפובליק צו רעליגיעזער פרייהייט און גלייכבארעכטיקונג. די צווייטע מילכאמע מיט ענגלאנד. דער אידישער סויכער — א פאטריאט פון יענעם קריג.

די דרייצן קאלאניעס זיינען געווארן זעלבסטשטענדיק; די פארוויסטע שטעט און צעטראטענע פארמס הייבן אן, נאך דער מילכאמע, קומען צו זיך. נייע שטעט בליען זיך פאנאנדער און ציען צו זיך צו נאך איינוואוינער.

א טייל אנטלאפענע אידישע סאכרים פון דער שטאט ניו־פארט קומען אן קיין ניו־יארק און קיין פילאדעלפיע; פילא־דעלפיע ווערט דאמאלסט דער גרעסטער אידישער אישעוו. ס'קומען אהין אויך צופארן אידן פון דייטשלאנד און פוילן. שפעטער טיילן זיי זיך אפ פון די ספארדישע אידן און גרינדן א באזונ־דערע אשקענאזישע קעהילע.

אין די איבעריקע קאלאניעס איז די צאל אידן זייער א קליינע. זיי זיינען אומעטום צעשפרייט; און כאטש די נאציאנאלע רעגירונג האט אפגעטיילט די קירך פון שטאט און געגעבן אלע איינוואוינער גלייכע רעכט (ווייל אין א לאנד מיט אזוי פיל פארשידנארטיקע סעקטן איז דאס געווען דער איינציקער מיטל צו א פרידלאכן צוזאמענלעבן זיך), זיינען דאך אין די קאנסטי־טוציעס פון די איינצלנע שטאטן פארבליבן א סאך פארעלטערטע אומטאלעראנטע געזעצן. די קאנסטיטוציעס זיינען געבליבן בירושע פון דער אלטער קאלאניאלער צייט. די אידן האבן א סאך

יאָרן געדאַרפט אָנפירן א קאמף, ביז וואנען די פארעלטערטע גע־זעצן זיינען אָפּגעשאפט געוואָרן.

אזוי איז אין ווירדזשיניע, דעם שטאט פון וואשינגטאָן און דזשעפערסאָן, אָנגעגאנגען א סיכסאָך, צי זאָל דער קריסטלאכער גלויבן באשטימט ווערן פאר דעם הערשנדיקן אין שטאט. דער באוואוסטער פעטריק הענרי האָט פאָרגעשלאָגן א געזעץ, אז יעדער בירגער זאָל באשטייערט ווערן מיט א צינז אויפצוהאלטן די קריסטלאכע אינסטיטוציעס; אַנדערע גלויבנס זאָלן בלויז טאָ־לערירט ווערן (גערולדעט ווערן) און ניט זיין גלייך. מעדיסאָן האָט אָנגעפירט דעם קאמף פאר פולער רעליגיעזער פרייהייט, און ער האָט סאָף־קאָל־סאָף געוואונען.

מערילאנד האָט אָנגעהאלטן אירע פארעלטערטע געזעצן קעגן אידן ביז'ן יאָר 1826. אהין זיינען אָנגעקומען א סך אידן אין דער צייט פון דער רעוואָלוציאָנערער מילכאָמע און נאָכ־דעם, און זיי האָבן זיך באזעצט אין דער שטאָט באלטימאָר. קיינער פון זיי האָט ניט געטאָרט פארנעמען קיין רעגירונגס־אמט; אזא אמט האָט געקאָנט אָנהאלטן בלויז דער, וועלכער האָט געמאכט א דערקלערונג, אז ער גלויבט אין דער קריסטלא־כער רעליגיע. די ספארדישע אידן האָבן א לאנגע צייט אָנגע־פירט א קאמף אנטקעגן דעם געזעץ; ענדלאך האָבן זיי געוואונען, און א פריינדלאכער אידן־ביל איז דורכגעגאנגען מיט דער אָפּ־שטימונג פון 26 אנטקעגן 25, אין דעם געזעצגעבנדיקן דעלעגאטן־הויז.

קיין גרויסע אימיגראציע איז נאָך דאמאָלסט ניט געווען; ווינציק אידן זיינען אריינגעקומען אין לאנד די ערשטע 25 יאָר נאָך דער באפרייאונגס־מילכאָמע; די ארויסגעטריבענע ספארדישע אידן און די מאראנען האָבן איינגעוואנדערט אין טערקיי, מאראָקאָ, האָלאנד, פראנקרייך און ענגלאנד און דאָרטן געמאכט זייערע היימען; פאר די אידן פון מיירעוו־אייראָפּע

זיינען דאמאלסט אנגעקומען בעסערע צייטן; הונדערטער יארן האבן זיי דארט אפגעלעבט פארשפארטע אין די געטאס, פאר־שטויסענע און באליידיקטע; זייער באפרייאונג איז געקומען צו־זאמען מיט דער פראנצויזישער רעוואלוציע.

אין יאר 1789 האט אויסגעבראכן מיט שטורעם דער אויפ־שטאנד פון די פראנצויזישע מאסן.

ס'פאלט די פעסטונג פון באסטיל, ס'צינדן זיך אן, ווי ליכטלאך, די פריצישע הויפן. דאס פאלק נעמט געווער אין האנט אפצורעכענען זיך מיט זיינע אונטערדריקער.

די רעוואלוציע האקט אפ דעם קעניג'ס (לואיס דער זעכצנטער) קאפ און פארטרייבט פון לאנד די געוועזענע פריצים. אבער די אייראפייאישע קעניגער און פריצים האבן ניט געקאנט פארטראגן און צוזען, ווי א פאלק באפרייט זיך פון זיינע קייטן. די מעלוכעס גייען ארויס קעמפן אנטקעגן די רעוואלוציאנערן; די פראנצויזישע יוגנט גייט אריין פרייוויליק אין די רעפובליקאנישע ארמייען און אונטער די קלאנגען פון דער מארסעליעזע קעמפט זי אנטקעגן אלע סאנים.

די מילכאמעס זיינען לאנגע און שווערע. אין היץ פון קריג רוקט זיך ארויס א פייאיקער גענעראל, וועלכער איז געוועזן שטארק באליבט צווישן די סאלדאטן, און פארכאפט פאר זיך די מאכט פון דעם אקארשט באפרייטן פאלק. שפעטער טוט ער זיך אן א קרוין אויפ'ן קאפ און דערקלערט זיך פאר'ן קעניג פונ'ם רעוואלוציאנערן לאנד.

זיין נאמען איז געוועזן נאפאלעאן באנאפארט.

אונטער זיין פירערשאפט גייען נאך די אלטע רעוואלוציא־נערע ארמייען פון זיג צו זיג; זיי באזיגן איטאליע, שפאניע, האלאנד, דייטשלאנד און עסטרייך. אומעטום, וואוהין זיי קומען, ברענגען זיי מיט זיך דעם נייעם רוף, געבארן אין אויפשטאנד: פרייהייט, גלייכהייט און ברידערלאכקייט. די אידישע רעכט־לאזיקייט ווערט אומעטום אפגעשאפט.

אַט דער פראַנצויזישער קעניג איז אויך געווען די אורזאַך, פאַרוואָס ס'האָט אין יאָר 1812 אויסגעבראָכן די צווייטע מילכאָמע צווישן די פאַראייניקטע שטאַטן און ענגלאַנד.

די ענגלישע רעגירונג האָט צוריקגערופן איר פאָרשטייער פון פראַנקרייך, גלייך נאָכדעם, ווי דער קעניג איז דאָרט הינגע־ריכטעט געוואָרן. נאַפּאָלעאָנס זיגן אין אייראָפּע פאַרשטאַרקן נאָך מער די סינע; ס'הערשט א מילכאָמע־צושטאַנד צווישן ביידע לענדער א סאַך יאָרן נאָכאַנאַנד.

די אַמעריקאַנער סאָכרים ווילן אויסנוצן דעם מילכאָמע־טומל צווישן לענדער פאַר זייערע אינטערעסן. זיי שיקן ארוים שיפן אָנגעלאָדענע מיט סכוירעס אין אַלע האַפן־שטעט, וואו נאָר מען קאָן לייזן געלט. נאַפּאָלעאָן וויל אויסהונגערן די בריטישע אינזלען, פאַרבאָט ער אַלע נייטראַלע שיפן, וועלכע פירן געשעפטן אין אייראָפּע, אָפּצושטעלן זיך אין די ענגלישע האַפנס. ענגלאַנד שרעקט זיך צו פאַרלירן איר יאַם־מיסכער, צווינגט זי אַלע נייטראַלע שיפן (אַמעריקאַנער צווישן זיי) אָפּ־צושטעלן זיך, אויף זייער וועג קיין אייראָפּע, אין די ענגלישע האַפנס און באַצאָלן א שטייער. און די זעלביקע זאַך דאַרפן זיי טאָן אויף זייער וועג צוריק.

די אַמעריקאַנער סאָכרים זיינען אומצופרידן, הייבן זיי אָן העצן צו א מילכאָמע מיט ענגלאַנד. אָבער דזשעפערסאָן, דער פּרעזידענט אין יענער צייט, וויל אויסהיטן דאָס לאַנד פון קריג. ער פירט דורך אין קאָנגרעס אַן „עמבאַרגאָ"־געזעץ און פאַר־באָט אַלע אַמעריקאַנער סאָכרים צו האַנדלען אין אייראָפּע.

אָבער ווען מעדיסאָן איז געוואָרן פּרעזידענט, האָט זיך די סאָכרים ענדלאַך איינגעגעבן אריינצושלעפּן דאָס לאַנד אין קריג: עס ברעכט אויס די מילכאָמע פון 1812 מיט ענגלאַנד.

די מילכאָמע איז פאַר אַמעריקע געווען ניט קיין מאַזלדיקע. ס'לאַנד איז געווען ווייניק צוגעגרייט צום קריג; אַגעוו איז דאַמאָלסט געווען א שטאַרקע קריג־קעגנערשאַפט צווישן די אָרימע

מאסן. ענגלאנד איז שוין דאמאלסט געקומען צו אירע קויכעס: נאפאלעאנס מאכט איז געבראכן געווארן אויף זיין מארש קיין רוסלאנד. (פרעסט און שנייען האבן אים דארטן באזיגט). די ענגלענדער רייסן זיך אריין אין די שטאטן און נעמען די שטאט דעטראיט. זיי פארברענען אויך די הויפט־שטאט וואשינגטאן.

די ספארדישע אידן (גרעסטנטיילס סאחרים) זיינען אויך געווען מיט'ן גאנצן הארצן פאר דער מילכאמע, אבער זייער צאל אין די ארמייען איז געווען א קליינע. די אימיגראציע קיין אמעריקע איז אין די בלוטיקע מילכאמע־יארן געווען סאקאנעסדיק, און קיין נייע אימיגראנטן זיינען קימאט ניט אריינגעקומען. פאר־קערט, א גרויסער טייל אידישע סאחרים האט דאמאלסט אויס־געוואנדערט פון לאנד קיין ענגלאנד און אירע אמעריקאנער קאלאניעס (איבערהויפט קיין דזשעמייקא). דער אידישער אישעוו האט שטארק געליטן, ווייל ס'איז ניט צוגעקומען קיין ניי פריש בלוט.

די אידישע פאטריאטישע געשיכטע־פארשער האבן אויס־געפונען 50 נעמען פון אידן, וועלכע האבן זיך באטייליקט אין יענעם קריג (צווישן זיי 23 אפיצערן און 27 סאלדאטן). יעהודא טורא, א באוואוסטער אידישער גוויר און באל־צדאקע פון דער שטאט ניו־ארלעאנס, איז געווען א סאלדאט אין יענער ארמיי.

די מילכאמע האט זיך געענדיקט אן אן אנטשיידענעם זיג פארביידע פעלקער. נאך דעם קריג פארשטארקט זיך די אל־געמיינע איינוואנדערונג קיין אמעריקע. צו די ספארדים קומט אויך צו א נייער אווילאם: די אשקענאזים אדער די אידן פון דייטשלאנד. נאר איידער מיר וועלן איבערגיין צו דער נייער אידישער אימיגראציע, וועלן מיר דערציילן וועגן א מאדנער פאסירונג, וואס ס'האט דאמאלסט געטראפן: א כאלעם פון א פאליטישן אויפצובויען א אידישע היים אויף אן אינזל פון דעם ניאגארא טייך...

מ. ע. נייאַך

קאַפּיטל VI.

„פּאָליטישן“ אָדער טרוימער? מאָרדכיי עמאַנועל נייאַך און „די אידישע היים“ לעבן באָפאַלאָ, ניו-יאָרק.

מ. עמאַנועל נייאַך איז געבאָרן געוואָרן אין פילאַדעלפיע אין יאָר 1785. ער האָט געשטאַמט פון פּאָרטוגעזישע עלטערן און זיין פאָטער האָט געדינט אין דער רעוואָלוציאָנערער אַרמיי. צו

4 יאָר איז ער געבליבן אַ יאָסעם און זיין זיידע האָט אים אָפּגעגעבן צו אַ באַלמעלאָכע, לערנען זיך שניצעריי. ער לאָזט זיך אָבער פרי אַריין אין פּאָליטיק, ווערט אַ רעפּאָרטער אין צייטונגען און אַגיטירט דאָרט שטאַרק פאַר מילכאָמע מיט ענגלאַנד. זיין אַרבעט שאַפט אים אַ סאַך סאָנים. ער שרייבט אויך דראַמעס, וועלכע ווערן מיט דערפאָלג אויפגעפירט אין אַמעריקע און אין ענגלאַנד.

זיין פּאָליטישע אַרבעט ברענגט אים דערפאָלג. פּרעזידענט מעדיסאָן באַשטימט אים פאַר אַן אַמעריקאַנער קאָנסול אין טונים. אויפ'ן וועג ווערט ער געפאַנגען פון ענגלענדער (ס'איז דאַמאָלסט אָנגעגאַנגען די ענגליש־אַמעריקאַנישע מילכאָמע). אין אַ קורצער צייט אַרום ווערט ער באַפרייט און ער פאָרט אָפּ אויף זיין פּאָסטן אין טונים. דאָרטן פאַרנעמט ער זיך מיט דער אַרבעט אויסצולייזן פון קנעכטשאַפט די אַמעריקאַנער מאַטראָסן, וועלכע זיינען געפאַנגען געוואָרן פון אַלזשירער פּיראַטן. ער גיט אויס מער געלט איידער די רעגירונג האָט פאַר דעם צוועק באַשטימט. זיינע פּאָליטישע סאָנים נוצן עס אויס, און מאַנראָו (דאַמאָלסט דער סעקרעטאַר פון שטאַט) רופט אים צוריק. מאַנראָו שרייבט אים אַ בריוול, אַז מען האָט זיך ניט פאָרגעשטעלט, ווען מען האָט אים באַשטימט פאַר קאָנסול, אַז זיין אידישקייט וועט זיין אַ שטער אויסצופירן זיינע פליכטן. נייאַך קערט זיך אום צוריק אַהיים. ער פלאָנטערט זיך אויס פון אַלע שוועריקייטן און זיינע האַנדלונגען ווערן גוטגעהייסן.

ער באַזעצט זיך אין ניו־יאָרק און ווערט אַ טעטיקער מיטגליד פון טעמעני־האָל.*) זיין פּאַרטיי באַלוינט אים מיט'ן אַמט פון שעריף. שפּעטער אָבער פאַלט ער דורך אין די וואַלן

*) די דעמאָקראַטישע אָרגאַניזאַציע אין דער שטאָט ניו־יאָרק, באַרימט דורך אירע פּאָליטישע סקאַנדאַלן און ניט־ערלאַכקייט.

פאר׳ן זעלביקן אמת. טעמעני פארלאזט אים אבער ניט און באשטימט אים פאר אויפזעער פון ניו־יארקער האפן.

אין יאר 1825 קויפט ער אפ אן אינזל, דרייצן מייל די לענג, פינף מייל די ברייט, אויפ׳ן ניאגארא טייך, אנטקעגן טאנאוואנדא, ניט ווייט פון באפאלא, ניו־יארק (גרענד איילענד) און ער שיקט ארויס א רוף צו אלע אידן פון דער גאנצער וועלט צו קומען און באזעצן זיך אין „אראראט״, די אנטרינונגס־היים פאר אלע אידן.

דאס שטיק לאנד געפינט זיך ניט ווייט פון די „גרויסע אזערעס״ און אנטקעגן דעם נאר־וואס אויפגעבויטן אירי קאנאל. ע. נייאך האט גערעכנט, אז דאס פלאץ וועט שפעטער ווערן איינער פון די גרעסטע האנדלס־צענטערן אין דער נייער וועלט.

ע. נייאך צעפויקט דעם פלאן אין זיינע אייגענע צייטונגען און אין דער גאנצער פרעסע פון לאנד. וואס איז עס געווען פאר א פלאן, איז שווער צו טרעפן: א סענסאציע פון א כיטרען

צייטונגס־מענטשן? א קונץ פון א פאליטישן? אן איינפאל פון א „ריעל־עסטייט״ הענדלער? אדער א טרוים פון א באלכאלעם, וואס האט זיך ארייגעגאנוועט אין דעם הארץ פון א טעמעני־מאן און געשטופט אים דורכצופירן אזא אומגעווייןלאכע זאך.

ענדלאך קלייבט ער אויס דעם טאג פון 2טן סעפטעמבער, 1825, צו לייגן דעם גרונט־שטיין פון דער נייער שטאט. ס׳ווערן דורכגעפירט פייערלאכע צערעמאניעס, מען שיסט פון קאנאנען, ס׳נעמען אן אנטייל קריסטלאכע גייסטלאכע; ס׳גייען מיט אין דער פראצעסיע אמעריקאנער אינדיאנער (נייאך האט געדענקט, אז זיי זיינען די פארלארענע צען שוואטים פון איסראעל) און ער האט זיי אויך געגעבן אן ארט אין דער שטאט אראראט.

ס'זיינען ניט געווען גענוג שיפן אריבערצופירן דעם גאנצן אוילאָם אין גרענד־איילענד און די צערעמאָניע ווערט דורכ־געפירט אין דער שטאָט באָפאלאָ. איבער די גאסן ציט זיך א פראָצעסיע, פאָראויס שפּילט מוזיק, נייאך פירט דעם מארש, אָנגעטאָן אין א פורפורענעם מאנטל, און נאָך אים גייען גאלאָכים און פּאָליטישנס. די פּראָצעסיע פארקירעוועט זיך אין א יעפּיס־קאָפּאלישן קלויסטער און נאָך דער גאָט־דינסט האלט נייאך א רעדע. צום סאָף שיסן אויס קאנאָנען 25 מאָל.

אָט דער יאָמטעוו איז געווען דער אָנהייב און דער סאָף פון דער גאנצער אונטערנעמונג. דער פּארנומענער טעמעני־פּאָליטישן האָט ניט געהאט קיין צייט און קיין געדולד אָנצוגיין ווייטער מיט דער ארבעט. דער אָפּרוף פון די אידן איז אויך געווען א שוואכער. דער איינציקער אָנדענק פון דער גאנצער געשעעניש איז געבליבן א גרויער ווינקל־שטיין, וואָס ליגט איצט אין א צימער פון דער היסטאָרישער געזעלשאפט פון באָפאלאָ, און אויפ'ן שטיין איז אויסגעקריצט דער דאטום 1825.

נייאך ווערט שפּעטער באשטימט פאר ריכטער. ער רע־זיגנירט אָבער, ווען ער דארף זיצן אויפ'ן ריכטער־שטול צו מישפּעטן זיינע געוועזענע כאוויירים־קאָנגרעסלייט, וועלכע ווערן אָנגעקלאָגט אין שווינדל.

ער שטארבט אין יאָר 1851 אין ניו־יאָרק.

קאפיטל VII.

ווי אזוי עס האָבן געלעבט די אידן אין דייטשלאַנד. וואָס ס'האָט זיי געטריבן צו עמיגרירן פון זייער אַלטער היים.

נאָכ'ן יאָר 1812 הייבט זיך אָן די איינוואנדערונג פון די דייטשע אידן.

מיר ווילן איצט אין קורצן דערציילן ווי אזוי ס'האָט זיך געלעבט די אידן אין דייטשלאַנד און וואָס ס'האָט זיי געצוואונגען פון דאָרט צו עמיגרירן.

די אידן האָבן זיך באַזעצט אין דייטשלאַנד נאָך גאָר אין די אַלטע צייטן. זיי זיינען אהער אריינגעקומען פון די רוימישע לענדער און האָבן זיך פארנומען מיט'ן גרויסן וועלט-האנדל. אָבער ביסלאַכווייז וואקסן אויס אין דייטשלאַנד שטעט און אייגענע קריסטלאַכע הענדלער. ס'קומען אָן די פינסטערע יאָרן פון מיטלאַלטער. דער איד ווערט פון זיין פּאַרנאָסע ארויסגעשטויסן און שטארק געדריקט; צום קריסטלאַכן סויכער קומט צו הילף דער גאַלאָך. אידן ווערן פארשפּארט אין די געטאָס (אָפּגעזונדערטע קווארטאַלן), זיי מוזן אָנטאָן א געלע לאַטע, דעם שאַנד-פלעק. און אַז דער אומוויסנדיקער אוילאָם ווערט אָנגעעצט, רייסט ער זיך אריין אין די אידישע גאַסן און פארגיסט אומשולדיק בלוט.

האָט זיך א קראַנקהייט אויסגעשפּרייט איבער'ן לאַנד (די פּאָלקס-מאַסן האָבן דאַמאָלסט געלעבט אין דאַכקעס און אין שמוץ, און קראַנקהייטן פלעגן, ווי מיט א קאָסע, גאַנצע געגנטן

אָפּשניידן), האָט מען געזאָגט, אַז די אידן האָבן פאַרסאַמט די וואַסער־ברונימס; איז אַ קריג פאַרשפּילט געוואָרן, האָבן עס מיסטאָמע די אידן פאַרראַטן! איז אַ קריסטלאַך קינד פאַרלאָרן געגאַנגען, האָט דער גאַלאַך אָנגערעדט, אַז ס'איז פון די אידן דערמאָרדעט געוואָרן, צו נוצן זיין בלוט אויף פּייסאַך. קיין טירוצים האָבן ניט געפּעלט.

נאָכדעם זיינען געקומען די קרייץ־צוגן; דער ערשטער — אין יאָר 1096, נאָך אים דער צווייטער, דער דריטער.

די אומוויסנדיקע מאַסן, אָנגעהעצט פון זייערע גייסטלאַכע, זיינען אַוועק איבער איראָפּע, קיין פּאַלעסטינע, צו באַפרייען יעזוסעס קייווער (און עפּענען אַ וועג פאַר סאָחרים אין די מיזראַך־לענדער). קעניגער, פּריצים און סאָחרים האָבן עס אָנגעפירט און אויסגענוצט דעם ווילדן געדראַנג פון די מאַסן, אריינצוכאַפּן זיך אין די רייכע מיזראַך־לענדער און אָנרויבן גוטס. אויף זייער מאַרש זיינען די קרייץ־צוגער באַפאַלן אידישע קעהילעס, געטייט, געשאָכטן, צעראַבירט, און אָנגעזעטיקט זייער אויפגעהעצטן ווילדן דאָרשט מיט בלוט פון אומבאַהאָלפענע קאָרבאָנעס.

דער איד איז אינגאַנצן צעדריקט געוואָרן. די איינציקע פּאַרנאָסעס, וואָס זיינען אים פאַרבליבן, זיינען געווען: לייען געלט אויף פּראָצענט, הויזירעריי (פּעדלען) און קליין־האַנדל. לעבנדיק אין שטענדיקן שרעק, ניט וויסנדיק וואָס מאָרגן קאָן געשען, האָבן זיך אידן מיט קיין אַנדער באַשעפטיקונג ניט גע־קאָנט פאַרנעמען. ערד־אַרבעט האָט ניט געטויגט: טאָמער ווערט מען אַרויסגעטריבן פון לאַנד, קאָן מען קיין נאַכלעס מיט זיך ניט נעמען. געלט־לייעריי איז געווען אַ גוטער גע־שעפט: קעניגער און פּריצים האָבן זיך אַלעמאָל גענויטיקט אין האַלוואָעס. אין אַ שווערער צייט קאָן מען דאָס געלט פאַרגראָבן

אין דער ערד, אָדער באַהאַלטן צווישן דעם אָרימען פּעקל כּפּיצים.

אַזוי זיינען די דייטשע אידן אין מיטל־אַלטער געוואָרן אַ קלאַס געלט־לייער. די שטענדיקע מוירע צו פאַרלירן דעם קערן האָט זיי געצוואונגען צו רעכענען זייער הויכע פּראָצענטן. אַ פּראָצענטשטשיק איז ניט קיין שטאַרק באַליבטער מענטש, האָבן די קריסטלאַכע שכיינים נאָך מער זיי אָנגעהויבן פאַרהאַסן און פאַרפאָלגן.

די קעניגער האָבן זיי אָפט געגעבן שוץ, ווייל די אידן זיינען פאַר זיי געווען אַ קוואַל פון צינזן און רויבעריי. אָפט האָבן קעניגער און פריצים געוואָלט באַרויבן גאַנצע קעהילעס מיט־אַמאָל. (דאָס האָט געטראָפן, ווען די הערשער האָבן צוליב מילכאָמעס, אָדער אַנדערע אורזאַכן, שטאַרק גענייטיקט זיך אין געלט). דאַמאָלסט פלעגט מען אויף קעהילעס מאַכן אַ בילבל, אַרויסטרייבן זיי פון שטאָט אויסגערויבטע. אין עטלאַכע יאָר אַרום האָט מען זיי פאַר אַ סומע אויסלייז־געלט צוריק דערלויבט באַזעצן זיך אין יענער שטאָט. אָט אַזוי האָט זיך דאָס טייוולשע שפּיל פון קעניג און פּאָריץ איבערגעכאַזערט הונ־דערטער יאָרן נאָכאַנאַנד, נאָכאַנאַנד.

איינגעשפּאַרטע אין דער שמוציקער געטאָ (קיין נייע הייזער האָט מען ניט דערלויבט צו בויען און קיין נייע בייס־אוילאָמס האָט מען אויך ניט געגעבן), אָפּגעזונדערטע פון דער גאַנצער וועלט, זיינען די אידן געוואָרן אָפּגעשטאַנען און פאַר־פינצטערט. די שלעכטע פּאַרנאָסעס האָבן פאַרדאָרבן זייערע כאַראַקטערס. זייערע קינדער האָבן קיין זאַך ניט געלערנט, אַ חוץ רעליגיעזע לימודים. ווען דער מיטל־אַלטער איז שוין געווען ביים סאָף און אומרואיקע מאַסן האָבן זיך געריסן צום אויפשטאַנד, זיינען נאָך די אידן געבליבן צוריקגעשטאַנען און פאַרגליווערט.

די פראַנצויזישע רעוואָלוציע האָט זיי מיט גוואַלט ארויס־געשלעפּט פון דער געטאָ און באַוויזן מאַסן פון אַנדערע פעלקער, וועלכע האָבן מיט בלוט און פייער אָפּגערעכנט זיך פאַר לאַנגער אונטערדריקונג. ווען די רעוואָלוציע איז געוואָרן צייטווייליק פאַרשטיקט און דער „הייליקער בונד פון קעניגער" האָט גענומען איינפירן די אַלטע אָרדענונג און טרייבן די אידן צוריק אין זייערע לעכער, האָבן אַנדערע ניט אויסגעהאַלטן: זיי זיינען אַוועק אין דעם נייעם לאַנד (אַמעריקע) זוכן זיך עקאָנאָמישן גליק און נייע, פרייע היימען.

ס'לאַנד איז דאַמאָלסט געווען גרויס און שיטער באַזעצט. די איינוואַנדערער האָבן גענומען פּעקלאַך סכוירע אויף די פּלייצעס און אַוועק איבער די וועגן פּעדלען.

קאפיטל VIII.

די יאהודים ווערן פעדלער און קליין-הענדלער. זיי בויען אויף נייע אידישע אישויווים.

אלע האבן מיסטאמע געהערט דעם נאמען „יאהודים".

מיט׳ן ווארט „יאהודים" באצייכענען מיר די אידן, וועלכע גייען אויסגעפוצט אין צילינדער־הוטן, וואוינען אין אפגעזונדערטע, רייכע שטאט־געגנטן, פארמאגן דעפארטמענט־געשעפטן און באנקען, און דאוונען אין א טעמפל, וואו עס שפילט אן ארגל און ס׳זינגט א כאר מיידלאך. די דייטשע אידן (יאהודים), ווען זיי זיינען אהער אנגעקומען, זיינען אבער געווען גאר קליינע מעיוכאסים; די דאמאלסטדיקע רייכע ספארדישע אידן האבן אויף זיי געקוקט פון אויבן ארונטער. זיי האבן פארנומען דעם אויבערשטן שטאפל אויפ׳ן עקאנאמישן לייטער.

דער נייער דייטשער אימיגראנט האט זיך ניט פארנומען מיט קיין ארבעט, אדער פארמעריי. פון דער היים איז ער נאך געווען א קליינער הענדלער און דא האט ער געפונען פאר זיך גינסטיקע באדינגונגען. ער איז אוועק פעדלען מיט סכוירעס איבער די אויפוואקסנדיקע שטעט און שטעטלאך פון אמעריקע.

נאכ׳ן יאר 1812 האט זיך דא אין לאנד אנגעהויבן די גרויסע פיאנערן באוועגונג. דער וועג פון מיזראך צו מיירעוו איז געווען געפאקט מיט שורעס געדעקטע בוידן (קאווערד וועגנס). ס׳ווערט באזעצט דער אהאיא טאל, די לואיזיאנא שטרעקעס האט מען אפגעקויפט פון דער פראנצויזישער רעגירונג. עס האט זיך אנגעהויבן די גרויסע עמיגראציע צו דער „וועסט".

דער פאַרמער פון די מיזראַך־שטאַטן האָט געקאָנט קויפן פאַר אַ קליינער סומע גרויסע שטרעקעס ניט־באַאַרבעט לאַנד. ער האָט זיך באַזעצט אין אַ הייזל, אויסגעמייסטרעוועט פון אים אַליין, פון רויע קלעצער (די באַרימטע לאָג־קעבינס), און מיט זיין אַרבעט און שוויס פאַרוואַנדלט אין פאַרם־לאַנד די גרויסע ווילדערנישן.

אין שטאָט האָט זיך אויך שטאַרק פאַנאַנדערגעבליט דער האַנדל און די אינדוסטריע. די רעגירונג נעמט אונטער איר שוץ די סאָחרים און פאַבריקאַנטן; זי האָט אַרויפגעלייגט אַ הויכן אָפּצאָל אויף אויסלענדישע סכוירעס און די האַנדלס־קלאַסן האָבן אָנגעהויבן שניידן זייער גאָלדענעם שניט.

די אינדיאַנער שוואָטים האָבן זיך געפּרוּווט שטעלן אַנטקעגן, ניט לאָזן זיך אַרויסשטויסן פון זייערע היימען; האָט מען זיי באַזיגט מיט פייער און שווערד, און פאַרצאַמט אין רעזערוואַציעס. די שקלאַפן־טרייבער פון דאָרעם וואַרפן אַן אויג אויף דעם פרוכטבאַרן לאַנד פון טעקסעס און ס'לאַנד ווערט אַוועקגערויבט. שפּעטער פאַרנעמט מען מיט גוואַלט די צוויי מעקסיקאַנישע טעריטאָריעס, אָרעגאָן און קאַליפאָרניע (דאָס לאַנד, וואו בלומען בליען שטענדיק און שטראַלן לויכטן אַלעמאָל). נאָכ'ן זיגער און פלאַנצער איז נאָכגעגאַנגען דער דייטשער איד מיט'ן פּאַק סכוירע און אויפגעקליבן רעשטן פונ'ם גאָלדענעם רעגן.

די פּעדלער און קליין־הענדלער האָבן זיך צעשפּרייט איבער אַלע שטאַטן און טעריטאָריעס; אַ טייל פון זיי האָט זיך אויך באַזעצט אין די גרעסערע שטעט, אָבער אַפילו דאָרט האָבן זיי זיך אויך ניט שטאַרק אָנגעזען. קיין געדיכטע איבער־באַפעלקערטע קוואַרטאַלן (ווי די שפּעטערדיקע אימיגראַנטן־אַרבעטער) האָבן זיי אין די גרעסטע שטעט אויך ניט געשאַפן, ווייל דער סאָחרישער אוילאָם איז אַ שיטערער און אַ לויזער.

דייטשע אידן בויען אויף א אישעוו אין דער שטאט סינסינעטי, אהאיא. ביז דאמאלסט זיינען דארט קיין אידן קימאט ניט געווען. ס'דערציילט זיך א מייסע, אז דער ערשטער איד אין יענער שטאט איז געווען איינער, יאסעף יאנאס, אן אריבערגעקומענער פון ענגלאנד. פארמערס פון ארומיקע געגנטן זיינען געקומען, צום ערשטן מאל אין זייער לעבן, אנקוקן א אידן. אן אלטע „קוויקער" פרוי איז צו יאנאס'ן צוגעגאנגען און געזאגט: „ביסטו דאס איינער פון גאטס אויסדערוויילטן פאלק? דערלויב מיר דיך צו באקוקן". זי האט אים גוט ארומגעקוקט און מיט היספיילעס אויסגעשריען: „זע נאר, ביסט דאך גאר ניט אנדערש פון אונזערע מענטשן!"...

אידן באזעצן זיך אויך אין די שטעט קליוולאנד, סעינט לואיס, לואיזוויל. ווייטער צו דארעם בויען זיי אויף אישואווים אין אלאבאמא און אין דזשארדזשיע. אידישע קעהילעס וואקסן אויך אויס אין די צאפנדיקע און צענטראלע שטעט. אין שיקאגא באזעצן זיך דייטשע אידן שוין אין דעם ערשטן יאר, ווען זי איז אינקארפארירט געווארן פאר א שטאט (אין יאר 1837), פון דארט שפרייטן זיי זיך אוים אין שכיינעסדיקע שטאטן אינדיאנא און אייאווא און ווייטער צו צאפן ביז מינעסאטא, וויסקאנסין און מישיגען.

אין יאר 1848 ברעכט אוים די גאלד־מעשוגאעס אין קאליפארניע. צופעליק געפינט דארטן איינער, ארום די סיערא־נעוואדא בערג, עטלאכע בלישטשענדיקע גאלד־שטיקלאך. די נייעס פארשפרייט זיך שנעל. ס'ווערט אהין א ווילדער געלויף. דער גלוסט צו גאלד, דער כיישעק שנעל רייך צו ווערן, רייסט אוועק מענטשן פון זייערע היימען; „דער ריכטער פארלאזט זיין שטול, דער דאקטאר — זיינע פאציענטן, דער פארמער — זיין פעלד, ציימיקע פעלדער בלייבן שטיין אן שניטער".

די נייעס דערגרייכט ביז איירָאפּע. שיפן פון פארשידענע

קאָמפּאַניעס פאַרלאָזן זייערע האַנדלס־וועגן און פירן פּאַסאַזשירן צום ברעג פון פּאַסיפישן יאַם. די סאַקאָנעס פאַר די וואַנדערער אויפ׳ן וועג זיינען גרויסע: ווילדע כאַיעס, פיינטלאַכע אינדיאַנער, שניי־בערג און קעלטן. ס׳פאַרשפּרייט זיך די כאָלערע; טויזנטער מענטשן שטאַרבן אין וועג, פאַרזייען דעם מידבאַר מיט זייערע קוואָרים; זיי דערגרייכן קיינמאָל ניט זייער על־דאָראַדאָ.

די גליקלאַכע, וועלכע קומען ענדלאַך אָן צום סאַקראַמענטאָ־טאָל, וואַרפן זיך, ווי ווילדע, אויף דער גאָלד־ערד זוכן אוצרעס. דאָס גליק קומט בלויז צו איינציקע געציילטע; דער איבעריקער אוילאָם ווערט אַנטוישט און קערט זיך אום צוריק אַהיים, געבראָכן גייסטיק און פיזיש.

קאַליפאָרניע ווערט דאַמאָלסט באַזעצט מיט אַ מערקווירדיקער שנעלקייט: צוויי יאָר נאָך דער גאָלד־אַנטדעקונג געפינט זיך שוין דאָרט אַ באַפעלקערונג פון אַ הונדערט טויזנט מענטשן.

אַ סאַך אידן זיינען געווען צווישן די גאָלד־זוכער. אַ טוצן מינען־שולכלאַך זיינען אויפגעשטעלט געוואָרן אויף די צעגראָבענע פעלדער, בעטן ביי יעהאָווען די בראָכע פון גאָלד. אַזאַ שולכל איז אויך געווען אין דער שטאָט סאַן־פראַנציסקאָ, אין אַ געצעלט פון לייוונט.

נאָך דער בעהאָלע זיינען אַ סאַך אידישע אימיגראַנטן שוין פאַרבליבן אין קאַליפאָרניע. אַ טייל פון זיי האָט מיט דער צייט איבערגעוואַנדערט און באַזעצט זיך אין דעם שכיינעסדיקן אָרעגאָן שטאַט.

די עמיגראַציע פון דייטשלאַנד האָט אַ סאַך יאָרן אָנגעהאַלטן אין אויפשטייגנדיקע און אָפּפאַלנדיקע כוואַליעס. ווען די רעאַקציע אין דעם היימלאַנד פלעגט זיך פאַרשטאַרקן, אָדער ס׳פלעגן דאָרטן אויסברעכן רעוואָלוציאָנערע מעהומעס, פלעגט

דער עמיגראציע־שטראם ווערן גרעסער. מען רעכנט, אז פאר די יארן פון 1814 ביז אן ערך 1860 זיינען אריינגעקומען אין אמעריקע צוואנציק טויזנט דייטשע אידן.

אט די אָרימע עמיגראנטן, שמאטע־קלייבער, פעקל־טרעגער, „פאון בראָקערס“ (געלט־לייער אויף מאשקאנעס) און קליינע סאָכרימלאך זיינען געשטיגן הויך מיט׳ן אויפשטייג פון דעם גאנצן אמעריקאנער מיטל־קלאס. די איצטיקע באלעבאטים פון גרויסע באנק־פירמעס, פון דעפארטמענט־געשעפטן, שטאמען פון עלטערן, וועלכע האבן זיך מיט פערד און וועגעלע איבער די דאָרעמדיקע פארם־הייזער ארומגעשלעפט און דעם פארוואָרפענעם פארמער פארקויפט לייוונט, הויזן און גאָלד־מעסערלאך.

ביים אמעריקאנער שרייבער, ברעט הארט, געפינען זיך, אין זיינע דערציילונגען, בילדער פון דעם אמאָליקן אידישן פעדלער. א געטרוי בילד פון דעם אויפשטייגנדיקן פעדלער געפינט זיך אויך אין דעם בוך פון דעם אידישן שרייבער י. י. שווארץ, „קענטאָקי“.

קאַפּיטל IX.

אַ נייער אוילאָם יאַהודימשע עמיגראַנטן: ליבעראַלן, וועלכע אַנטלויפן אַהער נאָכ׳ן דורכפאַל פונ׳ם דייטשן אויפשטאַנד אין יאָר 1848.

די אידישע עמיגראַציע פון דייטשלאַנד פאַרשטאַרקט זיך און דערגרייכט איר העכסטן פונקט אין די יאָרן 1847, 1848 און 1849.

אין דעם היימלאַנד, דייטשלאַנד, איז דאַמאָלסט געווען אומרואיק. ס׳לאַנד איז געווען צעטיילט און צעפּיצלט אין קליינע מעלוכעלאַך, מיט קעניגער און פּריצים פאַר זייערע פירער. ס׳פאָלק פאָדערט אייניקייט און פרייהייט. עס זיינען אומצופרידן די געבילדעטע קלאַסן און אויך די הענדלער און פאַבריקאַנטן (ווייל די פעאָדאַלע רעגירונגס-פאָרמע שעדיקט זייערע אינטערעסן). עס בונטעוועט זיך דער פויער אַנטקעגן זיין פּאָריץ, ס׳הייבט זיך שוין אָן צו אָרגאַניזירן דער אויפגעוואַכטער אַרבעטער-קלאַס אַנטקעגן זיינע באַלעבאַטים.

די דייטשע אידן געהערן גרעסטנטיילס צום קלאַס געבילדעטע און סאָחרים. זייער לאַגע איז אַ געדריקטע (די מיטלאַלטערלאַכע געזעצן הערשן נאָך אין זייער פולער שטרענגקייט). זיי קאָנען אין ערגעץ ניט פאַרנעמען קיין אַמט; אומעטום שטויסן זיי זיך אָן אויף אַ וואַנט פון באַגרעניצונגען און אויסנאַמען. אַ טייל פון זיי האָט זיך אויסגעשמאַדט, ווייל דאָס איז געווען דער איינציקער אויסוועג. אָט וואָס ס׳דערציילט היינריך היינע, איינער פון די גרעסטע דיכטער אין יענער צייט:

— ווען דאָס געזעץ דערלויבט מיר צו גאַנוועגען זילבערנע לעפל, וואָלט איך זיך קיינמאָל ניט געשמאַדט.

ס׳זיינען געווען צווישן זיי אַזעלכע, וועלכע האָבן פאַרבונדן זייער גוירל מיט׳ן קאַמף פון די פאָלקס-מאַסן; זיי זיינען גע-וואָרן די לערער און אָנזאָגער פון דעם קומענדיקן אויפשטאַנד. אַזעלכע זיינען געווען לודוויג בערנע, היינע, און נאָך אַנ-דערע. קאַרל מאַרקס, דער פאָטער פון דער סאָציאַליסטישער לערע, און פערדינאַנד לאַסאַל, דער גרויסער ארבעטער-פירער און רעדנער, האָבן דאַמאָלסט אויך געלאָזט הערן זייער רוף.



קאַרל מאַרקס

אַלעמאָל אין אומרואיקע צייטן ווערט די עמיגראַציע שטאַרקער; די שוואַכערע טרעטן אָפּ און אַנטלויפן.

אין יאָר 1848 האָט דער אויפשטאַנד אין אייראָפּע אויס-געבראָכן.

אין א סאך לענדער האט דער פלאם פון אויפשטאנד אויסגעבראכן מיטאמאל. אין פראנקרייך, איטאליע, עסטרייך, אונגארן און דייטשלאנד. קעניגער האבן פארלארן זייערע קרוינען, פארהאסטע מיניסטארן האבן געמוזט אנטלויפן, ווי גאנאווים, ביינאכט. אין דייטשלאנד האט דאמאלסט אויס־געוויזן, אז די רעוואלוציע זיגט. אבער צוליב דער שוואכקייט און נאכגעביקייט פון די מיטל־קלאסן, איז דער קאמף פארלאטן געווארן און די זיגן זיינען געווען גאנץ קליין.

ס׳פאלק האט געוואונען איינקייט, אבער אן פרייהייט.

א סאך דייטשע קעמפער, אנטוישט אין דער מעגלאכקייט פון א זיג, האבן פארלאזן זייערע היימען און אויסגעוואנדערט קיין אמעריקע. צווישן זיי זיינען געווען ניט ווינציק אידן.

די נייע דייטשיש־אידישע עמיגראנטן האבן זיך שטארק אונטערשיידט פון זייער אמאליקן ברודער־אויסוואנדערער. יענער איז געווען אפגעשטאנען, פארפרומט, קיין זאך איז אים ניט געלעגן אין זינען, א כוץ געלט און מיסכער. דער נייער איז געווען אנגעהויכט מיט ליבעראלע געדאנקען און די לוסט צום קאמף איז נאך ביי אים געווען ניט אינגאנצן אויסגעוועפט.

ער באזעצט זיך אין די גרעסערע שטעט און ווערט אליין א טייל פון די רייכערע קלאסן. וואס ס׳האט זיך אים אפילו ניט געכאלעמט אין דער אלטער היים, געפינט ער דא: פרייהייט פון ווארט, פון שריפט, פרייהייט פון פארזאמלונגען; פאר׳ן גע־זעץ זיינען אלע מענטשן (א כוץ נעגערס) גלייך; קיינער שטערט אים ניט אנצוגיין מיט זיינע געשעפטן און אנקלייבן זיך רייכקייטן. דעם ארבעטער־קלאס, וואס ווערט אויך דא אונטערדריקט און דארף נאך אויסקעמפן זיין פרייהייט, האט ער אפילו ניט בא־מערקט. זייערע אינטערעסן זיינען געווען פארשידענע, זיי האבן געהערט צו צוויי באזונדערע קלאסן.

דער אמאַליקער ליבעראַל ווערט דאַ אַ פּאַטריאָטישער אמע־ריקאנער. זיינע ראַדיקאַלע געדאַנקען ברענגט ער אריין אין דער רעליגיעזער שול און פאַרוואַנדלט זי אין אַ טעמפּל, וואו זונטיק ווערט געפּייערט אנשטאַט שאַבעס, מענער און פרויען דאַוונען צוזאַמען און די טפילעס זיינען אויף דער ענגלישער שפּראַך. זיין געפיל פאַר געזעלשאַפטלאכער ארבעט פאַרנוצט ער אין אויפבויען פאַרשידענע הילפס־געזעלשאַפטן און נעדאָווע־אנשטאַלטן פאַר די אָרימע ברידער.

ער האָט אויך סימפּאַטיזירט מיט די אַבאָליציאָניסטן (קעמפער אנטקעגן דער נעגער־שקלאַפעריי) און שפּעטער האָט ער געהאָלפן אויפבויען די אנטי־שקלאַפערישע רעפּובליקאַנער פּאַרטיי. ער איז געווען מיט'ן גאַנצן הארצן פאַר'ן צאָפן אין דער צייט פונ'ם בירגער־קריג, וועגן וועלכן מיר וועלן איצט אין קורצן דערציילן.



דזשאַן בראַון

קאַפּיטל X.

דער אַמעריקאַנער בירגער-קריג; די סיבּות פון זיין אויסברוך.

דער בירגער קריג פון יאָר 1861 איז ניט פּלוצלונג אָנ-געקומען׳ יאָרן נאָכאַנאַנד האָט דער וואָרים פון שקלאַפעריי

אינוועניק געטאַטשעט, ביז וואַנען ער האָט אויסגעבראָכן אין א בלוטיקן בירגער־קריג.

דאָס לאַנד האָט זיך דאַמאָלסט שטאַרק צעוואַקסן; אין די צאָפן־שטאַטן האָט געבליט אינדוסטריע און האַנדל. ס'איז געקומען די צייט פון גרויסע דערפינדונגען; ס'בויען זיך אייזנבאַנען און דאַמפּשיפן; שטאַטן און טעריטאָריעס פאַרלירן זייער אָפּגעזונדערטקייט און ווערן פאַרקניפּט צוזאַמען.

דער דאָרעם בלייבט נאָך אַלץ הינטערשטעליק. דאָרטן וואוינט דער אַלטער אַריסטאָקראַט, וועלכער פאַרמאָגט פּלאַנטאַציעס פון טאַבאַק, באַוול, רייז און צוקער; און ער באַאַרבעט זיי מיט די הענט פון זיינע שוואַרצע נעגער־שקלאַפן.

דער שקלאַפן־טרייבער קוקט מיט כשאַד אויף זיין שטייגנדיקן שאָכן פון צאָפן. ווען עס הייבן זיך אָן צו באַזעצן נייע טעריטאָריעס, אַנטשטייט אַ סיכסאָך צווישן דעם צאָפן און דעם דאָרעם: ווי אַזוי זאָלן די ניי־צוגעלאָזענע שטאַטן זיין? פרייע אָדער שקלאַפנהאַלטערישע?

די יונגע אינדוסטריע (אַ שטיפער, וועלכער האָט ערשט אַליין דערקענט זיינע קויכעס) וויל זיך אומעטום אויסשפּרייטן; זי נויטיקט זיך אין פרייע געדונגענע אַרבעטס־הענט (אַזעלכע האָט די אימיגראַציע געגעבן וויפיל ס'איז געווען נויטיק) און אין פרייע איינוואוינער, וועמען זי זאָל קאָנען פאַרקויפן אירע סכוירעס. די פּלאַנטאַטאָרס פון דאָרעם ווילן אויך ניט בלייבן פאַרשפאַרט אין די גרעניצן פון זייערע אָריגינעלע שטאַטן. די צענטראַלע רעגירונג אין וואַשינגטאָן איז ביידנס אַ שותּפעסדיקע. עס ברעכט דאָרטן אויס אַ סיכסאָך וועגן דער אויסשפּרייטונג פון שקלאַפעריי אין די נייע שטאַטן און ווער עס זאָל די צענטראַלע רעגירונג קאָנטראָלירן. (אַ מערהייט „פרייע“ אָדער „שקלאַפנהאַלטערישע“ שטאַטן מיינט אויך אַ מערהייט פאַרשטייער אין די געזעצגעבערישע הייזער פון לאַנד).

די פּאָליטישנס פון קאָנגרעס האָבן אַ לאַנגע צייט דעם סיכסאַך געוואָלט פאַרגלעטן, אויסלאַטען אים מיט קאָלערליי קונציקע קאָמפּראָמיסן. אָבער דער שניט האָט זיך ניט געוואָלט פאַרהיילן, דער אָפּענער צוזאַמענשטויס איז געקומען אַלץ נעענטער און נעענטער.

אין יענער צייט ווערן שטאַרק טעטיק די אַבאָליציאָניסטן.

דאָס זיינען געווען, גרעסטנטיילס, פאָלקס־מענטשן: פאַר־מערס, שמידן, קליינשטעטלדיקע באַלמעלאָכעס און פּרעדיקער, וועמען ס׳האָט געעקלט פון דער גאַנצער שקלאַפעריי־סיסטעם, און זיי האָבן אָנגעפירט אַ שטאַרקן קאַמף פאַר דער באַפרייאונג פון׳ם שוואַרצן קנעכט אין אַלע שטאַטן. צווישן זייערע פירער זיינען באַרימט גאַריסאָן, װענדל פיליפּס, לונדי, פּאַרקער, און נאָך אַנדערע. זיי זיינען אָבער געווען, אין זייער צייט, די ראַדיקאַלן און פאַרהאַסטע באַלכאַלוימעס, וועמען מ׳האָט אויס־געלאַכט, פאַרפאָלגט, און זיי האָבן שטאַרק געליטן פאַר זייערע געדאַנקען.

אין יאָר 1859 קלינגט אָפּ איבער׳ן לאַנד דער נאָמען פון דזשאַן בראַון.

בראַון, אַן אַבאָליציאָניסט פון קענזעס שטאַט, קומט צו־פאָרן אין ווירדזשיניע און דינגט אָפּ אַ הויז ניט ווייט פון דעם שטעטל האַרפּערס פערי. דאָרט געפינט זיך אַ מעלוכעשער געווער אַרסענאַל. קיינער האָט ניט פאַרדעכטיקט, אַז דער אַלטער מאַן, מיט דער גרויסער ווייסער באָרד, מיט די טיפע צעצונדענע אויגן, איז געקומען אַהער דורכפירן אַ געוואַגטן פּלאַן: פאַרכאַפּן דאָס געווער פון אַרסענאַל, באַוואָפענען די אַבאָליציאָניסטן און נעגערס און אַרויסרופן אַ שקלאַפן־אויפ־שטאַנד.

דעם 17טן אָקטאָבער ביינאַכט פאַלט ער אָן, צוזאַמען מיט

א גרופּע פון 19 מענטשן (צווישן וועלכע עס האָבן זיך גע־פונען זיינע פיר זין), לעשט אויס די פייערן, שניידט איבער די טעלעגראַפישע דראָטן, אנטוואָפנט די וועכטער און פארכאַפּט דעם ארסענאַל. פארטאָג הייבן זיך אויף די מענטשן פון שטעטל, ס׳קומט פאַר א שיסעריי, אין וועלכער ס׳פאַלן טויטע פוןביידע צדדים. שפּעטער קומט אָן מיליציע און מארינען.

בראַון האָט די גאַנצע צייט געקאָנט אנטלויפן אין די בערג, אָבער ער האָט עס ניט געטאָן, ביז וואַנען עס איז געווען צו שפּעט. נעבן אים איז געלעגן איין זון א טויטער, דער צווייטער א פארוואונדעטער; מיט איין האַנט האָט ער געטאַפּט דעם פּולס פון זיין טויטלאַך־פארוואונדעטן זון, אין דער צווייטער האָט ער געהאַלטן א ביקס און געגעבן באַפעלן צו זיינע מענטשן מיט דער גרעסטער קאַלטבלוטיקייט.

מען האָט אים געפאַנגען און אָנגעקלאָגט אין פארראַט און מאָרד און פארמישפּעט צום הענגען.

די גאַנצע צייט פאַר דער הינריכטונג איז ער געווען רואיק און געלאַסן. צו א פריינט האָט ער דאַמאָלסט אָנגעשריבן א בריוו: „ס׳איז פאַר מיר א גרויסער נאַכעס צו פילן, אז איך קאָן שטאַרבן פאַר א גוטער זאַך". צו זיין ווייב שרייבט ער: „מיין נעשאָמע איז רואיק און פול מיט פרייד".

איינער, וואָס איז די הינריכטונג בייגעווען, דערציילט, אז דזשאָן בראַון איז ארויס פון טפיסע „מיט אן אויפגעלויכטענעם פּאָנים און מיט א העלדישן טראָט". ער איז ארויפגעקראָכן אויפ׳ן וואָגן, וואָס האָט אים געפירט צו דער טליע, און געזעצט זיך אויף זיין אייגענעם צוגעגרייטן טויטן־קאַסטן; נאָכדעם איז ער אליין צוגעגאַנגען צו דער טליע, צו באַגעגענען זיין טויט.

זיין הינריכטונג האָט אָפּגעקלונגען איבער דער גאַנצער וועלט. אין די צפון־שטאַטן האָט די ערשנדיקע געזעלשאַפט־

לאַכע מיינונג בראונס העלדישקייט פאַראורטיילט, כאָטש מען האָט אויסגעדריקט מיטגעפיל מיט זיין טראַגישן סאָף. די שקלאַפן־טרייבער פון דאָרעם האָבן אויסגענוצט די געשעעניש אָנצושרעקן זייערע מאַסן (די אָרימע ווייסע) מיט אַ בלוטיקן שקלאַפן־אויפשטאַנד, אין וועלכן עס וועט פאַרגאָסן ווערן ווייס בלוט.

אין 1860 ווערט לינקאָלן אויסגעקליבן פאַר פּרעזידענט. די דאָרים שטאַטן פאַרשטייען, אַז איצט וועט קומען אַ סאָף צו פּשאָרע־מאַכעריי (ווייל לינקאָלנס רעפּובליקאַנער פּאַרטיי איז געווען אַנטשיידן אַנטקעגן דער ווייטערדיקער אויסשפּרייטונג פון שקלאַפעריי). עס הילכט אָפּ דער ערשטער שאָס אין פאָרט סאָמטער. די דאָרעמדיקע שטאַטן רייסן זיך אָפּ פון דער יוניאָן. ס'ברעכט אויס דער בירגער־קריג.



מ. האַלפּערין

קאַפּיטל XI.

דער אידישער אַנטייל אינ'ם בירגער־קריג; דאָס לעבן פון מיכל האַלפּערין.

אידן זיינען ניט געווען אַנדערש פון אַלעמען: ווער עס האָט געצויגן נוצן פון דער שקלאַפעריי־אינסטיטוציע, איז געגאַנגען זיך פאַר איר שלאָגן; ווער ס'איז געווען פאַראינטערעסירט אין איר אָפּשאַפונג, האָט געקעמפט אַנטקעגן.

קיין סאך אידן זיינען דאמאלסט אין די שטאטן ניט געווען. איין באָראָ אין דער שטאָט ניו־יאָרק פארמאָגט איצט מער אידן וויפיל ס'זיינען אין יענער צייט געווען איבער'ן גאנצן לאנד. מ'רעכנט, אז זייער צאָל איז דאמאָלסט געווען אן ערך 200,000.

אין די דאָרעם־שטאטן האָבן געוואוינט א סאך רייכע אלט־געזעסענע ספארדישע אידן. צווישן זיי זיינען אויך געווען שקלאפן־האלטער; אידישע שקלאפן־האלטער זיינען קיין נייעס ניט אין אמעריקע. ס'זיינען אפילע פארבליבן זכרונות פון אמע־ריקאניש־אידישע שקלאפן־הענדלער, וועלכע האָבן געפירט לעבע־דיקע סחורה אויף זייערע שיפן פון אפריקע אהער.

ס'איז דערפאר נאטירלאך, אז אידן, וועלכע האָבן אויס־גענוצט פאר זיך שקלאפעריי און פארנומען אין דאָרעם הויכע פאָליטישע און געזעלשאפטלאכע עמטער, זאָלן זיין שטארקע אָנהענגער פון דער קאָנפעדעראציע (פארבאנד פון דאָרעם־שטאטן) און פאטריאָטן פון קריג.

צווישן די דאָרעמדיקע סענאטאָרן, וועלכע האָבן פארלאָזן וואשינגטאָן און אומגעקערט זיך אהיים, צו גרינדן א נייע שקלאפן־האלטערישע מעלוכע, איז געווען איינער א איד, דאָוויד יולי, א סענאטאָר פון פלאָרידע און א רייכער פלאנטאטאָר.

צווישן די דאָרעמדיקע אָנפירער פון קריג איז געווען דער איד, דזשודא בענדזשאמין, פון לואיזיאנא, א רייכער אדוואָקאט און א צוקער־פלאנצער. אין דעם מילכאמע־קאבינעט פון דזשע־פערסאָן דייוויס (פרעזידענט פון דער קאָנפעדעראציע) האָט ער פארנומען דעם אמט פון שטאָט־סעקרעטאָר.

ער איז געווען א פארביסענער אריסטאָקראט און א בי־טערער קעמפער. ווען עס קומען אָן שלעכטע צייטן פאר דער קאָנפעדעראציע, פרואווט ער דורכפירן א געוואגטן פלאן: ער וויל ארייננשלעפן אין דער ארמיי די נעגערס, זיי זאָלן זיך גיין

שלאָגן פאר זייער אייגענער פארשקלאַפונג. זיין פארביסנקייט דערגייט אזוי ווייט, אז ווען די מילכאָמע ענדיקט זיך מיט א מאַפּאָלע, פארלאָזט ער דאָס לאַנד אויף שטענדיק און באַזעצט זיך אין ענגלאַנד.

אין דער אַרמיי פון דאָרעם געפינען מיר א סאַך אידישע אָפיצערן, וועלכע שטאַמען פון רייכע פאמיליעס, און א סאַך רייכע זינדלאַך, וועלכע זיינען אוועק אָפּגעבן זייער לעבן פאר דער „הייליקער" זאַך פון שקלאַפעריי. ס'זיינען באַקאַנט פאַלן פון „וואפן־ברידער", דאָס הייסט, פון גאַנצע מישפאָכעס, וועלכע זיינען מיט נעוואר אין האַנט געגאַנגען פּאַרטיידיקן שקלאַפעריי.

ציימנוויז האָט געטראָפן, אז דער טאַטע איז נאָך געוועזן אַן אימיגראַנט, ווען שקלאַפעריי האָט אָפּגעשטויסן, און די זין זיינען שוין געווען עכטע דאָרעמדיקע „אריסטאָקראַטן". האָט זיך די מישפאָכע צעטיילט: די זין האָבן געקעמפט אַנטקעגן זייער אייגענעם פאָטער.

אזאַ פאַל איז באַקאַנט מיט איינעם א אידן, דזשאָנאַס, פון קענטאַקי. ער איז געווען א פערזענלאַכער פריינט פון לינקאָלן. זיינע פיר זין האָבן זיך געשלאָגן אין דער אַרמיי פון דער קאָנפעדעראַציע.

ס'זיינען אפילע געווען ראַבאָנים, וועלכע האָבן געהאַלטן דראָשעס אין שול און אויפגעוויזן, אז שקלאַפעריי איז קאָשער לויט דער הייליקער טוירע. (אזאַ איינער איז געווען א ניו־יאָרקער „ראַבאַי", מ. ראַפאַל). די אידישע ליבעראַלן פון דייטשלאַנד פלעגן זיי אָפּענטפערן צוריק, און עס איז אָנגעגאַנגען צווישןביידע צדאָדים א קאַמף פון ווערטער.

אין דעם ווערטער־קאַמף האָט זיך באַטייליקט איינער אַן אינטערעסאַנטער מענטש, וועגן וועלכן מיר ווילן דאָ אין קורצן דערציילן.

זיין נאָמען איז געווען מיכל האַלפּערן.

האַלפּערן איז געבאָרן געוואָרן אין פּוילן. פון פּוילן האָט ער יונגערהייט איבערגעוואַנדערט אין אונגאַרן. דאָרט איז ער צוגעשטאַנען צו די רעוואָלוציאָנערן, וועלכע האָבן געקעמפּט פאַר אונגאַרנס פרייהייט און זעלבסטשטענדיקייט. ער איז געווען אַ כאַווער פונ'ם באַרימטן פרייהייטס־קעמפער קאָשוט. אין 1848, ווען אונגאַרן האָט רעוואָלטירט אַנטקעגן עסטרייך און געוואונען צייטווייליק איר זעלבסטשטענדיקייט, ווערט האַלפּערן באַשטימט פאַר סעקרעטאַר פון דער ליטעראַרישער ביוראָ.

דער אויפשטאַנד ווערט אָבער שנעל דערשטיקט. דער רוסישע צאַר טוט אַ טויווע זיין כאַוועד, דעם עסטרייכישן קעניג; ער שיקט אַריין זיין אַרמיי אין אונגאַרן און פאַרלעשט מיט בלוט דעם אויפשטאַנד. האַלפּערן מוז פון לאַנד צייטווייליק אַנטלויפן.

ער קומט אין אַמעריקע אין יאָר 1856 און באַזעצט זיך אין פילאַדעלפיע, וואו ער ווערט אַ לערער אין אַ דייטשיש־אידישער ליבעראַלער שול. (ער איז געווען אַ געלערנטער און אַ שפּראַכן־קענער). ער זעט דאָ אויך קאַמף, ווי אין אונגאַרן, און סימפּאַטיזירט שטאַרק מיט דער אַנטי־שקלאַפן באַוועגונג, וואָס האָט זיך פאַרשפּרייט דאַמאָלסט שטאַרק איבער'ן לאַנד.

ווען אַ ראַבאַי שרייבט אָן אַ פּאַמפּלעט און באַווייזט, אַז שקלאַפעריי איז קאָשער, ענטפערט אים האַלפּערן אָפּ אין דער צייטונג „ניו־יאָרק טריביון", און זיין ענטפער מאַכט דאַמאָלסט אויפ'ן עולם אַ שטאַרקן איינדרוק.

די לעצטע 6 יאָר פון זיין לעבן, שוין נאָכ'ן בירגער־קריג, האָט ער זיך אָפּגעגעבן אַרויסצוהעלפן די אידישע אימיגראַנטן פון רוסלאַנד, וועלכע זיינען אַהער געלאָפן פון דעם צאַר'ס פאַרפאָלגונגען. דער ליבעראַלער, ווייכהאַרציקער האַלפּערן איז צו זיי

געווען ווי א פאטער, באזארגט זיי מיט ארבעט, געהאלפן גרינדן ערד־ארבעט קאלאניעס און קאמונעס. געשטארבן איז האלפערן אין יאר 1888.

מיר האבן שוין פריער דערציילט, אז די דייטשע אידן זיינען מערסטנס געווען קעגן שקלאפעריי. א סאך סאכרים און זייערע קינדער זיינען אוועק שלאגן זיך אין דער יוניאן־ארמיי. צווישן זיי זיינען געווען א היבש ביסל אפיצערן, קינדער פונ׳ם רייכן קלאס.

איין אידישער אפיצער האט אויך אנטייל גענומען אין איינשטילן די ניו־יארקער ראיאטן.

די ראיאטן זיינען ארויסגעקומען דערפון, וואס די רעגירונג האט דאמאלסט איינגעפירט געצוואונגענע מיליטער־דינסט. פריי־ווילינע זיינען געווען ווינציק. די באריכטן פון די שרעקלאכע שכיטעס אויפ׳ן פעלד, אין דער צייט ווען דער סויכער אין דער היים האט זיך געבאדן אין גאלד און אין וואוילטאג, צוליב די גרויסע מילכאמע־פראפיטן, האט אפגעשלאגן דעם כיישעק צו גיין אין שלאכט. א רייכער האט אבער געקאנט דינגען פאר זיך אן אנדערן, ער זאל זיך גיין פאר אים שלאגן, אדער ער האט געקאנט אויסקויפן זיך מיט 300 דאלאר אויסלייז־געלט.

א כוץ דעם האט זיך אנטפלעקט קארופציע ביים אויס־טיילן די מעלוכע־קאנטראקטן, אומגעלומפערטע אויסגאבן פון געלט, פאליטישער פאווארטיזם ביים פארטיילן די מיליטערישע עמטער.

די געגנערשאפט ברעכט אויס אין אן אפענעם ראיאט אין א סאך פלעצער און אויך אין דער שטאט ניו־יארק. דער אידי־שער גענעראל, וויליאם מאיער, גיט דאמאלסט דער רעגירונג וויכטיקע הילף ביים איינשטילן די ניו־יארקער ראיאטן, און

דערפאר באקומט ער אן אונטערגעשריבענעם דאנק־בריוו פון פרעזידענט לינקאלן אליין.

דער שטאט ניו־יארק האט געשיקט אין דער מילכאמע 2,000 אידישע סאלדאטן. נאך איר קומט אהאיא, מיט 1,100; אילינאיז — מיט 1,000; אינדיאנא — מיט 500, און מישיגען — מיט העכער 200. דאס פוריטאנישע ניו־ענגלאנד האט געשיקט די קלענסטע צאל אידישע סאלדאטן, ווייל אידישע איינוואוינער זיינען דארטן געווען נאך זייער ווייניק.

ס'איז שווער צו וויסן ווער ס'איז געגאנגען אין מילכאמע מיט זיין אייגענעם גוטן ווילן, ווער מיט צוואנג. אבער דער אי־דישער אוילאם הינטער די שלאכט־ליניעס, איבערהויפט דער רייכערער טייל, איז געווען זייער פאטריאטיש געשטימט.

דעם 26טן מאי, 1865, זיינען די רעשטן פון דער דארעמ־דיקער ארמיי געווען געצוואונגען אוועקצולייגן זייער וואפן. דער בלוטיקער בירגער־קריג האט זיך געענדיקט.

קאפיטל XII.

די אידישע עמיגראציע פון דייטשלאנד שטעלט זיך ביסלאכווייז אפ. די יאהודימשע סאכרים פארבירגערן זיך דא אין לאנד און בויען אויף זייערע רעליגיעזע און פילאנטראפישע אינסטיטוציעם. די ערשטע אידישע עמיגראנטן פון רוסלאנד און פוילן.

אין די מילכאמע־יארן איז דער סויכער און פאבריקאנט רייך געווארן; נאכ'ן בירגער־קריג, ווען דאס לאנד איז אריינגעטראטן אין א פעריאד פון אינדוסטריעלער רעוואלוציע און שטארקן קאפיטאליסטישן אויפשוואונג, איז ער נאכמער געוואקסן און זיך צעבליט. א סאך דייטשע אידן האבן אין יענע יארן אויפגעקליבן גרויסע אשירעס. אבער דער צופלוס פון נייע אימיגראנטן האט זיך אנגעהויבן אפשטעלן. די אידן אין דייטשלאנד דערשלאגן זיך ענדלאך אין דער אלטער היים צו פולע בירגערלאכע רעכט; זיי פארנעמען דארטן דעם ארט, וואס ס'קומט זיי, געהערנדיק צום אלגעמיינעם מיטל־קלאס. אז ס'קומען אן די יארן פון 1880, שטעלט זיך די אידיש־דייטשע עמיגראציע קימאט אינגאנצן אפ.

דער אריבערגעקומענער עמיגראנט ווערט דא ביסלאכווייז איינגעבירגערט. ס'וואקסט אויף אוים א נייער דאר, פאר וועמען דאס לאנד איז זיין עמעסע היים. פארמאגנדיק געלט און רייכקייט, זוכן די אידישע סאכרים און פאבריקאנטן אויך קאוועד און אן אנגעזעענעם פלאץ אינ'ם עפנטלאכן לעבן. די זארג פאר'ן ארימען ווייטן קארעוו אין אייראפע באאומרואיקט זיי שוין מער

ניט. (מען דאַרף מער ניט שיקן קיין שיפסקאַרטן און קיין הילף צו דער אָרימער מישפּאָכע אין דער אַלטער היים). מ'הייבט דאַמאָלסט אָן אויסצופּוצן שיינע טעמפּלען, אַרויסווייזן זיך מיט רייכע נעדאָווים, אָרגאַניזירן אויף אַ „ווירדיקן" רייכן אויפן דעם אינערלאַכן רעליגיעזן לעבן.

ס'ווערן דאַמאָלסט אויפגעבויט די פאַרשידענע הילף־געזעלשאַפטן, ווי יעסוימים־הייזער, שפּיטאָלן, היימען פאַר אַלטע, אימיגראַציע־הילף־פאַראיינען, אין וועלכע די דייטשע אידן האָבן אַ סאַך אַרבעט אַריינגעלייגט.

דער דייטשער איד האָט געהאַט אַ כוש פאַר אָרגאַניזאַציע, פאַר אָרדענונג און דיסציפּלין. מיט דער קאַפּיטאַליסטישער וועלט, ווי זי איז, איז ער געווען צופרידן (ווייל ער אַליין אַז אַ טייל פון איר). ער האָט בלויז געוואָלט פאַרלייכטערן, אַרויסהעלפן דעם איינציקן געפאַלענעם און דערביי באַפרידיקן זיין אייגן גוט האַרץ.

אין יענער צייט צעוואַקסן זיך אויך די ברידערלאַכע אָרדנס. זיי זיינען גרעסטנטיילס געווען געהיימע, געבויט לויט'ן מוסטער פון די אַלגעמיינע מאַסאָנען־לאָדזשן און אַרומגערינגלט מיט פאַרשידענע צערעמאָניעס. אַזעלכע זיינען געווען דער „בני ברית", „ברית אַווראָהאָם", די „פרייע זין פון איסראָעל" (פרי סאָנס אָוו איזראַעל), די „פרייע זין פון בינייאָמין" און נאָך פאַרשידענע אַנדערע. זיי האָבן פאַרמאָגט צענדליקער טויזנטער מיטגלידער.

די אידן פון די מיזראַך־לענדער (רוסלאַנד, פּוילן, רומעניע און גאַליציע) זיינען נאָך דאַמאָלסט דאָ געווען אין אַ קליינער צאָל. זיי האָבן זייער כאַראַקטער־שטריך אויף דעם אידישן לעבן ניט אַרויפגעלייגט, ווייל זיי זיינען געווען שוואַך קענטיק, אין דעם גרעסערן און מער פאַרביקן שטראָם.

נאָכ'ן בירגער־קריג הייבן אָן אריינצוקומען מער רוסיש־פוילישע אידן. ס'קומען נאָך אַלץ יעכידים, מענטשן געוואַגטע, אוואַנטור־ליבנדיקע, וועמען דער לאַנגער אומבאַקאַנטער וועג פון היימישן שטעטל איבער'ן אַטלאַנטישן יאַם האָט ניט אָפּגעשראָקן. ס'זיינען צווישן זיי אויך געווען אַזעלכע, וועלכע זיינען אַהער אַנטלאָפן פון פאַרשיקונג און טפיסעס פאַר פאַרשידענע פאַרברעכנס.

אין 1867 ברעכט אויס אַ הונגער אין רוסלאַנד. דאָס אָפּגעשטאַנענע לאַנד קאָן ניט אָנזעטיקן אירע אייגענע איינוואוינער. אַ סאַך אידן ראַטעווען זיך פון הונגער־טויט קיין אַמעריקע.

אין 1871 ברעכט אויס אַ פּאָגראָם אויף אידן אין דער שטאָט אָדעס, צוליב אַ מיטלאַלטערלאַכן בלוט־בילבול; אַ גרופּע אידן אַנטלויפט פון אדעס אַהער.

די אידישע עמיגראַנטן פון די מיזראַך־לענדער זיינען גרעסטנטיילס פאַרפרומטע, אָפּגעשטאַנענע און פאַרגרעבטע. זיי שטאַמען פון דער אָרימער פּאָלקס־מאַסע, וואָס האָט זיך אין דער אַלטער היים פאַרנומען מיט קליין־האַנדל און די אָרימסטע באַשעפטיקונגען. דאָ שטיקן זיי זיך, צוזאַמען מיט דער אַלגעמיינער אימיגראַנטישער באַפעלקערונג, אין די געגנטן פון דער איסט־סייד. אַנדערע זיינען פּעדלער, קליין־הענדלער און באַלמעלאָכעס. אַ טייל אַרבעטן אין פאַבריקן, אָבער פון דער אַרבעטער־באַוועגונג און יוניאָנס ווייסן זיי נאָך גאָרניט. ס'גאַנצע לעבן טוליעט זיך אַרום דעם קליינעם שולכל, אויפגעבויט פון די לאַנדסמאַנשאַפטן. זיי געפינען זיך אונטער דער האַשפּאָע פון דעם טעמעני־האָל פּאָליטישן (גרעסטנטיילס אַן אייגנטימער פון אַ מאַשקע־סאַלון), וועלכער נוצט אויס זייער אומוויסנהייט פאַר ניט־ערלאַכע צוועקן. דער יאַהודי שעמט זיך מיט'ן פאַרגרעבטן קאָרעוו און רוקט זיך פון אים אָפּ אָן אַ זייט.

ס'ווערן דאַמאָלסט געמאַכט פאַרשידענע פּרואוון אַרויסצוגעבן

אַ אידישע צייטונג. אין יאָר 1870 באַווייזט זיך אַ צייטונג, „די אידישע פּאָסט", און נאָך איינע, אַ העברייאישע צייטונג. אין יאָר 1874 דערשיינט „די אידישע גאַזעטן", אַ וואָכנבלאַט, געגרינדעט פון קאַסריעל סאַראַזאָן. די שפּראַך איז דייטשמעריש און פאַר'ן איצטיקן לעזער ניט אינגאַנצן פאַרשטענדלאַך. די ריכטונג איז פאַנאַטיש און שטאַרק פאַרפרומט.

אין יענער צייט האָט מען זיך גאָר ניט געקאָנט פאָרשטעלן, אַז אינגיכן וועט דאָ אויפקומען אַ נײַ שטורמדיק לעבן; אַז דעם פּלאַץ פון ספּאַרדים און יאַהודים וועט פאַרנעמען דער אידישער אַרבעטער, וועלכער וועט פאַנאַנדערטרייסלען דעם אידישן שימל און אויפהייבן די פאָן פון אַ נייעם סאָציאַליסטישן גלויבן. אָבער אַזוי איז טאַקע אין עטלאַכע יאָר אַרום געשען.

די אידישע מאַסן פון רוסלאַנד האָבן זיך, צוליב עקאָנאָמישע און פּאָליטישע אורזאַכן, אַ הייב געטאָן פון זייערע איינגעזעסענע פּלעצער. אַזאַ מאַסן־וואַנדערונג איז נאָך אין דער אידישער געשיכטע קיינמאָל ניט געשען. פאָראויס, פאַר'ן געטריבענעם אוילאָם, איז געגאַנגען דער נייער אידישער טרוימער־סאָציאַליסט, אָרגאַניזירט אין גרופּן, און זייער נאָמען איז געווען: „אַם אוילאָם".

קאפיטל XIII.

אם־אוילאם גרופן. די ערשטע סאציאליסטישע טרוימער.

די שיף „בריטיש פרינס" שווימט אפ, אין יאר 1882, פון דער ענגלישער האפן־שטאט, ליווערפול, קיין אמעריקע.

אירע צווישן־דעק פאסאזשירן זיינען גרעסטנטיילס אידישע עמיגראנטן, וועלכע לויפן פון זייער אלטער היים (וואו ס'הערשט א צאר און ס'קומען פאר פאגראמען), זוכן אין דער נייער וועלט ארבעט און רו.

צוזאמען מיט דער אומעטיקער, פארכוישעכטער מאסע עמיגראנטן פארט א גרופע יונגעלייט; ניט געקוקט אויף דער יאם־קראנקהייט, אויף ווינטן און שטורעמס, זיינען זיי פריילאך און אויפגעלייגט. מען האלט אפ היציקע פארזאמלונגען, מען בויט פלענער ווי אזוי איינצואָרדענען זייער נייעם לעבן אין דעם נייעם לאנד.

דאס זיינען געווען די גרופעס אם־אוילאם (דאס אייביקע פאלק), וועלכע זיינען געפארן אין אמעריקע פארווירקלאכן זייער אידעאל פון קאמוניסטישע קאלאניעס.

זייערע פירער זיינען געווען סטודענטן, גימנאזיסטן, גע־שטודירטע יונגעלייט, פון וועלכע א גרויסער טייל האט אנטייל גענומען אין דער רעוואלוציאנערער באוועגונג אין רוסלאנד. זיי האבן געגלויבט, אז די פאגראמען קומען דערפון, וואס א גרויסער טייל אידן זיינען לופט־מענטשן און לעבן ניט פון ארבעט, נאר פון האנדל. זיי האבן געוואלט באווייזן פאר די אידן און פאר דער

גאַנצער וועלט דעם ערשטן ביישפּיל: ווערן ניצלאַכע פּיזישע אַרבעטער, אידישע פּאַרמערס.

זיי האָבן ניט געטראַכט צו ווערן פּאַרמערס, יעדערער אויף זיין אייגענעם פּיצל לאַנד, נאָר אויפבויען קאָמוניסטישע קאָלאָניעס; ניט דערלאָזן, אַז ביי זיי אין די קאָלאָניעס זאָלן זיך געפינען געדונגענע אַרבעטער. זייער שטרעבונג צו לאַנד־אַרבעט איז געווען דורכגעווייקט מיט סאָציאַליסטישע געדאַנקען.

דאָ אין אַמעריקע האָבן זיי געטרוימט צו באַשאַפן אינזלען פון אַ נייער ציוויליזאַציע. אַנדערע האָבן עס געוואָלט טאָן פאַר'ן אידישן פאָלק, אַנדערע — פאַר דער מענטשהייט. די רעוואָלוציאָנערן האָבן געכאָלעמט אויפבויען דאַמפּ־שיפן און באַפרייען פון סיביר זייערע פאַרשיקטע רוסישע כאַווירים.

ווייל זיי זיינען געווען יונג און ניט דערפאַרן, און ווייל זיי זיינען געווען אָפּגעזונדערט פון דער אידישער מאַסע (זיי האָבן זיך געהאַלטן פאַר די העברעע און געבילדעטע; די איינפאַכע מענטשן האָבן גערעדט אידיש און זיי צווישן זיך — בלויז רוסיש), איז זייער פּלאַן געווען ניט פון לעבן, בלויז טרוים און פאַנטאַזיע.

דאָ אויפ'ן שיף האָבן זיי זיך שוין פאַרגעשטעלט, ווי עמעסע ערד־אַרבעטער; מען האָט דעבאַטירט איבער די אַנשטאַלטן, וועלכע זיי וועלן אויפבויען אין זייערע דערפער; וועלכע ביכער זיי זאָלן קויפן פאַר זייערע ביבליאָטעקן; און צי זיי זאָלן אויך האָבן אַ שול פאַר פרומע מענטשן צו דאַווענען (טאָמער וועלן זיך צווישן זיי טרעפן רעליגיעזע מענטשן). ווענן אַ שול האָט די מאַיאָריטעט געפּאַסקנט, אַז ס'איז ניט נויטיק.

די נעסיע פון די אַם־אוילאָם גרופּן איבער אייראָפּע ביז צו דער שיף איז געווען אַ העלדן־מאַרש. אומעטום האָט מען זיי אויפגענומען מיט אַ האַרציקן קאַבאָלאַס־פּאָנים. אין דער

שטאט קראקע האבן ראדיקאלע יונגעלייט דערלאנגט זיי א מאטאנע דאס בוך „קאפיטאל" פון קארל מארקס. אין דער שטאט לעמבערג האבן פרומע אידן דערלאנגט זיי א סייפער־טוירע און א פאן, אויף וועלכער ס'איז געווען אויפגעשריבן: „די פאן פון דער מאכנע איסראעל".

דעם 30טן מאי איז די שיף אנגעקומען אין פילאדעלפיע.

א. קאספע

פון פילאדעלפיע זיינען די אם־אוילאמניקעס אפגעפארן קיין ניו־יארק. זיי האבן זיך געריכט צו קריגן פון די אמעריקאנער אידן אזא פייערלאכן קאבאלאס־פאנים, ווי אין אייראפע. זיי האבן זיך אויסגעשטעלט אין רייען, פאנאנדערגעוויקלט זייער פאן, און זינגענדיק רוסישע רעוואלוציאנערע לידער אוועק־מארשירט צום אימיגראנטן־היים, קעסל־גארדן (איצט דער אקוואריום, לעבן דער „סאוט־פערי"), פון וואנען די „גוט־האר־

ציקע" רייכע אַמעריקאַנער אידן האָבן זיי געדאַרפט אוועקשיקן אין די קאָלאָניעס.

מיטאַמאָל האָט זיך דערהערט מוזיק. די אָם־אוילאָמניקעס האָבן געמיינט, אַז דאָס גייט מען זיי מיט פּאַראַד באַגעגענען. דער מאַרש איז אָבער פאַרבייגעגאַנגען און ניט אָפּגעשטעלט זיך (ס'איז געווען אַ פּערטער יולי פּאַראַד). די גאַסן־אינגלאַך, וועלכע זיינען נאָך זיי נאָכגעלאָפן, האָבן אָנגעהויבן וואַרפן אויף זיי שטיינער.

די שטיינער האָבן זיי אויסגעניכטערט. זיי האָבן פאַרשטאַנען, אַז ניט פאַר זיי האָט מען עס פּאַראַדן געמאַכט. די אָם־אוילאָמניקעס האָבן זיך דערשלעפּט ביז'ן קעסל־גאַרדן און דאָרט זיך אַוועקגעלייגט אויפ'ן גראָז, צוזאַמען מיט אַלע אי־בעריקע וואַנדערער.

אַרום קעסל־גאַרדן האָבן זיך געוואַלגערט מאַסן אימיגראַנטן מיט זייערע פרויען און קליינע קינדער. די ענגשאַפט איז געווען אַזוי גרויס, אַז די באַאַמטע פון האַפן האָבן אויפגעשטעלט אין בעטערי פּאַרק געצעלטן פון ברעטער. מענטשן האָבן זיך אויך געוואַלגערט אויף די אַרומיקע גאַסן. זעענדיק אַרום זיך אַזאַ עלנט, האָבן די אָם־אוילאָמניקעס קיין צייט ניט געהאַט צו באַקלאָגן זייער אייגענעם מזל.

אָבער אַזוי ווי זיי האָבן זיך גערעכנט פאַר די העכערע און געבילדעטע, זיינען זיי גלייך אַוועק צו די באַאַמטע פון דעם „הילפס־קאָמיטעט פאַר אימיגראַנטן" (וואָס איז באַשטאַנען פון רייכע אידן) און געפאָדערט, אַז מען זאָל זיי טייקעף אָפּשיקן אין די קאָלאָניעס. מיט'ן הילפס־קאָמיטעט האָבן זיי זיך נאָך פון אייראָפּע דורכגעשריבן, און ער האָט זיי צוגעזאָגט הילף. איצט אָבער, צוליב דעם גרויסן אָנפאַר פון אָרימע נויטבאַ־דערפטיקע אימיגראַנטן, האָט זיי דער קאָמיטעט אָפּגעזאָגט צו העלפן, און אַלע זיינען געווען שטאַרק אַנטוישט:

— ניטא מער קיין לאנד־ארבעט! פון אונזער האפענונג האט זיך אויסגעלאזט א כאלעם! צו וואס זיינען מיר אהער־געקומען?

די ערשטע אידישע סאציאליסטן זיינען געווען זייער נאאיוו: זיי האבן געבויט זייערע כאלוימעס אויף דער הילף פון רייכע אידן און ניט אויף זייערע אייגענע קויכעס.

פון קעסל־גארדן האט זיי דער קאמיטעט אפגעשיקט אין אן אימיגראנטן־הויז אין גרינפאינט, לאנג־איילאנד. דארט האט מען זיי א וואך צייט „געהאלפן" מיט עסן און א דירע. זיי האבן דארט נאך לענגער געוואלט פארבלייבן, האט זיי דער הילפס־קאמיטעט אן צערעמאניעס מעשאלייאך געווען.

די ערשטע פארטיע אימיגראנטן איז באשטאנען פון צוויי באזונדערע גרופעס, וועלכע האבן זיך באגעגנט אין דער שטאט ליווערפול, ענגלאנד, ביים האפן. אזוי ווי דער אידעאל פון קאלעקטיווער ערד־ארבעטער קאלאניזאציע איז געווען בייביידע גרופעס דער זעלביקער, האבן זיי זיך צוזאמענגעשמאלצן און זייערע שוטפעסדיקע געלט־קאסעס האבן זיי פאראייניקט צו־זאמען. די ערשטע גרופע איז געפארן פון דער שטאט קיעוו; איר פירער איז געווען א סטודענט, נ. אלייניקאוו. די צווייטע — א ווילנער, אונטער דער פירערשאפט פון מ. קאספע. זיין ברו־דער, אווראהאם קאספע, איינער פון די הויפט־פירער פון דער אם־אוילאם באוועגונג, איז נאך צייטווייליק געבליבן אין ווילנע, אנקלייבן נייע מיטגלידער פאר א צווייטער גרופע.

די קיעווער גרופע איז באשטאנען פון א זיבעציק מענטשן, מענער און פרויען. צווישן זיי איז אויך געווען דער פאעט ד. עדעלשטאט, וועלכער איז דאמאלסט אינגאנצן זעכצן יאר אלט געווען. צווישן די ווילנער זיינען געווען: דער בארימטער שפראך־פארשער א. הארקאווי, באדאנעס און ג. וויינשטיין (די לעצטע

צוויי — רעוואָלוציאָנערן, מיטגלידער פון דער רוסישער פּאַרטיי „פאָלקס־ווילן“) און נאָך אַנדערע.

אויפ'ן וועג זיינען אנטשטאַנען סיכסוכים צווישן ביידע גרופּעס. די „קיעווער“ זיינען געווען גרעסטנטיילס סטודענטן און נאָך אַ טייל — איינפאַכע מאַסן־מענטשן, וועלכע זיינען פּאַשעט געפאָרן קיין אַמעריקע ראַטעווען זיך פון די רוסישע פּאָגראָמען. צווישן די ווילנער זיינען געווען באוואוסטזיניקע רעוואָלוציאָנערן, אַרבעטער, ביי וועמען דער אידעאַל פון קאָמוניסטישע קאָלאָניעס איז געשטאַנען העכער איבער אַלץ. איז מען ניט דורכגעקומען צווישן זיך איבער פאַרשידענע פראַגעס פון דעם צוקונפטס־לעבן און דער סאָף איז געווען, אַז די גרופּעס האָבן זיך צוריק געשפּאָלטן און די אַלגעמיינע קאַסע איז פונאַנדערגעטיילט געוואָרן באַזונדער.

נאָך דער ערשטער פּאַרטיע „אַם־אוילאַם“ זיינען געקומען עטלאַכע אַנדערע. זייער אַלגעמיינע צאָל, צווישן דער גרויסער מאַסע אימיגראַנטן, איז געווען אַן אומבאַדייטנדיקע; זיי זיינען אָבער געווען אידעאַליסטן. זיי האָבן עפּעס געזוכט, ניט בלויז פאַר זיך, נאָר פאַר'ן כּלל, און פאַר דעם זיינען זיי גרייט געווען מאַקריוו צו זיין זייער לעבן. און דערפאַר איז צווישן דער גרויסער נאָמענלאָזער מאַסע אימיגראַנטן פון יענער צייט געבליבן קענטיק דאָס קליינע הייפעלע. זיי האָבן דעם גאַנצן שטראָם באַלויכטן מיט זייער אידעאַליסטישער פאַרב.

מיר וועלן אין קורצן דערציילן דאָס לעבן פון די אידן אין רוסלאַנד און וואָס ס'האָט זיי אין יענער צייט געטריבן קיין אַמעריקע.

קאפיטל XIV.

דאס לעבן פון די אידן אין רוסלאנד. דער אנהייב פון דער גרויסער עמיגראציע אין יאר 1881.

קליינע שטעטלאך; צעפוילטע דעכער, ארימקייט, דאבקעס און שמוץ; פארפאלגונגען פון א רעגירונג, איבער וועלכער עס האט געהערשט אן אויטאקראטישער צאר. אט אזוי האט גע־לעבט א גרויסער טייל פון זעקס מיליאן אידן אין דער רוסישער מעלוכע א סאך יארן נאכאנאנד.

די פוילישע פריצים, וועלכע האבן אויפגענומען די אידן פון דייטשלאנד אין דעם פערצנטן און פופצנטן יארהונדערט און געגעבן זיי פארשידענע רעכטן (ווייל מען האט זיך גענויטיקט אין דעם אידישן מיטל־קלאס), זיינען שוין מער קיין באלעבאטים ניט געווען אין זייער לאנד. אין 18טן יארהונדערט איז דאס לאנד פוילן צעפליקט געווארן צווישן אירע דריי שטארקע שכיינים: רוסלאנד, פרייסן און עסטרייך. דער גרעסטער טייל אידן איז אריינגעפאלן אונטער דעם רוסישן צאר.

דאס צארן־לאנד איז געווען זייער שטארק אפגעשטאנען: דער מיליאנענדיקער פויערים־קלאס איז געווען א פארשקלאפטער, אין דעם אידישן מיטל־קלאס האט מען זיך ניט שטארק גענויטיקט. די אידן זיינען פארשפארט געווארן אין דער טשערטא (די פראַ־ווינצן, וואס רוסלאנד האט אפגעריסן פון פוילן). דער איבעריקער טייל פון דעם גרויסן לאנד איז פאר זיי געווען פארשלאסן.

אין שטעטל האט זיך דאס אפגעזונדערטע אידישע לעבן

געפירט אונטער דער הערשאַפט פון אַן אייגענער פאַרוואַלטונג (קאָהאָל), וואָס איז באַשטאַנען פון די רייכערע און לאַמדאָנים. די מאַסן זיינען געווען די שניידער, סטאָליערס און אַנדערע באַלע־מלאָכעס, וועלכע האָבן געליטן פון דעם אַריסטאָקראַטישן קאָהאָל. אַז דער רוסישער צאַר, ניקאָלאַי דער ערשטער, גיט אַרויס אַ באַפעל אָפּצוגעבן פאַר סאָלדאַטן קליינע אידישע קינ־דער, שיקט דער קאָהאָל אַרויס קינדער־כאַפּער און באַשטימט וועמעס אינגעלע צו נעמען פאַר אַ קאַנטאָניסט (געכאַפּטער סאָל־דאַט) און וועמעס נית. פאַרשטייט זיך, אַז זיך אַליין האָט דער מאַכט־האָבער באַשיצט און אויסגעקויפט זיך מיט'ן קינד פון אָרימאַן.

אַזוי פלעגט דער קאָהאָל אַרויסווייזן זיין מאַכט אויך ווען עס פלעגט קומען צום אויסטיילן פון צינזן. אַ טייל צינזן זיינען געגאַנגען פאַר דער רעגירונג, אַ טייל — צו בויען אין שטעטל אַ שול, אַ באָד און אַנדערע געזעלשאַפטלאַכע אינסטיטוציעס. האָט מען דעם צינזן־יאָך אַרויפגעלייגט אויף דעם באַלמעלאָכע, אויפ'ן קליינעם קרעמער, און אַליין האָט מען זיך אָפּגעפּאַטערט מיט אַ קלייניקייט. מען פלעגט אַרויפלייגן אַ טאַקסע אויף פלייש, ליכט, זאַלץ, בראַנפן און הייוון, און דער אָרימאַן האָט זיך ניט געקאָנט פאַרגינען עסן קיין שטיקל פלייש, אַ כוץ שאַבעס.

דער אידישער אַרבעטער איז נאָך דאַמאָלסט ניט געווען קיין אָפּגעטיילטער באַזונדערער קלאַס (ווי דער איצטיקער אַר־בעטער, וועלכער פירט סטרייקס און קעמפט אַנטקעגן זיינע באַלעבאַטים). ער האָט געאַרבעט אין זיין אייגענעם וואַרשטאַט. זיינע סכוירעס, היטלען, שיך, בגאָדים, פלעגט ער אויפ'ן יאַריד אַליין צו די קונדן פאַרקויפן. אַ כוץ אַרבעטער, איז ער נאָך גע־ווען אַ הענדלער און אַ קרעמער. די באַדינגונגען פאַר אַ קלאָר אויסגעשפּראָכענעם קלאַסן־קאַמף צווישן אַרבעטער און באַלעבאָס זיינען נאָך דאַמאָלסט ניט געווען.

אין יאר 1854 פירט רוסלאנד א מילכאמע מיט מייריווי־אייראפייאישע מעלוכעס און כאפט א מאפאלע. דאמאלסט האט זיך דעם צארס רעגירונג ארומגעזען, אז איר שוואכקייט קומט פון דעם, וואס דאס לאנד איז אפגעשטאנען און פארמאגט ניט קיין פאבריקאציע און האנדל. זי הויבט אן ציוויליזירן דאס לאנד, בויט אייזנבאנען און טעלעגראפן, עפנט אויף פאלקס־שולן און שפעטער באפרייט זי די פויערים פון דער פריצישער שקלאפעריי.

די רעגירונג נויטיקט זיך דאמאלסט אין געבילדעטע מענטשן און גיט צו מוט די אידישע יונגעליט פון די יעשיוועס, אז זיי זאלן גיין אין די מעלוכע־שולן און שטודירן. די פארפרומטע קלאגן אויפ׳ן נייעם „אומגליק" און זיי שרייען אין איין קאל, אז זיי דארפן ניט קיין שולן. זיי האבן מוירע, אז מען וועט דארטן זייערע קינדער אפשמאדן. א סאך יונגעליט נעמען זיך אבער דאמאלסט שטודירן. די אויסגעשטודירטע קומען אן אויף מעלוכע־שטעלעס, אדער זיי גייען ארבעטן צו די רייכע אידישע פאבריקאנטן. די מאסקילים (אדער געבילדעטע) זיינען זייער דאנקבאר דעם צאר, וועלכער גיט זיי א געלעגנהייט לערנען זיך און שטייגן צו די העכערע קלאסן.

פון דער טשערטא וואנדערן אידן אין די גרויסע רוסישע שטעט. דארט, וואו מען האט קיינמאל קיין אידן ניט געזען, וואקסן איצט אויס אידישע קעהילעס פון די אינגערע און מוטיקערע. צווישן זיי זיינען פאראן הענדלער, פאבריקאנטן, וואלד־ און טוואוע־סאכרים, מעלוכע־ליפעראנטן און באנקירן.

אבער אלע רעפארמען, וואס דער צאר (אלעקסאנדער דער צווייטער) האט דורכגעפירט, זיינען ניט געווען פאר דער טויווע פון פאלק, נאר פאר׳ן נוצן פון דער רעגירונג. די באפרייטע מיליאנען פויערים זיינען ניט פארטיילט געווארן מיט ערד און זיינען געבליבן פריי צו שטארבן פון הונגער. אין די שטעט האבן די מאסן געלעבט אין שרעקלאכער ארימקייט און דאכקעס. די

רעפאָרמען זיינען געגעבן געוואָרן מיט איין האנט און גלייך צוריקגעצויגן געוואָרן, ווען ס'האָט זיך גערעכט, אַז זיי קאָנען שעדיקן דעם צאַר און פון זיי קאָנען אויך געניסן די אָרימע מאסן.

א סאך געלערנטע זין און טעכטער פונ'ם רוסישן פאָלק האָבן ניט געקאָנט צוזען די ליידן פון די אַרבעטנדיקע און זיי זיינען אוועק צווישן זיי פארשפּרייטן אויפקלערונג און פרייע געדאַנקען. קיין סאך שטאָט-אַרבעטער אין די פאבריקן זיינען נאָך דאמאָלסט ניט געווען, און די געבילדעטע יונגעלייט (אינטעליגענטן) זיינען אוועק פארשפּרייטן דעם סאָציאַליסטישן אידעאַל אין דאָרף, צווישן די פּויערים.

דעם צאַרס רעגירונג האָט די סאָציאַליסטן שטאַרק פאַר־פאָלגט. מען האָט זיי געשלאָגן, אַרעסטירט, פארשפּאַרט אין טפיסעס און פארשיקט אין סיביר. אָבער זיי האָבן זיך ניט אָפּ־געשראָקן. פארשטעלט ווי פּאָשעטע פּויערים, מיט אַ טאָרבע אויפ'ן פּלייצע, אין וועלכער ס'זיינען געלעגן ביכלאך פון אויפ־קלערונג, זיינען זיי געגאַנגען איבער די דערפער און פארשפּרייט די סאָציאַליסטישע לערע.

אידן זיינען צווישן זיי אין דער ערשטער צייט געווען ווינציק: די מאַסקילים זיינען געווען הייסע צארישע פּאַטריאָטן. די ערשטע רעוואָלוציאָנערן זיינען אויך ניט געגאַנגען אין די אידישע שטעט־לאך; צוזאַמען מיט זייערע רוסישע כאַוויירים זיינען זיי געגאַנגען „אין פאָלק" (צווישן די פּויערים), ווי פארשטעלטע רוסן.

דער אידישער באַלמעלאָכע און קליין־הענדלער האָט פון סאָציאַליזם ניט געוואָלט וויסן. קיין אַרבעטער־קלאַס איז נאָך דאמאָלסט ניט געווען. אין דער טשערטאַ זיינען קיין פאַבריקן קימאַט ניט געווען און די איינציקע פאבריקאַנטן, אפילע אידן, האָבן בעסער געדונגען צו דער אַרבעט פּויערים פון דאָרף,

וועלכע זיינען געוועזן געזינטער, אומוויסנדיקער און ביליקער פון א אידישן ארבעטער.

שפּעטער באַווייזן זיך שוין אין די אידישע שטעט אָרגאַניזירטע אידישע סאָציאַליסטישע גרופּעס. איין גרופּע איז באַשטאַנען פון שטודירנדיקע און סטודענטן; זי איז אָרגאַניזירט געוואָרן פון א באַרימטן רעוואָלוציאָנער, אראָן זונדעלעוויטש. די שפּראַך, אויף וועלכער זיי האָבן דעם סאָציאַליסטישן געדאַנק פאַרשפּרייט, איז געוועזן רוסיש. פון די אידישע מאַסן זיינען זיי נאָך געוועזן ווייט; די מאַסן האָבן גערעדט אידיש.

אַנדערע רעוואָלוציאָנערן הויבן אָן פאַרשפּרייטן דעם סאָציאַליסטישן געדאַנק צווישן די אָרימע יעשיווע באָכערים, וועלכע זיינען אַליין א טייל פון דער אידישער מאַסע. צווישן זיי זיינען געוועזן אראָן ליבערמאַן און דער „זיידע“, מאָרים ווינטשעווסקי. די שפּראַך, אויף וועלכער זיי האָבן זייער שריפטלאַכע פּראָפּאַגאַנדע געפירט, איז געוועזן העברייאיש.

אידיש פאַר א לאָשן האָט נאָך דאַמאָלסט קיינער ניט געהאַלטן. מען האָט זיך ניט פאָרגעשטעלט, אז מען קאָן נעמען און שרייבן אָט גאָר פּראָסט, אויף אידיש...

די אידישע רעוואָלוציאָנערן אין דער טשערטאַ העלפן אויך צו באַשאַפן דאָ אָן ארבעטער־עלעמענט. זיי פּראָפּאַגאַנדירן, אז אידן זאָלן אוועקוואַרפן האַנדל און לופט־געשעפטן און נעמען זיך צו נוצלאַכער ארבעט. אין א סך שטעט העלפן זיי גרינדן ארבעט־שולן, וואו אידישע קינדער זאָלן זיך קאָנען לערנען א מעלאָכע.

אַלע רעוואָלוציאָנערן, אידישע און רוסישע, זיינען גלייך פאַרהאַסט ביים צאַר. די פאַרפאָלגונגען ווערן אַלץ בייזער און שטאַרקער. דורך ליידן און בלוטיקער דערפאַרונג קומען די סאָציאַליסטן צום געדאַנק, אז די ערשטע זאַך, וואָס מ'דאַרף טאָן, איז — אראָפּוואַרפן די צאַרישע רעגירונג.

עס ווערט אָרגאַניזירט די פּאַרטיי „פּאָלקס־ווילן" (נאַראָד־נאַיאַ וואָליאַ). זי שטעלט זיך פאַר אַ ציל אָפּרוימען דעם צאַר מיט זיינע מיניסטאָרן פון וועג און באַפרייען דאָס לאַנד פון אונטערדריקונג.



א. ליבערמאַן

נאָך אַ סך העלדישע פּרואוון געלינגט זיי צו טייטן דעם צאַר מיט אַ באָמבע. (דאָס איז געשען דעם 1טן מערץ, אין יאָר 1881). זיי האָבן געהאָפּט, אַז ווען די רעגירונג וועט זיך פילן פאַרצווייפלט און צעטומלט, וועט זיי געלינגען אריינכאַפּן די רעגירונג אין זייערע הענט און איבערגעבן זי צום פאָלק.

זיי האָבן געמאַכט אַ טאָעס: די רעגירונג איז נאָכ'ן צאַרס טויט שנעל געקומען צו זיך. זי האָט אויסגעפונען און אַרעסטירט די טעראָריסטן, וועלכע האָבן געפּלאַנעוועט און דורכגעפירט דעם טיראַנס הינריכטונג, און מ'האָט זיי אַלעמען געהאַנגען. העלדיש זיינען געגאַנגען צו דער טליע זשעליאַבאָוו, פּעראָווסקאַיאַ, קיבאַלטשיץ און אַנדערע, וועלכע האָבן מאַקריוו געווען זייער לעבן פאַר'ן פאָלקס באַפרייאונג.

נאָכדעם האָט זיך די רעגירונג אַרויפגעוואָרפן אויף די אידן. זי האָט געוואָלט איינשמועסן דעם אומוויסנדיקן פאָלק, אַז דער איד איז אין אַלץ שולדיק: אין דער אָרימקייט און פינצטערקייט פון די מאַסן, אינ'ם צאַרס טויט; אַז פון אים דאַרף מען פאַר אַלץ נעמען נעקאָמע.

איבער'ן לאַנד ברעכן אויס אידישע פּאָגראָמען.

די פּאָגראָמען זיינען געווען אָרגאַניזירט פון דער רעגירונג און זיי האָבן זיך צעגאָסן אין אַ בלוטיקער כוואַליע איבער אַ סאַך שטעט. אידיש גוטס איז צעראַבירט געוואָרן, קישנס זיינען אויף פעדערן צעפּליקט געוואָרן, דאָס לעבן איז געוואָרן העפקער.

נאָכדעם איז אַרויס דעם נייעם צאַרס באַפעל, וואָס פאַרווערט אידן צו וואוינען אין די דערפער. מען טרייבט זיי אַרויס פון די רוסישע שטעט; מען שטיקט און מ'פאַרפאָלגט זיי פון אַלע זייטן.

אידן האָבן דערפילט, אַז ס'איז זיי ענג אין רוסלאַנד, אַז די ערד אונטער זייערע פיס ציטערט ווי אין אַ וואולקאַן־אויסברוך, און זיי האָבן גענומען לויפן פון דאָרטן.

עס זיינען געלאָפן רייכע און אָרימע, יונגע און אַלטע, געלערנטע און פּראָסטע. אַזאַ וואַנדערונג האָט נאָך אין דער אידישער געשיכטע ביז דאַמאָלסט ניט געטראָפן.

אין יענער צייט האָבן זיך אַ סאַך אידישע סאָציאַליסטן אָפּגעזאָגט פון זייער אידעאַל: אין דער בייזקייט פון די בלוטיקע פּאָגראָמען האָבן זיי פאַרלאָרן די האָפענונג אויף דער פאַרברי־דערונג פון אַלע אונטערדריקטע מענטשן. זייער אידעאַל איז געוואָרן גיין צוריק אין פּאַלעסטינע און אויפבויען די אַמאָליקע אידישע היים.

זיי האָבן זיך אָרגאַניזירט אין גרופּעס מיט'ן נאָמען בילו, (בית יעקב לכו ונלכה), וואָס דאָס מיינט: לאָמיר גיין קיין פּאַ־לעסטינע, און זיי זיינען אַוועק אַהין בויען קאָלאָניעס.

די אַם־אוילאָמניקעס, וועלכע זיינען אונז שוין פון פריער באַקאַנט, האָבן גערופן דאָס פאָלק קיין אַמעריקע.

דער גרויסער אוילאָם עמיגראַנטן, וועלכער האָט בלויז גע־זוכט אַ היים און אַן אָפּרו, האָט נאָך פון פריער געהערט פונ'ם רייכן לאַנד אַמעריקע. מען פלעגט דערציילן וואונדער, אַז אַנדערע זיינען דאָרט שטאַרק רייך געוואָרן און גאָלד וואַלגערט זיך דאָרט אין די גאַסן. דאָס האָט געווירקט אויף די גרויסע מאַסן, מער ווי אַלץ. דער עמיגראַציע שטראָם האָט זיך אַוועקגעטראָגן מיט אימפּעט קיין אַמעריקע.

קאפיטל XV.

ערד־ארבעט קאלאניעס, קאמוניסטישע קאלאניעס, שטאַטיקע קאמונעס. עקספערימענטן און דורכפאלן. עס וואקסט אוים אין אמעריקע א אידישער ארבעטער־קלאס.

די אנגעפארענע עמיגראנטן זיינען דאמאלסט געווען הענדלער, קרעמער און סטאם לופט־מענטשן. ארבעטער זיינען צווישן זיי געווען גאנץ ווינציק.

אין אייראפע האבן די קאמיטעטן באזארגט א טייל ארימע עמיגראנטן מיט אומזיסטע שיפסקארטן. דא אין אמעריקע האט מען זיי ארויסגעהאלפן די ערשטע צייט מיט שפייז און א דירע. די הילף איז געווען קליין און נעבאכדיק, און זי האט דעם איינוואנדערער דערנידעריקט און באליידיקט. ס׳זיינען אבער געווען איינציקע ברייטהארציקע מענטשן, וועלכע האבן געוואלט דעם עמיגראנט מיט עפעס מאמאשעסדיקן ארויסהעלפן. די ליידן פון דעם פארטריבענעם זיינען זיי געווען נאענט צום הארצן.

אין אמעריקע האבן א סאך גוטע ארבעט פאר די אימיגראנטן געטאן: מיכל האלפערן און עמא לאזארוס.
וועגן האלפערינען האבן מיר שוין אין א פריערדיקן קאפיטל דערציילט.

עמא לאזארוס איז געווען א אידיש־ענגלישע פאעטין, וועלכע האט געשטאמט פון אמאליקע ספארדים. זי האט זיך געשאפן א גרויסן נאמען אין דער דאמאלסטדיקער ליטערארישער וועלט. ווען די גרויסע עמיגראציע האט זיך אנגעהויבן, האט זי זיך

איננאַנצן איבערגעגעבן צו דער אַרבעט אַרויסהעלפן דעם הילפּ־לאָזיקן וואַנדערער און פאַרלייכטערן זיינע ליידן וואו ס'איז מעגלאַך.

אירע לעצטע לידער זיינען פול מיט סענטימענטאַלער ליבע צום אָרימען אידישן „ברודער" (וועלכן זי האָט ערשט באַגעגנט און ביז דאַמאָלסט איננאַנצן ניט געקענט). געשטאָרבן איז עמאַ לאַזארוס פון שווינדזוכט אין עלטער פון 38 יאָר.

די הילפּס־קאָמיטעטן פון רייכע אידן, וועלכע האָבן זיך אָרגאַניזירט אין אייראָפּע און אין אַמעריקע, האָבן אין יענער צייט געגלויבט, אַז די בעסטע לייזונג פאַר אידישע ליידן וועט זיין אַ קלאַס אידישע פאַרמערס.

אַ טייל עמיגראַנטן האָבן זיך אויך אָנגעזאָפּט מיט'ן אַל־געמיינעם געדאַנק צו ווערן קאָלאָניסטן (די ליידן אין שטאָט און שטעטל פון דער אַלטער היים איז נאָך געווען פריש ביי זיי אין זיקאָרן). אַ סאַך אידישע קאָלאָניעס זיינען דאַמאָלסט געגרינדעט געוואָרן, פון וועלכע ווינציק זיינען איצט פאַר־בליבן.

די ערשטע קאָלאָניע איז געווען „קרעמיע", אין לואיזיאַנאַ שטאַט. אַ פאַרפלייצונג פון דער מיסיסיפּי האָט זיי אויפ'ן פערטן יאָר געצוואונגען צו פאַרלאָזן דאָס לאַנד.

ערד־אַרבעט קאָלאָניעס זיינען געגרינדעט געוואָרן אין סאַוט דאַקאָטאַ, קאָלאָראַדאָ, אָרעגאָן. צוליב פאַרשידענע אורזאַכן (קראַנקהייט, געלט־מאַנגל און אומדערפאַרונג) זיינען זיי שנעל אונטערגעגאַנגען.

די דערפאָלגרייכסטע קאָלאָניעס זיינען געווען אין ניו־דזשוירזי שטאַט. פיר פון די ניין עקזיסטירן נאָך ביז היינטיקן טאָג. זיי זיינען: „עלייענס", „קארמעל", „ראָזענהיים" און

„וואודביין". „וואודביין" איז איצט א אידיש שטעטל מיט א צוויי טויזנט איינוואוינער. דארט געפינט זיך אויך אן אגרי־קולטורעלע שול, געגרינדעט פון דער איק"א (פארוואלטער פון געלט־מיליאנען, וואס באראן הירש, פון פראנקרייך, האט אי־בערגעלאזן פאר צדאקע).

אין קאנעקטיקוט שטאט האבן אידישע אימיגראנטן אויך אויפגעבויט אייניקע קאלאניעס און פארנומען זיך מיט טאבאק־פלאנץ.

די אם־אוילאמניקעס האבן אויפגעבויט דריי קאמוניסטישע קאלאניעס: „בייס־לעבעם", „קארמעל" (דארט האבן זיי געהאט א קאאפעראטיווע העמדל־פאבריק) און „ניו־אדעסא".

ניו־אדעסא האט לענגער פון אלע אנדערע קאלאניעס עקזיסטירט און דאס לעבן איז דארט געווען ריין קאמוניסטיש. די קאלאניע האט זיך געפונען אין ארעגאן שטאט, און דער קאמיטעט אין ניו־יארק האט זיי די ערשטע צייט ארויסגעהאלפן. דאמאלסט האבן זיך נאך די דייטשע יאהודים ניט געשראקן פאר דער סאציאליסטישער סאקאנע.

די ארבעט פלעגט זיך דארט אנהויבן מיט'ן זון־אויפגאנג און ענדיקן זיך פיר א זייגער פארנאכט. די פרייע צייט פלעגט מען פארברענגען צוזאמען און פירן צווישן זיך שמועסן און דעבאטן. צו די קאלאניסטן איז צוגעשטאנען איינער א רוסישער אימיגראנט מיט'ן נאמען וויליאם פריי. ער האט דארט גע־פרעדיקט זיין לערע פון פאזיטיוויזם. זיין געדאנק איז געווען, אז קאמף איז ניט נויטיק, אז יעדערער דארף זיך אפגעבן מיט זיך אליין, אויסבעסערן זיין אייגענע נאטור, פירן אן אידעאלן לעבן און זיין א גוטערביישפיל פאר'ן צווייטן.

די פאזיטיוויסטן האבן ניט געקאנט אויסקומען מיט די רעוואלוציאנערן. האבן זיי פארלאזן די קאלאניע.

פינף יאָר זיינען די טרוימער געזעסן אין זייער קאָלאָניע. זיי האָבן געזייט טוואָע, ביז וואַנען זיי האָבן זיך אַרומגעזען, אַז די ערד איז גאָר ניט פּאַסיק פאַר טוואָע און די פאַרמערס אַרום פאַרנעמען זיך מיט פי־צוכט און מילך־ווירטשאַפט. האָבן זיי גענומען אויסהאַקן זייער וואַלד און פאַרקויפן דאָס געהילץ. אַז דער וואַלד איז שוין אויסגעהאַקט געוואָרן, האָבן זיי ניט געהאַט קיין געלט צו קויפן נייע וועלדער. אַזוי האָבן זיי זיך געמאַטערט, געליטן. די באַגייסטערונג האָט זיך אויסגעוועפּט. זיי האָבן זיך אַרומגעזען, אַז זיצנדיק אין ניו־אַדעסאַ וועלן זיי פאַר דעם סאָציאַליסטישן אידעאַל ווייניק אויפטאָן. עס האָט זיי געצויגן אין שטאָט, וואו זיי האָבן געקאָנט לערנען און שטודירן. אַ טייל קאָלאָניסטן האָט זיך געלאָזט גיין צו־פוס אין ניו־יאָרק (אויף באַן־הוצאָעס האָבן זיי ניט געהאַט). דער וועג פון סאַן־פראַנציסקאָ קיין ניו־יאָרק האָט זיי גענומען דריי כאָדאָשים.

אין שטאָט האָבן עטלעכע אַם־אוילאָם גרופּעס, וואַרטנדיק אויף די קאָלאָניעס, דערווייל אויפגעבויט פאַר זיך אַרבעטער־קאָמונעס.

צו פאַרשטיין דאָס לעבן אין יענע קאָמונעס, וועלן מיר באַשרייבן דאָס לעבן אין איינער פון זיי, די „ווילנער“ קאָמונע:

יעדערער האָט אַהין געקאָנט קומען עסן, טרינקען און שלאָפן. די טירן זיינען געווען פאַר אַלעמען אָפן. אַלע מיטגלידער האָבן שווער געאַרבעט. די פרויען האָבן אויפגעפּאַסט אויף דער באַלעבאַטישקייט און די מענער האָבן געאַרבעט אין די פאַב־ריקן.

קיינער האָט ניט געוואוסט וויפיל עמיצער ברענגט אַריין געלט. די קאַסע איז געווען אַן אַלגעמיינע. דאָס געלט איז געלעגן אין אַ קעסטעלע און יעדערער האָט געהאַט צו דעם אַ שליסל. די פאַרדינסטן האָט מען אַהין אַריינגעלייגט און פאַרשריבן אין אַ ביכעלע וויפיל. האָט עמיצער געדאַרפט אַרויסנעמען געלט,

האָט ער אויך ביי קיינעם קיין ערלויבעניש ניט געדאַרפט בעטן. מען האָט בלויז אין ביכעלע צוגעשריבן: מינוס וויפיל. קיין נאָמען האָט קיינער ניט געדאַרפט אַריינשרייבן, מען זאָל ניט וויסן ווער עס טראָגט אַריין אַ גרעסערן און ווער אַ קלענערן ביילעק.

א. האַרקאַווי

אין די אָוונטן, נאָך דער אַרבעט, פלעגן די מיטגלידער און זייערע געסט שמועסן, דיסקוטירן און זינגען רעוואָלוציאָנערע לידער.

די האָפענונג צו בויען קאָמוניסטישע קאָלאָניעס איז נאָך ביי זיי ניט אָפּגעשטאָרבן. זיי האָבן אָבער געלערנט די ערשטע גוטע לעקציע: אַז אויף הילפס־קאָמיטעטן פון רייכע אידן איז זיך ניטאָ וואָס צו פאַרלאָזן. בויען דאַרף מען מיט די אייגענע קויכעס.

איינמאָל האָט מיט די אַם־אויל־אָמניקעס אַזאַ זאַך געטראָפן:

אין ניו יאָרק איז דאַמאָלסט געווען אַ סטרייק פון די האָפּן־אַרבעטער. די קאָמפּאַניעס האָבן געזוכט סטרייק־ברעכער. די גרינע אידן אין קעסל־גאַרדן האָבן דאָס וואָרט „סטרייק“ נאָך קיינמאָל ניט געהערט און ניט געוואוסט וואָס דאָס איז. אַז זיי האָבן דערהערט, אַזביים האָפּן קאָן מען איצט קריגן אַרבעט, זיינען זיי געגאַנגען אַהין אַוועקגעגאַנגען.

די אַם־אויל־אָמניקעס האָבן דערהערט פון די „גרינע“, אַז אויפ'ן „דאָק“ זוכט מען אַרבעטער (וואָס דאָרטן טוט זיך, האָבן זיי ניט געוואוסט), האָבן זיי קיין שיעס ניט געמאַכט און גלייך זיך פאַרשריבן צו דער אַרבעט.

אַזוי האָבן זיי אָפּגעאַרבעט דריי טעג.

אויפ'ן פערטן טאָג איז איינער, דורך אַ צופאַל, אַרויס אין גאַס. אַ פּאָר איירישע פּיקעטס זיינען צו אים צוגעלאָפן און אים אָנגעהויבן שלאָגן. ער האָט אויסגעפונען, אַז דאָ קומט פּאָר איצט אַ סטרייק און אַז זיי, די אַם־אויל־אָמניקעס, די טרוימער־סאָציאַליסטן, זיינען מיעס פאַרנאַרט געוואָרן און, ניט ווילנדיק, געוואָרן סטרייק־ברעכער, „סקעבס“.

אין אָוונט, נאָך דער אַרבעט, זיינען זיי זיך צונויפּגעקומען מיט די סטרייקערס און מ'האָט באַשלאָסן מער ניט צו גיין צו דער אַרבעט.

אַלע גרינע אימיגראַנטן, ביז איינעם, האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו זיין סקעבס.

אין א פּאָר טעג שפּעטער איז פאָרגעקומען איבער ניו־יאָרקער גאַסן א פּאַראַד פון אַלע האָפן־ארבעטער. מיט זיי צוזאַמען האָבן געמאַרשירט א 500 אידישע אימיגראַנטן. די פירער פון פּאַראַד זיינען געווען די מיטגלידער פון אַם־אויל־אָם.

אָט אזוי האָבן זיך אויף שטענדיק פאַרבונדן באַציאונגען צווישן די אָרגאַניזירטע ארבעטער אין אַמעריקע און די אידישע אַרבעטער־אימיגראַנטן.

די קאָמונעס האָבן קיין קיעם ניט געהאַט.

פון די קאָלאָניעס האָט זיך אויך גאָרנישט ניט אויסגע־לאָזן, אָבער לאַנגזאַם, ביסלאַכוויז, איז אויסגעוואַקסן אָ נייער קלאַס אידן.

ניט ווי די ספּאַרדים, וועלכע האָבן מיט זיך א סאַך קאַ־פּיטאַל געבראַכט; ניט ווי די דייטשן, וועלכע האָבן זיך צום פּאַק סכוירע גענומען און דורך פּעדלעריי געוואָרן סאָכרים. דער נייער אידישער אימיגראַנט איז געקומען אין אַזעלכע גרויסע מאַסן, אַז ער האָט ניט געקאָנט צעשפּרייטן זיך איבער'ן לאַנד און נעמען זיך צום קליינעם האַנדל. די אינדוסטריע אין לאַנד האָט זיך דאַמאָלסט ערשט פאַנאַנדערגעבליט, די פאַבריק האָט געפּאָ־דערט וואָס מער הענט. די פאַבריק האָט דעם אידישן איינוואַנ־דערער אַריינגענומען, האָט אים אויסגעפּורימט, אויסגעקנאָטן און ס'איז אַרויסגעקומען דער נייער אידישער אַרבעטער־קלאַס אין אַמעריקע.

קאפיטל XVI.

דאָס לעבן פון דעם ערשטן דאַר אידישע אַרבעטער־אימיגראַנטן. די שוויץ־פאַבריק. די איסט־סייד. ערשטע שפּראָצן פון אַ סאָציאַליסטישער און יוניאָן־באַוועגונג.

די ערשטע אימיגראַנטן האָבן געבעטלט אַרבעט, ווי עפּעס אַ נעדאָווע. צעטומלטע, דערשלאָגענע, ניט קענענדיק קיין שום מלאָכע, האָבן זיי געוואַרט אויפ'ן כעסעד פון די רייכע אידן פון קאָמיטעט. אַנדערע אידישע פאַבריקאַנטן האָבן געוואָלט טאָן צדאָקע און דערביי האָבן זיי געזוכט פאַר זייערע פאַבריקן ביליקע אַרבעטס־הענט.

האָט מען צוגענומען די גרינע אַרבעטן אין ציגאַר פאַבריקן, ציען וואָרצלען פון טאַבאַק־בלעטער, אָדער אין פאַבריקן פון אייזן און בלעך. די אימיגראַנטן האָבן געלאָדן שיפן, געוואַשן וועש, געאַרבעט אין רעסטאָראַנען, געשלעפּט קלעצער אין האָלץ־געשעפטן, און די סכירעס זיינען געווען גאַנץ קליינע, פון צוויי ביז דריי דאָלער אַ וואָך. אַפילע אָט די קלעגלאַכע אַרבעט איז אָנגעקומען צו געפינען זייער שווער.

קיין גרויסע שניידער־פאַבריקן זיינען נאָך דאַמאָלסט ניט געווען. די שניידער־באַלעבאַטים זיינען געווען רייכע דייטשע אידן (וועלכע האָבן אַליין די אַרבעט ניט געקענט). די אַרבעטער זיינען געווען דייטשן און איירישע, אָדער אונגארישע און גאַליציאַנער אידן. ס'האָט גענומען צייט ביז וואַנען די שניידער־אינדוסטריע איז געוואָרן אַ רייכע און אַ וויכטיקע, אויפגעבויט פון אידישע אַרבעטער־הענט.

אַפריער זיינען זיי אַוועק אַרבעטן אין די קליינע פאַבריקלאַך, וואו ס'האָט דאַמאָלסט געהערשט די שוויץ־סיסטעם.

אָט די סיסטעם איז נאָך געווען באַוואוסט אין אַמעריקע, איידער ס'איז אַהער געקומען דער נייער אידישער אימיגראַנט. איצט האָט זי זיך נאָך מער צעוואַקסן און צעשפּרייט.

אין דער גרעסערער פאַבריק האָט מען דעם גרינעם, ניט־דערפאַרענעם אַרבעטער ניט געוואָלט אַריינגעמען. אַגעוו איז אים ליבער געווען צו אַרבעטן אין אַ פאַבריקל, וואו דער באַלעבאָס האָט גערעדט זיין שפּראַך און איז צייטנווייז געווען אַן אייגענער לאַנדסמאַן. דאָרטן האָט זיך ווייניקער געפילט דער אונטערשייד צווישן באַלעבאָס און אַרבעטער, דאָרטן איז געווען מער היימיש.

קיין סאַך קאַפּיטאַל צו ווערן אַ באַלעבאָס פון אַזאַ פאַבריקל האָט מען ניט געדאַרפט. די אַרבעט פלעגט מען אַרויסנעמען פון דעם גרויסן פאַבריקאַנט צו זיך אין וואוינונג. די וואוינונג איז באַשטאַנען פון עטלאַכע קליינע צימערלאַך, וואו מ'פלעגט בייטאָג אַרבעטן און ביינאַכט שלאָפן. דאָרט פלעגט אויך די באַלעבאָסטע קאָכן, וואַשן און האָדעווען אירע קינדער.

אַלץ וואָס אַ באַלעבאָס (אָדער קאָנטראַקטאָר) פון אַ שוויץ־פאַבריק האָט געדאַרפט, איז געווען ביליקע אַרבעטער הענט. דאָס האָט אים געגעבן די אימיגראַציע. די אַרבעטס־שטונדן זיינען געווען לאַנגע. דער אימיגראַנט האָט זיך נאָך געפרייט, אַז מען האָט אים געלאָזן אייננייען אַ קנעפּל, מאַכן אַן אַרבל און עפּעס פאַרדינען אויף זיין בעיונע.

בילדער פון יענעם שאַפּ־לעבן קאָן מען געפינען אין די לידער פון'ם פּאָעט מאָריס ראָזענפעלד. ער אַליין האָט פאַרבראַכט זיינע יאָרן אין שוויץ־פאַבריקן, אַפריער אין לאָנדאָן און נאָכדעם אין ניו־יאָרק. זיין צאַר און ליידן (וואָס איז געווען

אויך די ליידן פון טויזנטער אנדערע) האט ער באזונגען אין זיינע לידער.

די אם־אוילאמניקעס און אנדערע געבילדעטע יונגעלייט (וועלכע האבן שוין פארלארן זייער האפענונג צו ווערן קאלא־ניסטן) האבן אויך קיין ברייערע ניט געהאט און געווארן פאבריק־ארבעטער. א טייל פון זיי איז געווארן העמדל־נייער (שוירט מייקערס). זיי זיינען אין יענעם פאך אריינגעפאלן דורך א צופאל:

אין דעם הילפס־קאמיטעט פאר אימיגראנטן האבן זיך גע־פונען א פאר העמדל־פאבריקאנטן יאהודים, האבן זיי ראכמאנעס געהאט אויף די גרינע און איבערהויפט אויפ׳ן יונגווארג און אנגעהויבן זיי ארויסגעבן ארבעט צו זיך אין הויז. די ארבעט איז געווען לייכט אויסצולערנען, עס פלעגט דויערן איינגאנצן א פאר וואכן. מען האט בלויז געדארפט האבן 5 דאלער צו באצאלן דעם אגענט פאר ניי־מאשינען, נאכדעם האט מען שוין געקאנט פארדינען א 2 דאלער א וואך.

א טייל פון די ערשטע ארבעטער איז געווארן קאנטראק־טארס. די קאנטראקטארס האבן געריסן פאסן פון די איינפאכע ארבעטער.ביידע צוזאמען זיינען עקספלואטירט געווארן פונ׳ם רייכן פאבריקאנט.

ס׳איז ניט לייכט געווען פאר׳ן טרוימער־סאציאליסט צו ווערן א פאשעטער ארבעטער. א טייל איז טאקע מיט דער צייט אוועק און אויסגעשטודירט אויף דאקטאר, אדוואקאט, דענטיסט, און אפגעריסן זייערע פארבינדונגען מיט׳ן ארבעטער־קלאס. אבער אפריער, אין די יונגע יארן, אליין געצוואונגענע צו פלאגן זיך אין דעם שוויץ־שאפ, האבן זיי אנטקעגן אים געקעמפט און אין זייער קאמף פארבונדן זיך און אריינגעטראגן באוואוסטזיניקייט צווישן דער אפגעשטאנענער ארבעטער־מאסע, מיט וועלכער זיי האבן געלעבט צוזאמען.

אלע האָבן דאמאָלסט געוואוינט אויף דער איסט־סייד. די וואוינונגען זיינען געווען אָרימע, שמוציקע און פינצטערע. יעדע פאמיליע האָט אריינגענומען צו זיך קווארטיראנטן (באָרדערס), זיי זאָלן העלפן טראָגן דעם יאָך פון דירע־געלט.

פון אנדערע שטאָט־געגנטן האָבן נאָך די אימיגראנטן ניט געוואוסט. בראָנקס האָט דאמאָלסט געהאָט אַן אַנדער נאָמען: „מאָריסאניא", און מ'פלעגט אהין פאָרן אויף אַ פערי, איבער'ן הארלעם טייך. קיין ברוקלין האָט מען אויך געדארפט פאָרן אויף פערים. קיין עלעקטרישע טראמווייען און סאָבוויס זיינען נאָך דאן ניט געלאָפן. די גאסן־טראמווייען זיינען געשלעפט געוואָרן פון פערד און די הויך־באנען (עלעווייטעדס). פון דער 2טער און 3טער עוועניו זיינען געווען צוגעשפּאנט צו דאמף־לאָקאמאָטיוון, ווייל קיין עלעקטרישע קראפט איז נאָך ניט געווען.

פון אויטאָמאָבילן האָט מען ניט געוואוסט. קארעטן מיט פערד און „הענסאָמס" (קליינע אָפענע וועגעלאך, וואו דער טרייבער איז געזעסן אהינטער דעם פּאסאזשיר) זיינען ארומגעפאָרן איבער אלע גאסן.

אויף די פארשטיקטע גאסן פון דער איסט־סייד האָבן געוואוינט די אידישע אימיגראנטן, צוזאמען מיט אריבערגעקומענע איירישע און דייטשן. אַ טייל איסט־סייד גאסן זיינען געווען באזעצט מיט אַ רויען, פינצטערן עוילאָם און ס'איז געווען אַ מוירע דאָרט דורכצוגיין.

ס'האָט געוועלטיקט דער באלעבאָס פונ'ם ביר־סאלון און דער פּאָליטישן. דער אימיגראנט איז געווען צעשראָקן און אומוויסנדיק און ער האָט ניט געוואגט אנטקעגן זיי זיך אוועקשטעלן.

עסעקס גאס איז דאמאָלסט געווען דער צענטער פונ'ם

אידישן קווארטאל. דארטן איז געווען א סאקאנע דורכצוגיין אין א שאבעס־טאג מיט א פאררויכערטן ציגארעט: דער אוילאם איז געווען א שטארק פאנאטישער. די איינציקע צייטונג, „אידישע גאזעטן“, געשריבן אויף א מאדנער דייטשמערישער שפראך (א געמיש פון די דיאלעקטן פון די אונגארישע, גאליציאנער און דייטשע אידן) פלעגט דערציילן ווילדע מייסעס וועגן די נייר אנגעקומענע „ציציליסטן“, אז זיי זיינען ניט פרום און זיי פארברענגען צוזאמען מענער מיט פרויען. פאר א סאציאליסט האט מען מוירע געהאט. מ'האט געמיינט, אז ער וויל אפשמאדן פרומע אידן.

די ערשטע טרוימער־סאציאליסטן האבן זיך אפגעטיילט פון דער מאסע. זיי זיינען געווען א וועלט פאר זיך און זייער שפראך איז געווען רוסיש. זייער ערשטע סאציאליסטישע ארגאניזאציע האט זיך גערופן: דער רוסישער ארבעטער פאראיין...

שפעטער האבן זיי זיך ארומגעזען, אז אפגעזונדערטערהייט וועלן זיי די מאסן צום סאציאליזם ניט ברענגען. אבער זיי האבן זיך גאר ניט געקאנט פארשטעלן, ווי אזוי נעמט מען און מ'רעדט צום פראסטן אוילאם אויף זייער פראסטן לאשן — אידיש.

א געוואגטער אינטעליגענט האט זיך דאך איינמאל אוועקגעשטעלט און געהאלטן די ערשטע סאציאליסטישע רעדע אויף אידיש. שפעטער איז געגרינדעט געווארן א אידיש־רוסישער ארבעטער־פאראיין, וואו מען האט גערעדט אויףביידע שפראכן.

די אריבערגעקומענע סאציאליסטן האבן זיך איינמאל דערוואוסט, אז אין ניו־יארק געפינט זיך א פאראיין פון גאליציאנער און אונגארישע אידישע סאציאליסטן. די „פארלארענע ברידער“ האבן זיך אויסגעפונען. ס'איז געגרינדעט געווארן א פאראייניקטער אידישער ארבעטער־פאראיין, וועלכער האט אריינגענומען סאציאליסטן פון פארשידענע לענדער. זיי הויבן אן טראכטן וועגן ארויסגעבן א אידישע סאציאליסטישע צייטונג.

ס'הויבן זיך אן ארגאניזירן אידישע יוניאנס. דא און דארט ברעכט אויס א סטרייק. ארבעטער דערפילן די שותפעס־דיקייט פון זייערע אינטערעסן. און אין יאר 1886, ווען דער ארבעטער־קלאס איז ארויס קעמפן פאר אן אכט־שאאיקן ארבעטס־טאג, זיינען שוין אידישע ארבעטער געגאנגען צוזאמען מיט אלעמען; זיי זיינען געווארן א טייל פון דער אלגעמיינער ארבעטער מישפאכע.

א שטארקע ווירקונג אויף די ערשטע אידישע סאציאליסטן אין אמעריקע האט געהאט די אידישע ארבעטער באוועגונג אין ענגלאנד, וואס איז דארט געבארן געווארן א סאך פריער, איידער דער ערשטער איבערוואנדערער האט דא אין לאנד אויפ־געהויבן די רויטע פאן.

די ערשטע עמיגראנטן פון רוסלאנד און פוילן זיינען געווען טיילן פון דער ארימסטער אידישער מאסע, פאר וועמען די רייזע־הויצאעס קיין אמעריקע זיינען געווען א ריזיקע סומע געלט. א גרויסער טייל פלעגט זיך אפשטעלן אין לאנדאן און אין אנדערע ענגלישע שטעט. אהער פלעגן אויך קומען די אנטלאָ־פענע רעוואלוציאנערן, וועלכע האבן געוואלט בלייבן נעענטער צו זייער היימלאנד, מיט דער האפענונג אומצוקערן זיך שפעטער צום קאמף.

די ארימע מאסע עמיגראנטן קיין ענגלאנד איז אריינגעפאלן אין די שניידערשע שוויץ־שעפער. די אריבערגעקומענע רעוואלו־ציאנערן האבן שוין דא געטראפן א אידישן ארבעטער־קלאס, ווע־מען זיי האבן געקאנט אויפקלערן און ארגאניזירן. די ערשטע אידישע יוניאן אין דער וועלט איז ארגאניזירט געווארן פון די לאנדאנער שניידער אין יאר 1874.

דער ערשטער אידישער סאציאליסטישער פאראיין איז אר־גאניזירט געווארן אין לאנדאן, אין יאר 1876. ליבערמאן, דער פירער פון פאראיין, האט אים א נאמען געגעבן אין העברייאיש:

„באוויירים קאָל באַלײ־המלאָכע“ (אַלע אַרבעטער זײנען באַוויי־רים).

אין יאָר 1884 איז אַרויס דער ערשטער נומער פון דער ערשטער סאָציאַליסטישער צייטונג אויף אידיש, „דאָס פּױלישע אידל“, רעדאַקטירט פון דעם „זיידע“ ווינטשעווסקין. אין זעלביקן יאָר איז אַרויס די ערשטע אידישע סאָציאַליסטישע בראָשורע, געשריבן פון ווינטשעווסקין: „יעהי אויר“ (ס׳זאָל זיין ליכט).

אין יאָר 1885 האָט זיך אַ גרופּע אידישע סאָציאַליסטן פאַראייניקט אין אַן „אַרבעטער פריינט“ פאַראיין און זיי האָבן געגרינדעט אַ סאָציאַליסטישע אומפּאַרטייאישע צייטונג (ניט קלאָר אויסגעשפּראָכן: אַנאַרכיסטיש, אָדער סאָציאַליסטיש), דעם „אַרבעטער פריינט“. דער פאַראיין איז שפּעטער באַרימט געוואָרן אונטער׳ן נאָמען: „בערנער סטריט קלוב“.

דער „אַרבעטער פריינט“ האָט זיך אַ לאַנגע צייט גערעכנט פאַר דער צייטונג פון דעם אידישן אַרבעטער־קלאַס אויף דער גאַנצער וועלט. די ערשטע אידישע סאָציאַליסטן אין אַמעריקע האָבן געקוקט אויף זייערע ענגלישע באַוויירים ווי אויף זייערע לערער און פירער. ס׳האָבן זיך דאָ געגרינדעט ספּעציעלע גרופּעס „ריטער פון פרייהייט“ צו שטיצן דעם לאָנדאָנער „אַרבעטער פריינט“. וועגן אַן אייגענעם אַרבעטער־אָרגאַן האָט מען בלויז געכאָלעמט, ווייל ס׳זיינען נאָך ניט געווען גענוג קויכעס דערצו.

אָבער די אידישע אַרבעטער־באַוועגונג אין ענגלאַנד איז געגאַנגען באַרג־אַראָפּ, צוליב דער שטענדיקער אויסוואַנדערונג פון מאַסן אַרבעטער אויף דער צווייטער זייט פון אַטלאַנטישן יאַם, און די באַוועגונג אין אַמעריקע האָט זיך, צוליב דעם צופלוס פון אַרבעטער־בלוטן, געהויבן אַרויף. אַמעריקע האָט אַראָפּ־געבראַכט פון ענגלאַנד אַרבעטער־רעדאַקטאָרן, שרייבער און רעדנער. די באַוויירים פון ענגלאַנד האָבן דאָ געהאָלפן פאַנאַנדער צואַקערן די סאָציאַליסטישע פעלד.



דער „זיידע“ ווינטשעווסקי

קאפיטל XVII.

דער קאמף אין יאָר 1886 פאַר אַן אַכט־שאָאיקן אַרבעטס־טאָג. די העי־מאַרקעט טראַגעדיע.

ס'איז דער ערשטער מאַי, יאָר 1886, צען אַ זייגער אין דער פרי. די אַרבעטער פון ניו־יאָרק קומען זיך צונויף אויף אַ גרויסער מאַסן־פאַרזאַמלונג אויף יוניאָן סקווער. אין שטאָט איז דערקלערט אַ גענעראַל סטרייק. עס סטרייקן בוי־אַרבעטער, מעבל־מאַכער, שוסטער, פּיאַנאָ־אַרבעטער, ציגאַרן־מאַכער און נאָך אַנדערע פאַכן. זיי פאָדערן אַן אַכט־שטונדיקן אַרבעטס־טאָג.

אַפריער האָט מען דעמאָנסטרירט איבער די גאַסן. מען האָט דורכגעמאַרשירט די אַרבעטער־קוואַרטאַלן פון דער איסט־סייד און די מיליאָנערסקע פינפטע עוועניו. די אַרבעטער־אויסרופן און זייערע אויפשריפטן זיינען געווען: אַכט שאָ אַרבעט, אַכט שאָ פאַרברענגען און אַכט שאָ רוען!

נאָכדעם האָט זיך געעפנט די פאַרזאַמלונג. די הויפּט־רעדנער זיינען געווען דער ראַדיקאַלער קאַנדידאַט פאַר שטאָט־מעיאָר, הענרי דזשאָרדזש; דער רעדאַקטאָר פון אַ דייטשער סאָציאַ־ליסטישער צייטונג, שעוויטש; און גאָמפּערס, דער פירער פון דער ניט־לאַנג געגרינדעטער אַמעריקאַנער פעדעראַציע פון אַרבעט (א. פ. ל.). אַן אוילאַם פון 30,000 מענטשן האָט באַ־גייסטערט אויפגענומען זייערע רעדעס.

אין אַ סאַך שטעט זיינען אין יענעם טאָג פאָרגעקומען פאַ־ראַדן און סטרייקס. צוויי גרויסע אַרבעטער־פאַרבאַנדן, די א. פ. ל.

(אַמעריקאַן פעדעריישאַן אָוו לייבאָר) און די „ריטער פון אַר־בעט“ (נייטס אָוו לייבאָר) האָבן באַשטימט דעם ערשטן מאַי אָנהייבן דעם קאַמף פאַר׳ן אַכט־שאָאיקן אַרבעטס־טאָג.

שטאַרקער ווי אומעטום איז די באַוועגונג אין דער שטאָט שיקאַגאָ. אין כוידעש פעברואַר האָט דאָרטן אויסגעבראָכן אַ גרויסער סטרייק אין מעקאַרמיק׳ס פאַבריק. אַז ס׳איז געקומען דער ערשטער מאַי, האָבן נאָך טויזנטער אַרבעטער אַוועקגעלייגט די אַרבעט. די צאָל סטרייקערס איז אויסגעוואַקסן ביז אַ 50,000. גרויסע מאַסן־פאַרזאַמלונגען זיינען אָפּגעהאַלטן גע־וואָרן אין די גאַסן און אין די פּאַרקן.

די באַלעבאַטים האָבן זיך דערשראָקן: עס האָט אויף זיי אָן אָטעם געגעבן מיט דער הייסער לופט פון רעוואָלוציע. האָבן זיי גערופן צו הילף די שטאָט־רעגירונג מיט דער פּאָליציי, צו פאַרגיסן דעם אויפשטאַנד מיט בלוט.

דעם דריטן מאַי האָבן די אַרבעטער אָפּגעהאַלטן אַ פריי־לאַכן מיטינג ניט ווייט פון מעקאַרמיק׳ס פאַבריק. מיטאַמאָל זיינען פון אינעווייניק אַרויס די סטרייק־ברעכער, באַשיצט פון פּאָליציי. די סטרייקערס האָבן אָנגעהויבן הודזשען און פייפן. ס׳האָט אויסגעבראָכן אַ געשלעג. ס׳איז אָנגעקומען אַ רעזערוו פּאָליציילייט און געשאָסן אויף׳ן עולאָם. זעקס אַרבעטער זיינען געפאַלן טויט און אַ סאַך פאַרוואונדעט.

די אַנאַרכיסטן האָבן דעמאָלסט אַרויסגעגעבן אַ רוף צו די אַרבעטער, צו נעמען נעקאָמע. זיי האָבן געהייסן די אַרבעטער באַוואָפענען זיך און שטעלן זיך אַנטקעגן די מערדערלאַכע אָנפאַלן פון דער פּאָליציי.

אין שיקאַגאָ זיינען דעמאָלט געווען אַ סאַך אַנאַרכיסטן (גרעסטנטיילס דייטשן). זיי זיינען געווען שטאַרק איבערגעגעבן

דעם ארבעטער־קלאס און זיי האָבן געגלויבט, אז אין יעדן איינציקן קאמף דארפן די ארבעטער ענטפערן זייערע סאָנים מיט גוואלט אנטקעגן גוואלט.

אויף מאָרגן איז פארופן געוואָרן א פּראָטעסט־פארזאמלונג אויפ׳ן העימארקעט סקווער. ס׳האָבן גערעדט די אנארכיסטן שפּיז, פּארסאָנס און פילדען. דער עולם האָט זיך געהאלטן אין בעסטער אָרדענונג.

ס׳איז שוין געוואָרן שפּעט. דער גרעסטער טייל מענטשן איז זיך צעגאנגען. דער שטאָט־מעיאָר (וועלכער איז געקומען זען וואָס דאָרטן קומט פאָר) איז אויך אוועק. מיטאמאָל איז אָנגע־קומען א מאכנע פּאָליציילייט און אָנגעהויבן צעטרייבן די פאר־זאמלטע. פילדען האָט דאמאָלסט געהאלטן אין מיטן רעדן. ער האָט אָנגעהויבן פּראָטעסטירן: „מיר זיינען דאָך פרידלאָך״! ס׳איז געוואָרן א טומל, עמיצער האָט געוואָרפן א באָמבע, די פּאָליציי האָט גענומען שיסן, פון עולם האָט מען געשאָסן צוריק. ס׳זיינען געפאלן טויט זיבן פּאָליציילייט און פיר ארבעטער.

ווער ס׳האָט די באָמבע געוואָרפן ווייס מען ניט ביז היינ־טיקן טאָג. מען דענקט, אז דאָס האָט געטאָן א פּראָוואָקאטאָר, אָנגעשטעלט פון די באלעבאטים, דורך אזא אופן צעברעכן די באוועגונג פאר׳ן אכט־שאָאיקן ארבעטס־טאָג.

אויף מאָרגן האָט די פּאָליציי ארעסטירט אלע רעדנער פון דער נעכטיקער פארזאמלונג און די רעדאקטאָרן פון די אנאר־כיסטישע צייטונגען. די גאנצע קאפּיטאליסטישע וועלט האָט אויף זיי גענומען העצן, דערציילן קאָלערליי שרעקלאכע מייסעס און געפאָדערט אין איין קאָל:

— הענגט די אנארכיסטן!

זיבן אנארכיסטן זיינען אָנגעקלאָגט געוואָרן אין מאָרד.

דעם 21טן יוני פונ׳ם זעלבן יאָר האָט זיך אָנגעהויבן דער פּראָצעס. פּאַרסאָנס (אַ רעדאַקטאָר פון אַן ענגלישער אַנאַרכיס־טישער צייטונג „אַלאַרם“) האָט זיך די גאַנצע צייט אויסבאַ־האַלטן. איצט איז ער אַליין געקומען אין געריכט צו באַווייזן זיין אומשולד.



אַלבערט פּאַרסאָנס

דער אָנקלאָגער האָט ניט געהאַט קיין שום באַווייזן אַנטקעגן די אָנגעקלאָגטע. האָט ער פאַר דער דזשורי געלייענט די אַנאַר־כיסטישע צייטונג. צו איבערצייגן זיי, אַז די אָנגעקלאָגטע האָבן אַלע מאָל אַגיטירט אַנטקעגן דער איצטיקער אָרדענונג און אַנט־קעגן די געזעצן, וואָס זיינען געשאַפן געוואָרן פון קאַפּיטאַליס־טישן קלאַס.

דעם 20טן אויגוסט האָט די דזשורי אַרויסגעבראַכט איר אורטייל:

זיבן ארבעטער־פירער זיינען פארמישפּעט געוואָרן צום טויט און די איבעריקע צו טפיסע.

די שטאַרקע פּראָטעסטן איבער׳ן גאַנצן לאַנד אַנטקעגן דעם אומגערעכטן מישפּעט האָבן ווייניק געווירקט. בלויז פאר צוויי פארמישפּעטע האָט דער גאָווערנאָר פארביטן זייער טויט־שטראָף



לואיס לינג

אויף לעבנסלענגלאַכער טפיסע. די איבעריקע האָט מען דעם 11טן נאָוועמבער, 1887, אין דזשאָליעט פריזאָן אויפגעהאַנגען.

לינג, דער יינגסטער פון אַלע פאַרמישפּעטע, האָט מיט א נאכט פריער באַגאַנגען זעלבסטמאָרד אין זיין צעל. שפּיז האָט שטייענדיק אונטער דער טליע אויסגעשריען:

—די שטים, וועלכע איר גייט איצט דערווערגן, וועט פון קיינער זיין מעכטיקער, איידער איצטער!

פּאַרסאָנס האָט אָנגעהויבן מיט די ווערטער:

— זאָל די שטימע פון פאָלק געהערט ווערן...

דער טאַליען האָט איבערגעהאַקט זיינע ווערטער אינמיטן. ענגל האָט אויסגעשריען:

— זאָל לעבן דער אַנאַרכיזם!

פישערס לעצטע ווערטער זיינען געווען:

— זאָל לעבן די סאָציאַלע רעוואָלוציע!

מיט יאָרן שפּעטער האָט אַן אַנדער גאָווערנאָר באַפרייט פון טפיסע פילדן און שוואַבן. ער האָט געמאַכט אַ דערקלערונג, אַז אונטערזוכנדיק דעם מישפּעט פון די העימאַרקעט אָנגעקלאָגטע האָט ער אויסגעפונען, אַז עס זיינען ניט געווען קיין באַווייזן זיי צו פאַרמישפּעטן.

קאפיטל XVIII.

העגרי דזשארדזש-קאמפיין. אידישע אנארכיסטישע גרופעס: „ריטער פון פרייהייט“. אידישע סאציאליסטן, א טייל פון דער ס. ל. פ. „די רוסיש-אמעריקאנער נאציאנאלע ליג“. דיסקוסיעס און אויפקלערונג. דער סאציאליסטישער געדאנק הייבט אן אריינדרינגען צווישן די ברייטע אידישע ארבעטער-מאסן.

די שיקאגא-מארטירער זיינען נאך געזעסן אין די טפיסע-צעלן און געווארט אויף דער אנטשיידונג פונ׳ם העכערן געריכט, צו וועלכן זיי האבן אפעלירט. דער ארבעטער-קלאס איבער׳ן לאנד האט דערפילט די שאנד און דעם ווייטיק פון איינעם, וואס זיינע געטרייע איבערגעגעבענע פריינט ווערן פון סוינע צעטראטן און ער האט קיין מאכט ניט איינשטעלן זיך פאר זיי. אין ניו-יארק האט זיך די אומרואיקייט אויסגעדריקט אין דער פאליטישער קאמפאניע פון יאר 1886, דער קאמפיין פון הענרי דזשארדזש.

ס׳איז געגרינדעט געווארן די פאראייניקטע ארבעטער-פארטיי (יונייטעד לייבאר פארטי), אין וועלכער ס׳זיינען אריין די סאציאליסטישע ארבעטער-פארטיי (ס. ל. פ.), די שטאטיקע צענטראלע ארבעטער-יוניאן און די סינגל טעקסערס. הענרי דזשארדזש איז נאמינירט געווארן פאר שטאט-מעיאר. ער איז געווארן דער פאנען-טרעגער פון אלע אומצופרידענע מיט׳ן דורכפאל פונ׳ם אכט-שטונדיקן ארבעטס-טאג און מיט׳ן גרויזאמען פסאק פון די שיקאגא מארטירער.

דער אידישער אַרבעטער פון די שוויץ־שעפּער האָט דאַ־מאָלסט אויך באַוויזן זיין צוגעבונדנקייט צום גאַנצן אַרבעטער־קלאַס און האָט אַ גרויסן אַנטייל גענומען אין דער אַלגעמיינער אַרבעט.

דער „אידישער אַרבעטער פאַראיין“ האָט אָפּגעדרוקט אויפרופן אויף אידיש און צונויפגערופן אַלגעמיינע פאַרזאַמלונ־גען. אידישע אַרבעטער האָבן אַנטייל גענומען אין אַ פּאַראַד פאַר הענרי דזשאָרדזש׳ן, אין וועלכן ס׳האָבן זיך באַטייליקט אַן ערך 35,000 מענטשן.

הענרי דזשאָרדזש איז געוואָרן באַרימט דורך זיין בוך „פּראָגרעס און אָרימקייט“. זיין „סינגל־טעקס“ טעאָריע איז באַשטאַנען אין דעם, אַז אנשטאט אַלע מעלוכע־שטייערן, זאָל פאַרבלייבן איין איינציקער שטייער אויף לאַנד. ווען לאַנד ווערט טייער צוליב דעם, וואָס די באַפעלקערונג איז אין יענער געגנט אויסגעוואַקסן, אָדער די געשעפטן האָבן זיך דאָרט פאַרגרעסערט, דאַרף דער לאַנד־באַזיצער אומקערן צוריק אין דער פאָרמע פון צינזן זיינע ניט־פאַרדינטע פּראָפיטן. דאָס אָרימע פאָלק וועט פון דעם געווינען: ליידיקע פּלעצער וועלן שנעל באַזעצט ווערן און גרוימער מאַכן די פּאַרשטיקטקייט פון די גרויסע שטעט.

די סאָציאַליסטן האָבן אונטערשטיצט הענרי דזשאָרדזשן, ניט דערפאַר, ווייל זיי האָבן געגלויבט אין זיין „סינגל טעקס“ טעאָריע; זיי אַליין זיינען נאָך געווען שוואַך און זיי האָבן געדענקט, אַז די פאַראייניקטע וואַל־קאַמפּאַניע וועט אויפ־וועקן די אַרבעטער פאַר אַ זעלבסטשטענדיקן פּאָליטישן קאַמף.

די באַוועגונג איז געווען אַ קאָכיקע. הענרי דזשאָרדזש איז געווען אַ פייאיקער רעדנער און ער האָט צוגעצויגן אויף זיין זייט אַ סאַך אומצופרידענע מיט דער פאַרדאָרבנקייט פון די צוויי קאַפּיטאַליסטישע פּאַרטייען. די קאַפּיטאַליסטישע וועלט האָט

זיך דערשראָקן און זי האָט ארויסגעשטעלט אַנטקעגן אים אירע פּאָפּולערסטע קאַנדידאַטן.

די דעמאָקראַטן האָבן נאָמינירט אייברעהעם יואיט, אַן איידים פון דעם פילאַנטראָפּ פּעטער קופּער (דער גרינדער פון׳ם קופּער אינסטיטוט). די רעפּובליקאַנער האָבן נאָמינירט דעם שפּעטערדיקן פּרעזידענט, טעאָדאָר רוזוועלט.

די באַלעבאַטישע צייטונגען האָבן געהעצט, אויפגערייצט, אָפּגעלאַכט, אָפּגעבויזעקט פון די אַרבעטער, וועלכע האָבן גע־וואגט אָנצופירן אַן אייגענעם פּאָליטישן קאַמפּיין. קיין געלט האָט מען אויך ניט געקאַרגט. ווען ס׳איז געקומען דער וואַל־טאָג, האָט מען אָפּן אָפּגעקויפט שטימען פון וויילער. אין יענעם יאָר זיינען די שטים־צעטלאַך פּרייזן גוואַלטיק געשטיגן.

געזיגט האָט דער דעמאָקראַטישער קאַנדידאַט, יואיט. ער האָט געקראָגן 90 טויזנט שטימען. הענרי דזשאָרדזש האָט באַ־קומען 68 טויזנט שטימען, און רוזוועלט איז געווען דער דריטער, מיט 60 טויזנט שטימען.

נאָך די וואַלן האָבן די קאַפּיטאַליסטישע פּאַרטייען אויפ־געהויבן דעם קאָפּ. זיי האָבן זיך געריימט מיט די אַרבעטער, געגעבן זיי אַן אייצע, אַז אַ צווייטן מאָל זאָלן זיי ניט אַרויס־וואַרפן זייערע שטימען און ניט זוכן זיך קיין נייע פּאַרטייען, ווייל נאָר די אַלטע קאָנען פאַר זיי עפּעס אויפטאָן.

די „פאַראייניקטע ארבעטער פּאַרטיי" איז זיך נאָכדעם צעפאַלן: די סאָציאַליסטן האָבן לאַנג ניט געקאָנט גיין מיט הענרי דזשאָרדזשן צוזאַמען. ער האָט געהאַט איין רעפּוע פאַר אַלע ליידנדיקע: דעם „סינגל טעקס". פון דער סאָציאַליסטישער לערע האָט ער אינגאַנצן ניט געהאַלטן. די „סינגל טעקסערס" האָבן ארויסגעשטויסן די סאָציאַליסטן, די אַרבעטער־קויכעס זיינען אָפּגעשוואַכט געוואָרן און זייערע סאָנים זיינען צוריק גע־וואָרן שטאַרק.

די ארבעטער האָבן זיך נאָך אמאָל געפּרואווט ארויסראַטעווען זייערע העימאַרקעט מאַרטירער. דעם טאָג פאַר זייער הינריכטונג, דעם 10טן נאָוועמבער, 1887, איז אין ניו־יאָרק פאָרגעקומען א גרויסע דעמאָנסטראַציע פון א 20,000 מענטשן. רויטע און שווארצע פענער האָבן אומעטום געפלאַטערט. די דעמאָנסטראַנטן זיינען געווען באוואפנט. אויפ'ן גאַנצן וועג פון דער פּראָצעסיע (פון יוניאָן סקווער ביז אַסטאָר הויז, לעבן סיטי האָל) האָט זיך די פּאָליציי באַהאַלטן. ס'איז פון זיי קיין סימן ניט געווען.

אָבער ס'האָט קיין זאַך ניט געהאָלפן: די הערשער האָבן דערשפּירט, אז די ארבעטער זיינען נאָך ניט גענוג שטאַרק און באוואוסטזיניק, האָבן זיי דורכגעפירט זייער פּסק.

אָט די אַלע פּאַסירונגען: דער דורכפאַל פונ'ם אכט־שאָאיקן ארבעטס־טאָג, די שיקאַגאָ־טראַגעדיע, און די הענרי דזשאָרדזש קאַמפּאַניע האָבן געהאַט א שטאַרקע ווירקונג אויף די אידישע ארבעטער.

א טייל פון זיי האָט געטיינעט, אז וואַל־קאַמפּאַניעס ברענגען ניט קיין נוצן דעם ארבעטער־קלאַס, אז די מערהייט האָט ניט קיין רעכט צו הערשן איבער דער מינדערהייט, אז ס'לוינט זיך ניט צו קעמפן פאַר קליינע פארבעסערונגען (ווי אַן אכט־שאָאיקער ארבעטס־טאָג), ווייל וואָס ערגער ס'וועט ווערן די לאַגע פון דעם ארבעטער, אַלץ בעסער וועט זיין פאַר דער ארבעטער־באוועגונג; די שלעכטע לאַגע וועט אים מאַכן פאַר א רעוואָלוציאָנער; זיין ענערגיע וועט ער אָפּגעבן צוגרייטן זיך צו דער סאָציאַלער רעוואָלוציע און קעמפן פאַר איר מיט ווערטער און מיט מיימים.

דער טייל (אַנאַרכיסטן) האָט זיך אָפּגעטיילט באזונדער אין א גרופּע מיט'ן נאָמען „ריטער פון פרייהייט“.

דער צווייטער טייל איז געווען אנטקעגן דעם באוואפנטן

קאמף פון יעכידים, ווייל דאס ברענגט ניט קיין נוצן און רופט נאר ארויס אונטערדריקונג און רעאקציע. זיי האבן געהאלטן פון וואל־קאמפאניעס, וועלכע גיבן א געלעגנהייט אויפקלערן די אר־בעטער און ארגאניזירן זיי צוזאמען. זיי האבן געדענקט, אז וואס בעסער ס'וועט ווערן די לאגע פון די ארבעטער (ווען זיי וועלן אויסקעמפן דורך זייערע יוניאנס קירצערע ארבעטס־שטונדן און העכערע סכירעס), אלץ העכער וועלן ווערן זייערע באדערפענישן, פאר וועלכע זיי וועלן ווייטער דארפן קעמפן. אויף אזא אופן וועלן זיי פריער־שפעטער קומען צו דער פאדערונג פון א סאציא־ליסטישער געזעלשאפט.

דער צווייטער טייל איז אריין אין דער סאציאליסטישער ארבעטער פארטיי (ס. ל. פ.) אין א באזונדער אפטיילונג: „דער אכטער ברענטש“ פון דער ס. ל. פ.

ביידע טיילן צוזאמען האבן געארבעט אין דער „רוסיש־אמעריקאנער נאציאנאלער ליג“, וועלכע האט געפאדערט, אז פרע־זידענט קליוולאנד זאל אפברעכן די פארהאנדלונגען מיט רוסלאנד וועגן אן אפמאך, ארויסגעבן איין לאנד צום צווייטן זייערע אנטלאפענע פארברעכער.

ווען אזא אפמאך וואלט געשלאסן געווארן, וואלט אמעריקע אויפגעהערט צו זיין א היים פאר פאליטיש־פארפאלגטע, ווייל דעם צאר'ס האנט וואלט דערגרייכט אויך אהער, ארויסקריגן און באשטראפן זיינע ווידערשפעניקע רעוואלוציאנערן.

אזעלכע „ליגס“ האבן זיך פארשפרייט איבער'ן גאנצן לאנד; א דאנק זייער ארבעט איז דער אפמאך ניט אונטערגעשריבן גע־ווארן און דעם צאר'ס בלוטיקע הענט האבן אהער קיינמאל ניט געקענט דערלאנגען.

די אנארכיסטן און סאציאליסטן פלעגן אנפירן צווישן זיך דע־באטעס און דיסקוסיעס. קיין אידישע ארבעטער ביכער און צייטונ־

גען זיינען נאָך דאַמאָלסט קימאַט ניט געוועז; אויך די פירער, געוועזענע סטודענטן און באַלעבאַטישע קינדער, האָבן פאַרמאָגט מער ענטוזיאַזם און גלויבן, איידער ערנסטע באַקאַנטשאַפט מיט אַרבעטער־פראַגעס. דער אַרבעטער אין שוויץ־שאַפּ איז נאָך געוועז אָפּגעשטאַנען, צעטומלט און צעדריקט. ביסלאַכווייז אָבער הייבט אָן די אויפקלערונג־אַרבעט ברענגען פרוכט: דער אַרבעטער אין שוויץ־שאַפּ גיט זיך אַ ריר; ס'הייבן זיך אָן אָרגאַניזירן יוניאָנס, ס'גיט אַ הויך מיט קאַמף און מיט סטרייק. דאָס סאָציאַליסטישע וואָרט, וואָס איז געלעגן אין מויל פון געציילטע, געבילדעטע יונגעלייט, הייבט זיך אָן פאַרשפרייטן צווישן די ברייטע מאַסן.

קאַפּיטל XIX.

אַ צענטראַלער פאַרבאַנד פון אידישע אַרבעטער־יוניאָנס. „די געווערקשאַפטן“. אויפלעבונג און סטרייקס.

שווער איז געווען דאָס לעבן פונ׳ם אידישן אַרבעטער. דער שוויץ־שאַפּ האָט אים געשטיקט. די שווערע לעבנס־באַדינגונגען האָבן זיין גייסט און קערפּער גֶעבראָכן. ער האָט פאַרזייט מיט קוואָרים די ביים־איילאָמס פון ברוקלין און ניו־יאָרק. שווינדזוכט האָט ווי מיט אַ קאָסע געשניטן, באַפרייט אויף אייביק די, וועלכע האָבן די נייע פאַבריק־שקלאַפעריי ניט געקענט אויסהאַלטן. אין זינען איז נאָך געלעגן דאָס קרעמל, דאָס שטיקל געשעפט, פון וועלכן ער איז פון דער אַלטער היים אָפּגעריסן געוואָרן, ווען ער האָט געדאַרפט אויסוואַנדערן קיין אַמעריקע.

בלויז אַ קליינעם טייל איז דאָ געלונגען אַרויסרייסן זיך פון שאַפּ און ווערן פּעדלערס אָדער קליין־הענדלער. נאָך אַ קלענערער טייל איז געווען פעאיק אַרויפאַרבעטן זיך און ווערן קליינע קאָנטראַקטאָרס־באַלעבאַטים דורכ׳ן שוויים און האָרעוואַניע פון זיינע אָרימע לאַנדסלייט. די איבעריקע האָבן געשקלאַפט אין די פאַבריקן.

מען האָט זיי געלערנט, אַז קעדיי צו פאַרבעסערן זייער לאַגע, מוזן זיי זיך אָרגאַניזירן אין יוניאָנס. אָבער די געוועזענע קליין־הענדלער האָבן נאָך ניט פאַרמאָגט די איינגעשפאַרטקייט, דעם אייניקייט־געפיל און קאַמף־לוסט פון אַן עמעסן אַרבעטער. אָט האָבן זיי זיך אָרגאַניזירט, אַרויס קעמפן פאַר זייערע פאָדערונגען, געוואונען אָדער פאַרלאָרן; אַביסל שפּעטער האָט זיך די באַגייסטערונג אָפּגעקילט און די יוניאָן איז זיך צעפאַלן.

דאמאלסט האבן זיך די סאציאליסטן ארומגעזען, אז דער בעסטער מיטל אויפצוהאלטן די יוניאנס, איז פארבינדן זיי צו־זאמען; שאפן א צענטראלן פארבאנד, וואס זאל אויף אלע יוניאנס אכטונג געבן, ארויסהעלפן די שוואכע אין דער צייט פון נויט און קאמף און העלפן ארגאניזירן די ארבעטער אין די פאכן, וואו קיין יוניאן איז נאך ניטא.

זיי צו הילף זיינען געקומען די דייטשע כאוויירים; אין ניו־יארק האבן זיך דאמאלסט געפונען אסאך דייטשע סאציאליסטן, וועלכע האבן עמיגרירט פון זייער לאנד צוליב די פארפאלגונגען פון דער קייזערלאכער רעגירונג. דא האבן זיי פארמאגט אן אייגענע צייטונג (די „פאלקס־צייטונג“) און א צענטראלן פארבאנד פון סאציאליסטישע יוניאנס. זייערע רעדנער און פירער, ווי שעוויטש און יאנאס, זיינען געווען די לערער פון דעם אידישן סאציאליסט אין דער ערשטער צייט.

אין יאר 1888 איז געגרינדעט געווארן דער ערשטער צענ־טראלער פארבאנד פון אידישע יוניאנס; אז ס'איז געקומען צו געבן דעם פארבאנד א נאמען, איז באשלאסן געווארן צו רופן אים „פאראייניקטע אידישע געווערקשאפטן“, א שוועסטער־ארגאניזאציע צו די דייטשע געווערקשאפטן. מען האט אויסגעארבעט א פראָ־גראם:

שטיצן איין יוניאן די אנדערע, גרינדן יוניאנס אין נייע פאכן און פארשפרייטן צווישן די ארבעטער דעם סאציאליסטישן געדאנק.

אין יענער צייט, ווען דער אידישער ארבעטער האט ערשט אנגעהויבן אויסגלייכן זיין הויקער און אויפהייבן זיין קאפ, זיינען די געווערקשאפטן געווען זיין שטארקסטע הילף. שוטפעסדיק האבן זיך די ארבעטער געלערנט, ווי אזוי אנפירן א פארזאמלונג, ווי צו רופן א סטרייק, איינער דעם צווייטן האט ארויסגעהאלפן

און ס׳איז אויסגעשמידט געוואָרן דער שאַרפסטער אַרבעטער־וואָפן — אייניקייט און סאָלידאַריטעט.

אויך די אַנאַרכיסטן האָבן ביסלאַכווייז אויפגעגעבן זייער געגנערשאַפט צו די יוניאָנס און זיי זיינען אַוועק אין דער אַרבעט.

עס איז צוריק אויפגעבויט געוואָרן אַ בעקער־יוניאָן, די לאַגע פון די בעקער איז דאַמאָלסט געווען אַ שרעקלאַכע: זיי האָבן געאַרבעט אין פייכטע קעלערס, קיין מאַשינעס זיינען נאָך ניט געווען און די אַרבעטס־שאָען זיינען געווען זייער לאַנגע, זיבן טעג אַ וואָך.

די ערשטע פאָדערונגען פון די בעקער זיינען געווען: אַ צען־שאָאיקער אַרבעטס־טאָג און זעקס טעג אַ וואָך אַרבעט, אַנשטאָט זיבן.

עס האָבן זיך אָנגעשלאָסן אָן די געווערקשאַפטן די היטל־נייער. יעדער אַרבעטער האָט דאַמאָלסט געמוזט האָבן אַן אייגענע מאַשין, אייגענע נאָדל און פאָדים; דערצו נאָך האָט דער באַלע־מעלאָכע געדאַרפט נעמען אין אָוונט אַהיים אויף צו פאַרענדיקן אַ פולן זאַק מיט אַרבעט. (דאָס האָט זיך ביי זיי גערופן: „טראָגן דעם שווארצן זאַק.“)

עס זיינען אָרגאַניזירט געוואָרן די שניידער פון די ביליקע סאָרטן אַרבעט, וואו די עמיגראַנטן־אַרבעטער האָבן געליטן אונטער דער שווערער ציל־סיסטעם.

די סיסטעם איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס דער באַלעבאָס פלעגט אַרויסגעבן אַ באַשטימטע צאָל בגאָדים, וועלכע פלעגן מוזן פאַרטיק ווערן אין איין טאָג. געאַרבעט האָט מען גרופּענווייז, אַז מען איז ניט פאַרטיק געוואָרן מיט דער אַרבעט, האָט מען אויף מאָרגן געמוזט פאַרענדיקן די אַרבעט פון נעכטיקן טאָג. די

באַלעבאַטים פּלעגן זיך באַנוצן מיט דעם, וואָס די אַרבעטער זיינען ניט אָרגאַניזירט און זיי פּלעגן צולייגן אַלץ מער בגאַדים צום טעגלאַכן ציל.

דער פירער פון די שניידער איז געווען י. באַרסקי, אַן אַמ־אויל־אָמניק, אַ סאָציאַליסט און אַן אינטעליגענט, וועלכער איז דאָ געוואָרן אַ שניידער־אַרבעטער. זיין אידעאַל איז געווען צו גרינדן אַ פאַרבאַנד פון אַלע 30,000 שניידער־אַרבעטער אין אַמעריקע. ער האָט זיין געדאַנק פאַרשפּרייט אין שאַפּ, אויפ׳ן גאַס, אויף דער אַרבעטער־בירזשע, וואו ער האָט נאָר געקענט קריגן צוהערער.

די אַרבעטער פּלעגן זיך דאַמאָלסט אַלע שאַבעס בייטאָג פאַר־זאַמלען אויפ׳ן סיוארד פּלאַץ (כאַזיר־מאַרק האָט זיך דאָס פּלאַץ דאַמאָלסט גערופן, קיין פּאַרק איז נאָך ניט געווען). דאָרטן פּלעגן די אַרבעטער קומען נאָכפרעגן זיך אויף אַרבעט און די קאָנטראַקטאָרס פּלעגן אַהין קומען זוכן „הענט". די פּאָליציי פּלעגט אָפט מאַכן איבערפאַלן אויף די פאַרזאַמלטע און די אָרימע אַרבעטער פּלעגן פון דאָרט אַוועק מיט צעקלאַפּטע ביינער. אַהין פּלעגט אויך י. באַרסקי קומען און אַגיטירן פאַר זיין פּלאַן פון אַ גרויסן שניידער־פאַרבאַנד.

מען פּלעגט אָפּשפּאָטן פון דעם טרוימער־סאָציאַליסט, וועל־כער איז געווען אַ שניידער, אַן אַקטיאָר, אַ דראַמען־שרייבער און אַ רעדנער. קיינער האָט ניט געגלויבט, אַז דער אומוויסנדיקער אידישער אַרבעטער איז שוין פעאיק אויפצונעמען אַזאַ מוטיקן געדאַנק. אָבער י. באַרסקי האָט געזיגט: אין יאָר 1891 איז געגרינדעט געוואָרן דער ערשטער „שניידער־פאַרבאַנד פון אַמע־ריקע" (יונייטעד גאַרמענט וואָרקערס אָף אַמעריקאַ).

ס׳איז אויך לעבעדיק געוואָרן אין דער העמדל־מאַכער יוניאָן, וואו ס׳האָט געאַרבעט די יוגנט פון דעם איסט־סיידער קוואַרטאַל. דאָרטן פּלעגט מען געשמאַק דעבאַטירן וועגן סאָציאַליזם און אַנאַר־

כיזם. פון דאָרטן זיינען אויך אַרויס רעדנער און פירער פאַר דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג. די יוניאָן האָט שפּעטער אַרויס־געגעבן אַ סאַך דאָקטוירים און אַדוואָקאַטן, פון די אַרבעטער, וועלכע האָבן זיך אָפּגעטריישלט פון זייערע יונגנטלאַכע כאַלוימעס און זיינען אַוועק שטודירן און בויען אַ קאַריערע פאַר זיך.

אין יאָר 1890 האָבן אויסגעבראָכן צוויי גרויס סטרייקס פון אידישע אַרבעטער: דער סטרייק פון די קינדער־הויזן־שניידער (ני־פּענטס מייקערס) און דער ערשטער גרויסער מאַנטל־מאַכער (קלאָוקמייקערס) סטרייק.

די „ני פּענטס" סטרייקער זיינען אַרויס פאָדערן, אַז די באַלעבאַטים זאָלן זיי געבן מאַשינעס צו דער אַרבעט. ביז דאַמאָלסט האָבן די אַרבעטער געדאַרפט ברענגען זייער אייגענע מאַשין (קאַטערינקע האָבן זיי עס אַ נאָמען געגעבן) און בייטנדיק גאַנץ אָפט דאָס אַרבעט־פּלאַץ, האָט מען די מאַשינקע געדאַרפט נעמען אויפ'ן פּלייצע און טראָגן זי פון שאַפּ צו שאַפּ.

דער סטרייק איז געוואונען געוואָרן. אינ'ם זעלביקן יאָר האָט אויסגעבראָכן אַ צווייטער סטרייק פאַר העכערע פּרייזן. אָבער דאָ זיינען די גרויסע באַלעבאַטים געקומען צוהילף צו זייערע קאָנטראַקטאָרס. ס'האָט זיך אריינגעמישט די פּאָליציי. אַרבעטער זיינען אַרעסטירט געוואָרן און געשטעלט געוואָרן צום געריכט. די פּראָצעסן האָבן אָפּגעקאָסט צופיל געלט. די יוניאָנס האָבן עס ניט געקענט אויסהאַלטן און דער סטרייק איז געגאַנגען פאַרלאָרן.

דער סטרייק פון די מאַנטל־נייער האָט געדויערט אַ זעקס־זיבן וואָכן. 7,000 אַרבעטער זיינען דאַמאָלסט אַרונטער אין סטרייק. דער אינטערעסאַנטסטער מאָמענט איז געווען, ווען צום ערשטן מאָל איז איינער פון די גרעסטע און רייכסטע פאַבריקאַנטן אַרונטערגעקומען אונטערצוכאַסמענען די יוניאָן־באַדינגונגען. דער שטאָלצער יאַהודי האָט זיך עפּשער קיינמאָל ניט פאַרגעשטעלט,

אַז ער וועט דאַרפן קומען אין העסטער סטריט, צו זיינע „גרינע“ אַרבעטער, נאָכגעבן זייערע פאָדערונגען.

אין יענעם סטרייק איז צום ערשטן מאָל באַקאַנט געוואָרן דער נאָמען פון אַן אַרבעטער פירער, יוסף באַראָנדעס. מען האָט אים דאַמאָלסט אַרעסטירט און פאַרמישפּעט צו אַנדער־האַלבן יאָר טפיסע. די „צענטראַלע אַרבעטער יוניאָן“ פון ניו־יאָרק האָט זיך פאַר אים איינגעשטעלט און געשיקט אַ פּעטיציע צום גאָווערנאָר, וועלכער האָט אים באַגנאַדיקט. באַראַנדעס האָט אָנגעהויבן זיין קאַריערע ווי אַ סאָציאַליסט און יוניאָן־פירער און געענדיקט האָט ער זי אין טעמעני־האָל און צווישן די רייכע יאַהודים, צו וועמען ער איז, נאָך זיין אוועקגיין פון דער אַרבעטער־באַוועגונג, צוגעשטאַנען.

קאפיטל XX.

א נייער שטראם אימיגראנטן: אידישע סאכרים, ארויס־געטריבן פון מאסקווע. דער אישעוו צעוואקסט זיך: פרומע אידן; מאסקילים; סאציאליסטן. אויפבלי פון דער אידישער שפראך. די אריבערגעקומענע שרייבער: א. צונזער, גאלדפאדן און שאמער. דער אנהייב פון א אידישער סאציאליסטישער פרעסע.

אין יאר 1891 איז אנגעקומען א נייע אימפעטדיקע עמי־גראציע־כוואליע פון רוסלאנד. דער צאר האט ארויסגעטריבן די אידן פון דער שטאט מאסקווע. טויזנטער פאמיליעס זיינען פלוצלונג אפגעריסן געווארן פון זייערע באשעפטיקונגען, באַ־רויבט געווארן פון זייערע היימען, א סאך פון זיי האבן אויס־געוואנדערט קיין אמעריקע.

די נייע עמיגראנטן האבן דא געהאט ווייניקער שוועריקייטן, ווי די ערשטע מיט א צען יאר צוריק.

ערשטנס, איז א טייל פון זיי געווען פארמעגלאכע סאכרים. און די ארימע האבן שוין דא געפונען פריינט און קרוויים, לאנדסמאנשאפטן און הילף־פאראיינען, אידישע פאכן און יוניאנס, וועלכע האבן געקאנט פארזארגן דעם עמיגראנטס ערשטע טריט.

דער אידישער אישעוו האט זיך שוין דאמאלסט שטארק פאנאנדערגעוואקסן, דאס געזעלשאפטלאכע לעבן איז געווארן פארשידנארטיק. ס'ראוו עמיגראנטן איז אהער ניט געקומען

צוליב צייטווייליקע פארדינסטן, אנזאמלען געלט און אומקערן זיך צוריק אהיים. אידן זיינען אהער געקומען זוכן א פאטער־לאנד. ווען זיי האבן זיך באזארגט מיט די ערשטע נויטיקע מאטעריעלע באדערפענישן (ווי עסן און א דירע) האבן זיי שוין גענומען טראכטן וועגן קלאל־זאכן: יעדער קלאס האט אנגעהויבן איינארדענען זיין לעבן אויף זיין אייגענעם אופן.

פרומע אידן האבן געבויט שולן, אראפגעבראכט פון דער אלטער היים ראבאנים, כאזאנים און מאגידים, געגרינדעט כא־דארים און טאלמוד־טוירעס פאר זייערע קינדער. און ווייל זייער מאטעריעלע לאגע איז געווען א בעסערע, האבן זיי גע־פרואווט אראפברענגען אהער די בעסטע דארשאנים און שול־זינגער, וועלכע זיי האבן געקאנט קריגן פאר געלט.

עמעס, דאס רעליגיעזע לעבן האט זיך דא א סאך אונטער־שיידט פון דעם, וואס ס'איז געווען אין דער אלטער היים. די נויט האט געצוואונגען דעם פרומען אונטערשניידן בארד און פייעס, אנטאן זיך אמעריקאניש, האלטן דאס געשעפט אפן שאבעס און יאם־טעוו. ס'האט ניט געהאלפן דאס ווערן זיך; אזוי איז שוין געווען דער קוואך פון לעבן. האט מען בים־לאכווייז שאלעם געמאכט: וואס צו גאט און וואס צו לייט.

די אריבערגעקומענע מאסקילים האבן דא געפונען אן עמעסן גאן־איידן: א לאנד, וואס האט זיי געגעבן אלע מעגלאכקייטן און פרייהייטן, וועגן וועלכע זיי האבן אפילע ניט געקאנט כאלעמען ביי זיך אינדערהיים. די פון זיי, וועלכע זיינען ניט אריינגעשטופט געווארן אין שוויץ־שאפ, קעדיי דארט זיך אויסצוניכטערן פון אלע האסקאלע־טרוימען, האבן געזונגען שירע פאר דעם לאנד פון וואשינגטאן און לינקאלן. די מאסקילים, וועלכע האבן געקוקט מיט ביטל אויף דער אידישער שפראך (די דינסטמויד האבן זיי זי גערופן), האבן דא אין אמעריקע גע־נומען פארפלאנצן די העבראישע שפראך. אבער זייערע צוי־

טונגען און זשורנאלן זיינען שנעל אונטערגעגאנגען. די יעכידים, ליבהאבער פון העברעאיש, האבן ניט געקאנט, אדער ניט גע־וואלט אויסהאלטן זייער פרעסע. פאר די גרויסע אויפגעוואכטע ארבעטער־מאסן איז די שפראך געווען אומפארשטענדלאך און פרעמד.

די העברייאישע שרייבער האבן געמוזט פארבייגן זייער קאוועד און שרייבן דא פראסט אידיש, אויפ'ן לאשן פון דער „דינסט“.

אזוי האבן אויך געמוזט טאן די געשטודירטע „רוסישע“ יונגעלייט, סאציאליסטן, אדער ניט סאציאליסטן. איינס פון די צוויי: אדער אוועק פון די אידישע מאסן, אדער רעדן צו זיי אויף זייער שפראך.

די דייטשע אידן האבן שוין דאמאלסט גערעדט און גע־שריבן אויף ענגליש. זייערע צייטשריפטן האבן זיך אפגעגעבן מיט די אינטערעסן פון שולן און בעוורעס. זייערע געלערנטע האבן געשטודירט די אויצרעס פון פארגאנגענהייט. אין יאר 1892 איז געגרינדעט געווארן די „אמעריקאנער אידישע היס־טארישע געזעלשאפט“; נאכדעם „די אידישע אויסגאבן געזעל־שאפט (דזשואיש פובליקיישאן סאסייעטי). מען האט מער גע־לעבט מיט דער טראדיציע, מיט'ן נעכטן, איידער מיט'ן היינט.

אויף אידיש איז ארויסגעגאנגען איין צייטונג: „די אי־דישע גאזעטן“. זי איז געווען פיינטלאך צו די ארבעטער; זי האט זיי באקעמפט אויף אלע אויפאנים און אפגעלאכט זייערע אידעאלן און זייער קאמף.

ס'איז קיין וואונדער ניט, אז ווען דער ארבעטער האט אנגעהויבן בויען זיין נייעם לעבן, האט ער די ערשטע זאך פארטראכט זיך, ווי אזוי צו שאפן זיין אייגענע פרעסע, וואס זאל רעדן זיין שפראך און ארויסהעלפן אים אין זיין קאמף.

אידישע צייטונגען זיינען דאמאלסט בלויז געווען אין לאנדאן, ענגלאנד. דארט איז שוין געווען אן ארבעטער־קלאס, וועלכער האט געהארעוועט אין די פאבריקן און געזען זיין דערלייזונג אין דער סאציאליסטישער וועלט. דארטן האבן שוין געשריבן אידיש פאר די ארבעטער דער „זיידע“ ווינטשעווסקי, פ. קראנץ, פייגנבוים און אנדערע. אינ'ם אפגעשטאנענעם רוס־לאנד זיינען נאך קיין אידישע צייטונגען ניט געווען. ס'האט דארט ערשט גענומען פאנאנדערוואקסן זיך א אידישע ליטע־ראטור, ס'האבן אנגעהויבן צו שרייבן שאלעם אליכעם, י. ל. פערעץ, צוזאמען מיט'ן זיידן מענדעלען. אבער די מאסן זיינען געווען אפגעשטאנען. לייענער זיינען געווען ניט קיין סאך.

די אידישע שרייבער, וועלכע האבן איבערגעוואנדערט די ערשטע יארן קיין אמעריקע, זיינען געווען אזעלכע, וועלכע האבן פאר'ן אידישן ארבעטער געקאנט ווינציק שאפן. זיי זיינען געווען פארשטייער פון דער ארימער מאסע, פונ'ם קרעמער און קליין־הענדלער און פאר'ן ארבעטער־לעבן האבן זיי ניט געהאט קיין אויג. ס'איז לעמאשל געקומען אהער אין יאר 1889 דער פאלקס־זינגער עליאקום צונזער, וועלכער פלעגט אין דער אלטער היים אויפטרעטן אויף כאסענעס און סימכעס און זינגען לידער, קעדיי ־רייליך צו מאכן די געסט. זיין ליד, „די סאכע“, איז זייער בארימט:

> אין סאכע
> ליגט די מאזל־בראכע,
> דער ווארער גליק פון לעבן.

ער רופט די אידן אוועקווארפן דאס האנדל און נעמען זיך צו ערד־ארבעט. דאמאלסט וועט דעם הענדלערס קאפ זיין רו־איקער: ער וועט ניט דארפן צאלן קיין כויוועס און קיין וועקסלען (נאוטס), מ'וועט זיך ניט דארפן פוצן און צירן, ס'לעבן וועט זיין איינפאך און גוט.

אָט די לידער האָבן גערעדט צום הארצן פון דעם קליינעם אידישן הענדלער אין מיזראַך־אייראָפּע; זיי האָבן אָבער ניט אַפּעלירט צום שוויץ־שאַפּ אַרבעטער אין דער נייער וועלט.

ס'איז אַהער געקומען דער זינגער און אָפּערעטן־שרייבער אַווראָם גאָלדפאַדן.

א. גאָלדפאַ גאָלדפאַדן

זיינע פאַרדינסטן זיינען געווען גרויסע. ער האָט דער ערשטער געשאַפן אַ אידישן טעאַטער. ער האָט צונויפגעשטעלט טרופּעס אַקטיאָרן, געוואַנדערט מיט זיי איבער רוסלאַנד און רומעניע, אַליין געשריבן די פּיעסן און מיט אַלעמען געשפּילט. זיינע אָפּערעטן, ווי „די קישעפמאַכערן", „צוויי קוני־לעמלס", „שולאַמיס", „באַר קאָכבאַ", זיינען געווען אָנגעפיקעוועט מיט

לייכטע שפּילעוודיקע לידלאַך, וואָס פלעגן דעם עולם פאַר־כאַפּן, און מען פלעגט זיי נאָכזינגען אומעטום.

אין זיינע לידער האָט ער פאַרהייליקט די אידישע פאַר־גאַנגענהייט און געקוויקט זיך מיט'ן „פינטעלע איד“:

דאָרט גייען אידלאַך,
און זינגען לידלאַך,
און שפּילן אויף פידלען
און אויף טראָמפּאַנעס.

גאָלדפאַדן האָט שוין דאָ געטראָפן אַ אידישן טעאַטער, אין וועלכן ס'האָט געשפּילט אַ גרויסער טייל פון זיינע געוועזענע טאַלמידים. ס'זיינען אַהער אַריבערגעקומען די פּייאָניקע אַקטיאָרן אַדלער, מאָגולעסקאָ, קעסלער, ליפּצין, טאָמאַשעווסקי און אַנדערע. אָבער דער עולם טעאַטער־גייער איז נאָך געווען זייער פּראָסט און אומדערצויגן. די פּיעסן־שרייבער האָבן געפּלאָכטן מאָדנעס אומזין, באַפּוצט עס מיט טוירעס, מיט קרוינען, מיט ציר און מיט גלעקעלאַך. זיי האָבן אַרויפגעפירט אויף דער בינע מלאָכים און מאַלקעס, פּרינצן און פּרינצעסינס, דער אומוויסנדיקער עולם זאָל האַנאָע האָבן און קומען אין טעאַטער.

ס'איז אַהער געקומען דער ראָמאַנען־שרייבער שאָמער (שייקעוויטש).

ער איז געווען אַ „פאַבריקאַנט“ פון מייסעס פאַר'ן אָפּגע־שטאַנענעם עולם. לייכט האָט ער געקאָנט אָנשרייבן אַ לאַנגן פאַרפּלאָנטערטן ראָמאַן, אין וועלכן ס'האָבן פיגורירט אַלערליי העלדן און העלדינעס. ס'פלעגן דאָרטן טרעפן קאַלערליי אומגלויביקע פּאַסירונגען (ווי אין די ענגלישע „בוך־סעריעס), פון וועלכע די האָר פלעגן זיך אויפשטעלן, און צום סאָף פלעגט זיך אַלץ אויסגלייכן: דער גוטער פלעגט באַצאָלט ווערן פאַר זיין גוטס, דער שלעכטער פאַר זיין שלעכטס און אַלץ פלעגט זיך ענדיקן אויפ'ן שענסטן אויפן.

דער אידישער אַרבעטער האָט פון די אַלטע שרייבער גאָרנישט געקאָנט געניסן.

ער האָט דאָ געדאַרפט אָנהויבן פון דאָס ניי: שאַפן אַ ליטעראַטור, אויפבויען צייטונגען, אויסטיילן פון זיך פּייאיקע שרייבער, וועלכע זאָלן לעבן זיין לעבן, באַזינגען זיינע ליידן און פריידן, באַגייסטערן אים אין זיין קאַמף.

אַזאַ אַרבעט איז געווען אַ שווערע און אַ העלדישע. מ'האָט עס אָבער געטאָן.

שוין אין די ערשטע אימיגראַציע־יאָרן זיינען געמאַכט געוואָרן פּרואוון פון איינציקע מענטשן אַרויסצוגעבן אידישע סאָציאַליסטישע צייטונגען. ס'איז אָבער ביסלאַכווייז אויסגע־וואַקסן אַ באַדערפעניש צו באַשאַפן אַ פּרעסע, וואָס זאָל זיין ברייטער אין פאַרנעם און זאָל קאָנטראָלירט ווערן פון דער גאַנצער אַרבעטער באַוועגונג.

קאַפּיטל XXI.

אידישע אַרבעטער בויען זייער פּרעסע. די „אַרבייטער צייטונג“ אַרויסגעגעבן פון די סאָציאַליסטן, און די „פרייע אַרבעטער שטימע“ — פון די אַנאַרכיסטן. מאָרים ראָזענפעלד, דאָוויד עדלשטאַט, יויסעף באָוושאָווער, דער „זיידע“ ווינטשעווסקי און נאָך אַנדערע לייגן דעם גרונטשטיין פאַר דער אידישער ליטעראַטור אין אַמעריקע. אידישער טעאַטער. י. גאָרדין, אַ באַרימטער פיעסן־שרייבער. ליבין און קאָברין, דערציילער און דראַמאַטורגען.

אין יאָר 1889, נאָכ'ן אונטערגאַנג פון דער ערשטער אַנאַרכיסטישער צייטונג, „די וואַרהייט“, רופן די „פּיאָנערן פון פרייהייט“ אַ באַראַטונג פון אַלע אידישע אַרבעטער אָרגאַניזאַציעס, ווי אַזוי צו גרינדן אַ נייע ראַדיקאַלע צייטונג.

די פּיאָנערן האָבן געוואָלט אַרויסגעבן אַזאַ צייטונג, וואָס זאָל דינען אַלע אידישע אַרבעטער: אַנאַרכיסטן און סאָציאַליסטן. די סאָציאַליסטן האָבן געטיינעט, אַז אַזאַ צייטונג טויג נישט; אַז זיי דאַרפן האָבן אַ קלאָר־אויסגעשפּראָכענע סאָציאַליסטישע צייטונג. פון זייערע געגנער האָבן זיי אָפּגעשפּאַסט און גערופן זיי „פּאַרעווע לאָקשן“.

דער סאָף איז געווען, אַז די פאַרזאַמלונג פון פּיאָנערן און סאָציאַליסטן האָט זיך געשפּאָלטן און אין יאָר 1890 זיינען געגרינדעט געוואָרן צוויי אידישע צייטונגען: די „אַרבעטער צייטונג“, אַרויסגעגעבן פון די סאָציאַליסטן, און די „פרייע אַרבעטער שטימע“ — פון די אַנאַרכיסטן.

די באגייסטערונג פון דעם אידישן ארבעטער פאר זיין צייטונג איז געווען אן אויסערגעוויינלאכע. שוויץ־שאפ ארבע־טער האבן געטראגן אנטקעגן דאס לעצטע פון זייערע פאר־דינסטן, דייטשע און ענגלישע ארבעטער האבן אויך ארויסגע־האלפן. גרויס איז געווען אלעמענס סימכע, ווען מען האט דערזען די ערשטע אידישע ארבעטער צייטונג ארויס פון דרוק.

די צייטונגען האבן ארויסגעהאלפן די יוניאנס אין זייערע סטרייקס. זיי האבן באקאנט געמאכט דעם אומוויסנדיקן אר־בעטער מיט דער סאציאליסטישער באוועגונג אויף דער וועלט, זיי האבן געמונטערט זיין גלויבן און גערופן אים צום קאמף.

ס'איז אויסגעוואקסן א נייער דאר אידישע ארבעטער־קינסטלער, דערציילער און פאעטן.

מאריס ראזנפעלד (אליין א שאפ־ארבעטער, וועלכער האט געלעבט אפריער אין לאנדאן, ענגלאנד, און נאכדעם אין אמעריקע) האט באזונגען דאס לעבן פון דעם שוויץ־שאפ, די נויט און עלנט, פון וועלכער ער האט אליין זיינע גאנצע יארן געליטן.

זיינע לידער האבן די ארבעטער געזונגען זיצנדיק ביי דער מאשין, אויף פארזאמלונגען. די לידער זיינען אויך באקאנט געווארן אין אלע וועלט־טיילן, וואו דער אידישער ארבעטער האט געלעבט און געקעמפט.

אלעמען איז מיסטאמע באקאנט זיין ליד „דאס אינגעלע", וועמען דער טאטע, א פארשקלאפטער שוויץ־שאפ ארבעטער, טרוימט אזוי צו זען:

די ארבעט טרייבט מיך פרי ארויס
און לאזט מיך שפעט צוריק,
פרעמד איז מיר מיין אייגן לייב,
פרעמד מיין קינדס א בליק.

אדער זיין באשרייבונג פון שוויץ־שאפ:

עס רוישן אין שאפ אזוי ווילד די מאשינען,
אז אפטמאל פארגעס איך אין רויש דאס איך בין.

איך ווער אין דעם שרעקלאַכן טומל פאַרלאָרן,
מיין איך ווערט דאָרט באַטל, איך ווער אַ מאַשין.
איך אַרבעט און אַרבעט, און אַרבעט אָן כעשבן,
עס שאַפט זיך, און שאַפט זיך, און שאַפט זיך אָן צאַל,
פאַרוואָס? און פאַר וועמען?—איך ווייס ניט, איך פרעג ניט—
ווי קומט אַ מאַשינע צו דענקען אַמאָל?...

ס'האָט געשריבן זיינע לידער דער פּאָעט, דאָוויד עדלשטאַט.

ער איז געקומען אין אַמעריקע, אין יאָר 1882, מיט אַן אַם־אוילאָם גרופּע. נאָך אַ 12־יאָריקער אינגל שרייבט ער אין זיין היימלאַנד (רוסלאַנד) לידער אויף דער רוסישער שפּראַך. דער טויט פון די שיקאַגאָ מאַרטירער האָט אים אָנגערירט ביז צו דער טיפעניש פון זיין נעשאָמע. די אַרבעטער־באַוועגונג אין אַמעריקע ציט עדלשטאַטן צו צו דער אידישער שפּראַך. ער ברענגט אַריין אין דעם אידישן ליד זיין טאָן פון רעוואָלוציאָנערן אימפּעט, מיטלייד און אויפריכטיקייט.

פאַר אַנדערע איז אידיש נאָך דאַמאָלסט אַ זשאַרגאָן, פאַר אים איז זי אָבער די שפּראַך פון די מאַסן און ער וויל זי זען דערהויבן און אַנטוויקלט:

זאָל יעדער ליבן זיין פאַטערלאַנד גוט,
זיין שפּראַך און זיינע לידער,
און קעמפן מיט זיין האַרץ און בלוט
פאַר זיינע פאַרשקלאַפטע ברידער.

דאָוויד עדלשטאַט איז געשטאָרבן גאָר יונג, אינגאַנצן 26 יאָר אַלט. אַ קורצע צייט פאַר זיין טויט איז ער געווען דער רעדאַקטאָר פון דער אַנאַרכיסטישער „פרייע אַרבעטער שטימע“. די פאַרפּעסטעטע לופט פון רעדאַקציע־קעלער, זיין מאַרטירער־לעבן, די אָנגעשטרענגטע שווערע אַרבעט האָט שנעל אונטערגעגראָבן זיין געזונט. ער איז קראַנק געוואָרן אויף שווינדזוכט, מען האָט אים אַוועקגעשיקט קיין קאָלאָראַדאָ און דאָרטן איז ער אין 1892 געשטאָרבן.

יויסעף באָווישאָוער איז געקומען קיין אַמעריקע אין יאָר 1890. דאָ האָט ער אָנגעהויבן צו שרייבן זיינע קרעפּטיקע לידער פון אַרבעטער קאַמף:

הויב אויף דיינע אויגן און זע די געמויערטע גרויסע פאַבריקן,
וואו אַרבעטער זעגן און הובלען און וועבן און זייען און שטריקן
און שמידן און פיילן און טאָקן און שניצן און גלעטן און פוצן
און שאַפן די וואַרע, און שאַפן דעם רייכטום צו מענטשלאַכע נוצן.

י. באָווישאָוער האָט, אַזוי ווי זיין כאַוער עדלשטאַט, ניט געקאָנט אַריבערטראָגן די גרויזאַמקייט פון דעם שוויץ־שאַפּ לעבן. זייער יונג האָט ער אָנגעהויבן אַרויסווייזן סימאָנים פון גייס־טיקער קראַנקהייט. 16 יאָר איז ער געווען פאַרשיקט אין אַ שפּיטאָל פאַר מעשוגאָאים. דאָרטן איז ער אין יאָר 1915 גע־שטאָרבן.

מאָרים ווינטשעווסקי (דער זיידע פון דער אידישער סאָ־ציאַליסטישער ליטעראַטור) איז געקומען קיין אַמעריקע אין יאָר 1894. ער איז געווען באַקאַנט צו די אידישע אַרבעטער נאָך פריער בישאַם ער האָט געוואוינט אין לאָנדאָן און געבויט די אידישע סאָציאַליסטישע באַוועגונג. זיינע לידער זיינען אָנגעזאַפּט מיט'ן טיפן מיטלייד און גרויסער מענטשן־ליבע. זיינע קאַמפּס־לידער האָבן באַגייסטערט דעם אַרבעטער אין אַלע פּראָלעטאַ־רישע ווינקעלאַך פון דער וועלט. מען זינגט זיי נאָך היינט, 40 יאָר שפּעטער ווי ער האָט זיי געשריבן:

וויקלט פאַנאַנדער די פאָנע די רויטע,
שפּילט אויף אַ מאַרש און דערלאַנגט זיך אַ ריר!
וועקט אויף די אָרעמע, לעבעדיק־טויטע,
זאָגט צו זיי: ברידער, זעט, דאָ שטייען מיר.

אָדער:

אין די גאַסן — צו די מאַסן
פון געדריקטע פעלקער ראַסן
רופט דער פרייהייט־גייסט.

מאָרים ווינטשעווסקי האָט דערלעבט צו זען דעם זיג פון דעם סאָציאַליסטישן אידעאַל אין דעם לאַנד, פון וועלכן ער איז יונגערהייט פארטריבן געוואָרן. אין יאָר 1924 איז ער געפאָרן ווי אַ גאַסט קיין ראַטן־רוסלאַנד און די אַרבעטער־מעלוכע האָט אים אויפגענומען מיט גרויסן קאָוועד.

ס'האָבן געשריבן דערציילונגען און בילדער פון אַרבעטער־לעבן ז. ליבין, ל. קאָברין און י. גאָרדין. זיי האָבן אויך געשריבן דראַמעס פאַר'ן אידישן טעאַטער. י. גאָרדין, וועלכער איז אַהער געקומען אין יאָר 1891, מיט'ן פּלאַן צו גרינדן קאָמוניסטישע קאָלאָניעס, איז געוועזן דער ערשטער דראַמאַטורג, וועלכער האָט פאַרלאָזן דעם וועג פון נאַרישע אומגעלומפּערטע אָפּערעטעס. ער האָט דעם אידישן טעאַטער דערהויבן דורך זיינע פּיעסן פוןווירקלאַכן לעבן. אַזוי זיינען באַוואוסט זיינע טעאַטער־שפּילן: „גאָט מענטש און טייוול", „מירעלע עפראָס", „כאַסיע די יעסוימע". עס פילט זיך שוין דאָרט ניט די העפקיירעס פון אַ שרייבער, וועלכער האָט ניט קיין אַכטונג פאַר די אידישע מאַסן און פאַר זייער שפּראַך. ווען י. גאָרדין איז געשטאָרבן אין יאָר 1909, האָבן די מאַסן באַדויערט זיין טויט און געערט זיין אָנדענק מיט טרויער־פּאַראַדן.

אין יאָר 1890 איז אַהער געקומען דער פּאָעט יעהויאָש. אין 1897 — א. ליעסין. אין 1899 איז אָנגעקומען דער שרייבער דאָוויד פּינסקי. אין 1905 קומט אַהער צום ערשטן מאָל אַווראָם רייזען. יעדערער פון די אויסגערעכנטע האָט צוגעטראָגן זיין טייל. אַלע צוזאַמען (און מיט זיי אַ סאַך אַנדערע, וועלכע זיינען דאָ ניט דערמאָנט) האָבן געהאָלפן אַוועקלייגן דעם גרונטשטיין פאַר דער אידישער ליטעראַטור אין אַמעריקע.



ד. עדלשטאַט

קאפיטל XXII.

אידישע איבערוואנדערער אין דער „קאונטרי“. זייער עקאנאמישער מאצעוו. אידישע ארבעטער אין „קאונטרי“. די ברידערלאכע ארבעטער ארדנס צעשפרייטן זיך איבער'ן לאנד.

די אלטע שטאט ניו־אמסטערדאם איז געווען א דורכגאנגס־טויער פאר די ספארדישע עמיגראנטן; ניו־יארק — פאר די איבערוואנדערער פון רוסלאנד און פוילן. דא האט זיך א גרויסער טייל אפגעזעסן און פארבירגערט, אן אנדערער — האט זיך פון דאנען צעשפרייט איבער אלע ווינקעלאך פון לאנד.

ביז 1881 זיינען אין די פראווינץ־שטעט געווען זייער ווייניק אידן. די פרעמדקייט פון דער שפראך, די אנדערשדיקייט פונ'ם אויפן לעבן האט דעם גרינעם אפגעשראקן און פארהאלטן. אין ניו־יארק האט ער געהאט זיינע לאנדסלייט, מיט וועמען ער האט זיך געקאנט אויפרעדן און זוכן אמאל אן אייצע, אדער־הילף. די גאנצע שטאט איז געווען צעטיילט אין אפגעזונדערטע אימיגראנטן־אינזלען. פאר'ן גרינעם איז אמעריקע געווען ניו־יארק; דאס איבעריקע לאנד האט ער גערופן די „קאונטרי“. (דער נאמען „קאונטרי“ איז נאך ביז היינטיקן טאג פארבליבן).

די ערשטע איבערוואנדערער טיפער אין לאנד זיינען געווען פיאנערן אויף זייער אויפן. דאס זיינען געווען פארשידענע מינים באלעמעלאכעס, קליין־הענדלער, פעדלער, מענטשן מיט געוואגטע נאטורן. זוכנדיק א נייעם לעבן, האט דער פעדלער גענומען א פעקל אויפ'ן פלייצע און איז אוועק בלאנדזשען איבער

די שטעטלאַך (ווי דער יאַהודי אמאָל) פאַרקויפן זיין אָרימע ביסל סכוירע.

פון ניו־יאָרק איז מען אַוועק איבער די שכיינעסדיקע שטאַטן. מען האָט אָנגעשפּאַרט קיין ניו־דזשוירסי, פּענסילווייניע און אין די ניו־ענגלאַנד שטאַטן. פון דאָרט האָט מען זיך אויסגעשפּרייט ווייטער און טיפער אין לאַנד, אַזוי אַז ס'איז איצט קימאַט ניטאָ קיין איין גרעסערע אַמעריקאַנער שטאָט, וואו ס'זאָל זיך ניט געפינען קיין אידישער אישעוו.

אין דער „קאָונטרי" איז פון דעם פּעדלער מיט קלייניקייטן שפּעטער געוואָרן אַ סויכער, פון דעם שמאַטע־הענדלער — אַ כאָשעווער געשעפטסמאַן. דער היגער געבוירענער האָט זיך מיט ניוועדיקע פּאַרנאָסעס ניט געוואָלט פאַרנעמען. די ערשטע אידישע איבערוואַנדערער זיינען סראָוו געווען פּראָסטע מענטשן. אָפּגעריסן פון זייער סוויווע, איינזאַמע און פאַרפרעמדטע, זיינען זיי נאָך מער פאַרגרעבט געוואָרן. זייער אידעאַל איז געוואָרן „ארויפאַרבעטן" זיך. געלט איז געוואָרן דער גרעסטער איכעס.

אין די גרעסערע שטעט פון לאַנד, ווי פילאַדעלפיע, שי־קאַגאָ, באָסטאָן, באַלטימאָר און אַנדערע איז זייער פרי אויפגע־וואַקסן אַ אידישער אישעוו. יעדע שטאָט האָט געהאַט איר אידישע געטאָ, מיט שולן, ראַבאָנים, קאָשער־פליייש קראָמען, און דער אוילאָם איז געווען אָפּגעשטאַנען און פאַרפרומט. אָפּ־געזונדערט פון די מיזראַך־אידן האָבן געוואוינט די יאַהודים, מיט זייערע טעמפּלען, ראַבאַים און רעליגיעזע זונטיק־שולן. פון אַן אָרגאַניזירטן אידישן אַרבעטער איז נאָך קיין סימען ניט געווען.

אַז די אימיגראַציע איז געוואָרן גרויס און דער איבערפלוס פון דער אידישער באַפעלקערונג אין ניו־יאָרק האָט אַרויס־געשפּאַרט אבער'ן לאַנד, האָט די „קאָונטרי" אָנגעהויבן געווינען נייע מאַסן גרינע. צווישן די צעזייטע היים־זוכער זיינען געווען

איינציקע סאָציאַליסטן, וועלכע האָבן גלייך, וואו נאָר זיי האָבן זיך באַזעצט אָנגעהויבן פאַרזייען דעם קערן פון זייער אידעאַל.

אין די שטעט וואַקסן אויס נייע פאַבן, וועלכע דער איד־דישער אַרבעטער פאַרנעמט. די נאָדל־אינדוסטריע צעצווייגט זיך און שפּרייט זיך אויס אומעטום. די שוויץ־סיסטעם רופט אַרויס אָרגאַניזירטן ווידערשטאַנד און קאַמף. און דער קאַמף איז אַ שווערער.

אַרבעטער גרינדן סאָציאַליסטישע פאַריינען און יוניאָנס. ס׳גרינדן זיך ביבליאָטעקן און בילדונג־געזעלשאַפטן. ניו־יאָרק איז דער צענטער, וואָס שטעלט צו רעדנער, צייטונגען און זשורנאַלן. מ׳הערט זיך אויפמערקזאַם צו וואָס דאָרטן, אין צענ־טער, קומט פאָר.

די באַלעבאַטישע אידן האָבן פון אָנהייב זייער פיל גע־שטערט דעם אידישן אַרבעטער. מ׳פלעגט אים פאַרפאָלגן און זידלען מיט די ווערטער: ציציליסטן, מעשומאָדים, קריסטן א. ד. גל.

אין פילאַדעלפיע (די שטאָט פון ברודער־ליבע) האָבן די אידישע ראַדיקאַלע אַרבעטער גאָר פרי געפירט אַ קאַמף אַנטקעגן די פאַראייניקטע באַלעבאַטים, פרומאַקעס און דער פּאָליציי. אין יאָר 1891 האָבן די אַנאַרכיסטן פאַררופן אַן אַנטי־רעליגיעזע פאַרזאַמלונג אויפ׳ן יאָמטעוו־טאָג יאָם־קיפּער. האָט מען גע־מאַסערט, אַז געפערלאַכע רעוואָלוציאָנערן קלייבן זיך צונויף לעסטערן גאָט און רופן דערמאָרדן דעם פּרעזידענט פון לאַנד. איז פּאָליציי אָנגעפאַלן, כוליגאַנעס האָבן צעבראָכן טיר און שויבן, צוויי פון די פאַרזאַמלטע זיינען אַרעסטירט געוואָרן. אַ ריכטער האָט זיי פאַרמישפּעט צו אַ יאָר טפיסע.

אָבער דער אַרבעטער איז געשטאַנען פעסט פאַר זיינע אָר־גאַניזאַציעס. אַז ס׳פלעגט אויסברעכן אַ סטרייק אין ניו־יאָרק, פלעגט ער זיך, ווי אַ וואַלד־פייער, צעגיסן איבער אַלע שטעט,

וואו א אידישער ארבעטער האט געוואוינט. אז ס'פלעגט ארויס־געלאזן ווערן א רוף פאר הילף, פלעגט מען זיך אומעטום אפ־ענטפערן מיט ברידערלאכער שטיצע.

אין די קלענערע פארוואָרפענע שטעטלאך, וואו דער אויס־וואנדערער פון ניו־יארק האט געהאט די מעגלאכקייט צו ווערן א קליין־הענדלער און באפרייען זיך פון די ליידן פונ'ם שוויץ־שאפ, האט דער געוועזענער ראדיקאל ניט גלייך פארגעסן זיינע אמאָליקע פארבינדונגען מיט'ן ארבעטער־קלאס. ס'האט זיך אים געבענקט, ער האט זיך אינטערעסירט מיט אלץ, וואס קומט פאר אין ניו־יארק. ער האט אונטערשטיצט די ארבעטער־פרעסע און געהאלפן די יוניאנס.

שפעטער האבן זיך אנגעהויבן גרינדן די ברידערלאכע אר־בעטער־ארדנס. אין יאר 1892 איז געגרינדעט געווארן דער „ארבעטער רינג". דער צוועק איז געווען: קעגנזייטיקע אונטער־שטיצונג פון מיטגלידער אין צייט פון נויט און אומגליק, סאָ־ציאליסטישע בילדונג און אופבויאונג פון קאָאפעראטיווע אונ־טערנעמונגען. דער ארבעטער רינג איז זיך שנעל צעוואקסן. ער איז געווארן דער רויטער־קרייץ אינ'ם ארבעטער־קאמף און זיין באדייטונג אין דער געשיכטע פון דעם אידישן ארבעטער אין אמעריקע איז זייער א גרויסע.

נאכדעם איז געקומען דער „אינדעפענדענט ארבעטער רינג" און שפעטער, אין יאר 1908, דער נאציאנאליסטיש־סאָציאליס־טישער „אידישער נאציאנאלער ארבעטער־פארבאנד". די ארדנס האבן זיך אויסגעשפרייט, זייערע צווייגן האבן זיך פארשפרייט איבער'ן גאנצן לאנד. דער צווייג איז געווען א זאמל־פלאץ פאר יעדערן, וועלכער האט אין הארצן געהאט א ווארים געפיל צום ארבעטער און צו זיינע אידעאלן. אין די פארוואָרפענע שטעטלאך האט דער צווייג (ברענטש) פונ'ם ארבעטער רינג פארנומען דעם פלאץ פון דער ארבעטער פארטיי און פון דער יוניאן.

קאפיטל XXIII.

דער קריזיס אין יאָר 1893. דער סטרייק אין האַמסטעד. אַלעקסאַנדער בערקמאַנס שאָס.

אין יאָר 1893 האָבן די אידישע מאַסן פאַרזוכט דעם טאַם פון אַ קריזיס: פּלוצלונג האָבן זיך אָפּגעשטעלט אַלע פאַבריקן, באַנקן האָבן אויפגעהערט צו צאָלן, טויזנטער אַרבעטער זיינען אַרויסגעוואָרפן געוואָרן אין גאַס, אָנצובאָטן זייערע אַרבעטס־הענט, אָבער עס זיינען ניט געווען קיין באַלאָנים.

די אידישע שוויץ־שאַפּ אַרבעטער האָבן שטאַרקער פון אַלעמען געליטן. זייערע פאַרדינסטן, אַפילו אין די גוטע צייטן, זיינען געווען קליין. איצט האָבן זיי מיט זייערע פאַמיליעס, פרויען און קינדער, פּאָשעט געהונגערט.

די ניי־מאַשינעס, וועלכע זיי פלעגן אַרומשלעפּן אויפ'ן פּלייצע פון שאַפּ צו שאַפּ, האָבן גערוט. די אַרבעטער זיינען אַרומגעגאַנגען איבער די גאַסן צעטומלט: אַריבערגעקומענע פון רוסלאַנד און פּוילן (אָפּגעשטאַנענע, ניט־קאַפּיטאַליסטישע לענדער) האָבן זיי גאָר קיינמאָל ניט געהערט פון אַזעלכע זאַכן, ווי אַן עקאָנאָמישער אָדער אינדוסטריעלער קריזיס.

דער קריזיס איז אַ געוויינלאַכע דערשיינונג אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער, וואו סכוירע ווערט פּראָדוצירט מאַסנוויַיז אָן אַן אָרדענונג. אין דער יאָגעניש נאָך פּראָפיטן וויל יעדער באַלעבאָס וואָס מער אויסאַרבעטן און איבערשטייגן איינער דעם צווייטן. ס'קומט אַ צייט פון איבערפּראָדוקציע (צופיל

סכוירע אויפ׳ן מארק) און דער פאבריקאנט נעמט און פאר־שליסט זיינע פאבריקן.

די רעפובליקאנער האבן געווארפן די שולד פון קריזיס אויפ׳ן אויסגעקליבענעם דעמאקראטישן פרעזידענט — גראָווער קליוולאנד. זיי האבן אויסגעטייטשט, אז ווייל קליוולאנד האט געוואלט פארקלענערן דעם טאריף (אפצאל) אויף אריינגעפירטע אויסלענדישע סכוירע, האט דער פאבריקאנט זיך דערשראקן, ווייל ער קאן זיך ניט שטעלן אנטקעגן זיין אויסלענדישן קאנ־קורענט, און ער האט געמוזט פארמאכן זיין געשעפט.

דער עלנט אין די ארעמע קווארטאלן איז געווען גרויס. אין די איסט־סיידער גאסן האבן זיך אידישע ארבעטער געריסן איבער א פארדארטן שטיקל ברויט, ווי הונגעריקע וועלף. זעלבסטמארדן זיינען געווען א געוויינלאכע דערשיינונג; מען האט געזוכט דעם טויט, דעם דערלייזער פון א שרעקלאכער לאגע.

דער פארבאנד פון יוניאנס (די געווערקשאפטן) האט גע־פרואווט העלפן זיינע מיטגלידער. מען האט געעפנט אומזיסטע קיכן, מען פלעגט אויסטיילן בילעטן פאר שפייז, פאר געלעגער, אבער עס איז געווען ווי א טראפן אין יאם.

אין יענער מעהומע זיינען א סאך אידישע יוניאנס, וועלכע האבן זיך ערשט גענומען שטעלן אויף די פיס, אונטערגעגאנגען. די דיינע פאר׳ן שטיקל ברויט האט אפגענומען די גאנצע צייט. ס׳איז ניט געווען קיין מוט צו באשעפטיקן זיך מיט אויפבוי־ארבעט.

אין יענער צייט האט אויך אפגעקלונגען איבערן לאנד דער סטרייק פון האמסטעד.

האמסטעד, א קליין שטעטל, ניט ווייט פון פיטסבורג, איז אויפגעבויט געווארן פון דעם מיליאנער קארנעגי. דארטן זיינען געווען זיינע שטאל און אייזן־פאבריקן.

אן ערך 12 טויזנט ארבעטער האבן דארטן געוואוינט. אלע אינסטיטוציעס פון שטעטל: שולן, קלויסטערס און שפיטאלן, אלע געשעפטן פון שפייז און קליידער, די הייזער, אין וועלכע די ארבעטער האבן געוואוינט — אלץ האט געהערט צו דער קאמפאניע. אויך די באאמטע פון שטעטל: די ריכטער, שעריפס און פאליציי זיינען געווען דער קאמפאניעס מענטשן.

סראָוו ארבעטער פון האמסטעד זיינען געווען אימיגראנטן. די קאמפאניע האט ליבער געוואלט האבן פרעמדע, גרינע שקלאפן, וועלכע זאלן זיך ניט קאנען צונויפרעדן צווישן זיך און ארגאניזירן זיך אין קאמף מיט זייערע באלעבאטים.

אין אנהייב יוני 1892 האט פריק (קארנעגיס שוטעף און פארוואלטער פון די פאבריקן) געלאזט וויסן די ארבעטער, אז מ'וועט שניידן זייערע סכירעס, אז די קאמפאניע איז נעבאך געדריקט און קאן מער ניט צאלן. די ארבעטער האבן ניט איינגעשטימט; האט פריק דערקלערט אלע ארבעטער פאר אויסגעשלאסן פון זיינע פאבריקן.

די ארבעטער האבן פארשטאנען, אז פריק וועט אראפברענגען סטרייק־ברעכער און דעטעקטיווס צו פארטרייבן זיי פון זייערע פלעצער. האבן זיי אויסגעקליבן פון זיך פיקעטס, וועלכע האבן טאג און נאכט געהיט ביי דעם מאנאגאהאלא־טייך, דורך וואנען די סאנים האבן געקאנט אריינקומען

אזוי איז טאקע געשען. עס זיינען אנגעקומען די „געסט" — א דריי הונדערט דעטעקטיווס פון דער פינקערטאן קאמפאניע. די פיקעטס האבן אנגעהויבן קלינגען אין די קלויסטערגלאקן. ס'זיינען זיך צונויפגעלאפן באוואפנטע ארבעטער, צו פארטרייבן די ניט־געלאדענע ארכים. די דעטעקטיווס האבן געשאסן; איין ארבעטער איז געפאלן טויט. ס'האט זיך אנגעהויבן אן עמעסע מילכאמע. פוןביידע זייטן זיינען געווען טויטע און פארוואונדעטע. געזיגט האבן די ארבעטער. מען האט די דע־

טעקטיווס אנטוואפנט און אפגעפירט צום באן־הויף און אפ־
געשיקט זיי צוריק אהין, פון וואנען זיי זיינען געקומען.

דאמאלסט האט זיך פריק געווענדט צום גאווערנאר פון
שטאט פענסילווייניע און יענער האט ארויסגעשיקט קיין האמ־
סטעד די מיליציע.

אומוויסנדיקע פירער האבן איינגערעדט די ארבעטער, אז
זיי זאלן באגעגענען די סאלדאטן מיט פאראד און מוזיק, קעדיי
צו געווינען זייער פריינטשאפט. די ארבעטער האבן געפאלגט,
אבער די סאלדאטן האבן זיך ניט געלאזט איבעררעדן; זיי האבן
געטאן דעם ווילן פון זייערע באלעבאטים. דער סטרייק איז
מיט אכזאריעס דערשטיקט געווארן און די נידערלאגע אין
האמסטעד האט זיך אפגערופן אויף די ארבעטער פונ'ם גאנצן
לאנד.

מיט צוויי טעג פריער, איידער די סאלדאטן זיינען אנגע־
קומען קיין האמסטעד, איז א מאן אריינגעקומען צו פריק'ן אין
קאנטאר און האט אויף אים געשאסן. ער האט נעקאמע גענומען
פאר דעם פארגאסענעם בלוט פון די שטאל־ארבעטער. זיין נאמען
איז געווען אלעקסאנדער בערקמאן — א אידישער אנארכיסט,
א העמדל־נייער פון ניו־יארק.

פריק איז פארוואונדעט געווארן פונ'ם ערשטן שאס. די
באדינער פון אפיס האבן זיך ארויפגעווארפן אויף בערקמאנען.
מען האט אים געשלאגן, פארטויבט מיט א האמער־קלאפ און
ארעסטירט.

די קאפיטאליסטישע פרעסע איז ווילד געווארן פון צארן.
מען האט געשריען, אז אויסלענדישע ראדיקאלן מאכן אומגליקלאך
דאס לאנד, אז מ'דארף זיי אויסראטן, פארשפארן אין טפיסעס
און ארויסשיקן פון לאנד.

אלעקסאנדער בערקמאנס שאס האט די ארבעטער קיין נוצן
ניט געבראכט, אין לאנד איז געווארן א שטארקע רעאקציע.
אים אליין האט מען פארמישפעט אויף 22 יאר טפיסע.

די אידישע „פּיאָנערן פון פרייהייט“ (אנאַרכיסטן), וועלכע זיינען געוועזן שטאַרק צווישן דעם ערשטן דאָר אידישע אַרבע־טער, נאָך דער העימאַרקעט טראַגעדיע, האָבן איצט גענומען ווערן שוואַכער. אַ טייל פון זיי האָט זיך אַרומגעזען, אַז די העלדישקייט פונ'ם איינצלנעם, דאָס אָפּראַמען פון וועג איינ־ציקע פאַרשטייער פון דעם קלאַס אונטערדריקער, וועט קיין אַל־געמיינע באַפרייאונג ניט ברענגען. זיי האָבן פאַרשטאַנען, אַז דער וועג צו פרייהייט, איז דער קאַמף פון אָרגאַניזירטע מאַסן אַנטקעגן דעם הערשער־קלאַס, מיט אַלע זיינע אינסטיטוציעס. די אַנאַרכיסטישע אָרגאַניזאַציע איז אונטערגעגאַנגען. זייער ציי־טונג, די „פרייע אַרבעטער שטימע“, האָט זיך דאַמאָלסט צייט־ווייליק פאַרמאַכט.

פ. קראַנץ, רעדאַקטאָר פון דעם „אָוונט־בלאַט“.

קאפיטל XXIV.

עמיגראנטן־מאסע צעגלידערט אין באזונדערע קלאסן. אידישע יוניאָנס ווערן א טייל פון דער אלגעמיינער יוניאָן־באוועגונג. א. פ. ל. און „ריטער פון ארבעט“. דעליאָן—פירער פון דער ס. ל. פ. „טרייד ענד יוניאָן עלייענס“. אָפּאָזיציע גרינדעט דעם „פאָרווערטס“. דעבס און די ס. פּ.

אין יאָר 1894 איז שוין ארויס אן ארבעטער טעגלאכע צייטונג: „דער אָוונט־בלאט“.

שטארק איז געוואָרן דער קויאך פון דעם אָרגאניזירטן אידישן ארבעטער. אָבער די אנדערע פארמעגלאכע קלאסן האָבן זיך אויך פארמערט און פארשטארקט.

פון די קליינע קאָנטראקטאָרס אין די שוויץ־שעפער זיינען אויסגעוואקסן באלעבאטים, אייגנטימער פון גרויסע פאבריקן. זיי האָבן אָנגעהויבן ארויסצושטופן פון דער נאָדל־אינדוסטריע די פריערדיקע דייטש־אידישע פאבריקאנטן און פארנעמען זייער אָרט. נאָך זיי איז געקומען דער אוילאָם קליינע קאָנטראקטאָרס, וועלכע האָבן געוואָלט שטייגן אויפ'ן רעכענונג פון זייערע ארבעטער און דערהויבן זיך ארויף.

א גרויסע מאסע אידישע פעדלער, שפייז־קרעמער און קליין־הענדלער איז אויסגעוואקסן אין די געדיכטע קווארטאלן פון דער איסט־סייד. זיי איז געווען פרעמד דער סאָציאליסטישער אידעאל. אָבער זייער דערפאָלג איז אָפּגעהאנגען פון דעם ארבעטערס וואוילזיין. דערפאר, אז ס'פלעגט קומען א צייט פון סטרייק, אָדער ארבעטסלאָזיקייט, האָבן זיי מיט'ן ארבעטער סימפאטיזירט.

די געבילדעטע סאָציאַליסטישע טרוימער האָבן זיך בּיסלאַכוויַיז גענומען אַרויסציען פון פאַבריק. זיי האָבן אויסגע־שטודירט און געוואָרן אינזשינערן, אַדוואָקאַטן אָדער דאָק־טוירים. אַ טייל פון זיי האָט זיך דערוויַיטערט פון אַרבעטער־קלאַס. אַן אַנדער טייל איז פאַרבליבן און פאַרנומען די עמטער פון שרייבער, פירער און באַצאָלטע אָנגעשטעלטע אין די אַרבעטער אָרגאַניזאַציעס.

די באַלעבאַטישע אידן האָבן געהאַט זייער ציַיטונג, דעם „טאָגעבלאַט". דאָרטן איז פרומקייט געגאַנגען צוזאַמען מיט אַרבעטער־סינאַ. מען האָט געשטערט דעם אַרבעטער־קאַמף און אָפּגעלאַכט פון זייַנע אידעאַלן. די טעגלאַכע ציַיטונג, „דער אָוונט־בלאַט", איז אַרויס אָפּענטפערן צוריק אין קאַמף.

די יוניאָנס, פאַראייניקט אין די „געווערקשאַפטן", זייַנען אין די ערשטע יאָרן (ווען דער אידישער אַרבעטער איז נאָך געווען גרין און פרעמד אין לאַנד) געווען אָפּגעזונדערט פון די אַמעריקאַנישע צענטראַלע אַרבעטער־פאַראיינען. די אידישע יוניאָנס, און אויך די דייטשע, זייַנען אויפגעבויט געוואָרן פון סאָציאַליסטן און געווען אָנגעזאַפּט מיט'ן סאָציאַליסטישן אידעאַל.

שפּעטער האָבן זיי שוין ניט געקאָנט בלייבן אָפּגעזונדערט. ס'לעבן האָט זיי געשטויסן צו ווערן אַ טייל פון דער אַלגעמיינער יוניאָן־באַוועגונג אין לאַנד.

ס'זייַנען געווען צוויי נאַציאָנאַלע פאַרבאַנדן פון יוניאָנס: דער אָרדן „ריטער פון אַרבעט" (נייטס אָוו לייבאָר) און די „אַמעריקאַנער אַרבעטס־פעדעראַציע" (אַמעריקען פעדערייישאָן אָוו לייבאָר) אָדער די א. פ. ל.

דער אָרדן „ריטער פון אַרבעט" איז געגרינדעט געוואָרן אין יאָר 1869, אין פילאַדעלפיע. ס'איז געווען אַ קליינע אָרגאַ־

ניזאציע פון צושניידער (קאטערס), וועלכע פלעגן זיך אין געהיים צונויפקלייבן און אָפּריכטן פארשידענע מיסטישע צערע־מאָניעס. אין יאָר 1878 איז דער אָרדן ארויס אין דער עפנט־לאַכקייט. ער האָט אָנגעהויבן אָרגאַניזירן ארבעטער פון פאר־שידענע פאכן און איז זיך גרויס צעוואקסן. אין יאָר 1886 האָט ער שוין אָרגאַניזירט 800,000 ארבעטער.

דער קאַפּיטאַליסטישער קלאַס איז דאַמאָלסט געווען יונג און קאַמפּס־לוסטיק. ער האָט זיך ערשט אָרגאַניזירט, אויסגעשטרעקט די הענט צו די אומבארירטע נאַטירלאַכע אויצרעס פון לאַנד און געוואָלט פארכאַפּן די גאַנצע וועלט פאר זיך. די ארבעטער „ריטער" זיינען אויך געווען פול מיט מוט. זייער אידעאַל איז געווען דער סאָציאַליסטישער. זיי האָבן אויך א גרויסן אנטייל גענומען אין דעם גרויסן קאַמף פאר'ן אכט־שאָאיקן ארבעטס־טאָג, אין יאָר 1886.

איין כיסאָרן האָט זייער אָרגאַניזאַציע געהאַט: די ארבעטער זיינען געווען אָרגאַניזירט ניט לויט די פאכן, נאָר לויט די שטעט, אין וועלכע זיי האָבן געוואוינט. ארבעטער פונ'ם זעל־ביקן פאך, אין פארשידענע שטעט, האָבן צווישן זיך קיין מאַגע־מאַסע ניט געהאַט, אין דער צייט, ווען זייערע באַלעבאַטים זיינען געווען צווישן זיך פאראייניקט איבער'ן גאַנצן לאַנד.

כוץ דעם זיינען די פירער פון אָרדן געשטאַנען ווייט פון די ארבעטער, און בלויז געהערשט איבער זיי. די צענטראַלע אָרגאַניזאַציע (גענעראַל אַסעמבלי) האָט געהאַט א רעכט אריינ־צומישן זיך אין די איניאָנים פון יעדער יוניאָן, ניט רעכענענדיק זיך מיט דער מיינונג פון די מיטגלידער און מיט זייער פארלאַנג.

די צווייטע אָרגאַניזאַציע, די א. פ. ל., איז געגרינדעט גע־וואָרן פונ'ם אידיש־האָלענדישן ציגאַרן־מאַכער סעמועל גאָמפּערס. די ערשטע צייט איז די א. פ. ל. אויך געווען רעוואָלוציאָנער און קאַמפּס־לוסטיק. זיי האָבן עס די ערשטע באַשטימט דעם טאָג

פון ערשטן מאי (יאָר 1886) פאַר אַן אָנפאַנג פון קאַמף פאַר׳ן אַכט־שטונדיקן אַרבעטס־טאָג. שפּעטער האָט דער ערשטער קאָנגרעס פון צווייטן סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל אָנגענומען דעם טאָג פאַר אַ יאָמטעוו פון׳ם אַרבעטער־קלאַס אויף דער גאַנצער וועלט.

שפּעטער איז די א. פ. ל. געוואָרן אַלץ קאָנסערוואַטיווער און אָפּגעשטאַנענער. די אַרבעטער זיינען געווען צעטיילט אין אָפּגעזונדערטע, שמאָלע פאַך־אָרגאַניזאַציעס. יעדער פאַך האָט געקעמפט בלויז פאַר זיינע אינטערעסן. יעדער יוניאָן האָט געזוכט פאַר זיך העכערע סכירעס און קירצערע אַרבעטס־שאָען; דעם קאַמף פון דעם גאַנצן אַרבעטער־קלאַס און זיינע אידעאַלן האָבן זיי אַרויסגעלאָזט פון אויג.

עס זיינען אויפגעקומען פירער, וועלכע האָבן דעם אַרבעטער־קאַמף געמאַכט פאַר אַ געשעפט, פון וועלכן זיי האָבן געצויגן פאַר זיך פּראָפיטן. אַ טייל פירער זיינען פאַרדאָרבן געוואָרן, זיי האָבן געמאַכט איין האַנט מיט די באַלעבאַטים און געטיילט זיך מיט זיי מיט׳ן רויב.

דער פירער פון דער אַמעריקאַנער סאָציאַליסטישער אַרבעטער פּאַרטיי (ס. ל. פּ.) דעניעל דעליאָן, האָט געדענקט, אַז די סאָציאַליסטישע יוניאָנס דאַרפן זיך אָפּזונדערן פון דער א. פ. ל. און גרינדן אַן אייגענעם פאַרבאַנד.

אַ דאַנק זיין אַגיטאַציע איז אַ גרויסער טייל אידישע יוניאָנס אַריינגעראָטן, אין יאָר 1894, אין דער ראַדיקאַלער „ריטער פון אַרבעט". אָבער ווען דעליאָן האָט אויך דאָרט דערזען אומערלאַכקייט און פאַרראַט, האָט ער גענומען בויען אַ באַזונדערן פאַרבאַנד פאַר די סאָציאַליסטישע יוניאָנס, דעם „סאָציאַליסטישן פאַך און אַרבעט פאַרבאַנד" (סאָשעליסט טרייד ענד לייבאָר עלייענס).

דעליאָן איז געווען אַ שטרענגער, איינגעשפּאַרטער, אויסגע־

האַלטענער און ערלאַכער סאָציאַליסט. זיינע געגנער, אויף וועלכע ער האָט געוואָרפן אַ פאַרדאַכט, אַז זיי זיינען ניט געטריי צום אַרבעטער קלאַס, האָט ער פאַרפאָלגט און געטריבן זיי פון די אַרבעטער־רייען.

ער האָט געהאַט אַ סאַך געגנער. אַנדערע האָבן געדענקט, אַז ער איז צו שטרענג, אַז דער בעסטער וועג פאַר די סאָציאַליסטן איז צו שטיין אין די אָפּגעשטאַנענע יוניאָנס און דאָרטן אַגיטירן פאַר זייערע אידעאַלן. („בויערן פון אינוועניק,“ האָט מען עס גערופן; דאָס ווערטל איז נאָך ביז איצט פאַרבליבן.)

די אידישע אַרבעטער צייטונגען זיינען געווען אַ טייל פון דער ס. ל. פּ. דער רעדאַקטאָר פון דעם „אָוונטבלאַט“ איז געווען פיליפּ קראַנץ. אַנדערע שרייבער און פירער זיינען געווען אומ־צופרידן מיט קראַנצן, מיט דעליאָנען און מיט דעם אויפן, ווי אַזוי עס ווערט געפירט די צייטונג. די אָנפירער פון דער אָפּאָזיציע זיינען געווען: אב. קאַהאַן (איצט רעדאַקטאָר פון „פאָר־ווערטס“), ל. מילער (נאָכדעם אַ רעדאַקטאָר פון אַ אידישער דעמאָקראַטישער צייטונג „די װאַרהייט“), דער „זיידע“ ווינ־טשעווסקי, און אַנדערע.

זייערע טייַנעס זיינען געווען פערזענלאַכע: אַנטקעגן דע־ליאָנען זיינען זיי געווען, ווייל ער איז צו שטרענג און פאַנאַטיש, און זיי האָבן געדענקט, אַז ער אונטערדריקט זיי און דערווייטערט זיי פון דער אַרבעט.

אַנטקעגן דער צייטונג זיינען זיי געווען, ווייל זיי האָבן גע־דענקט, אַז זי ווערט ניט געפירט גוט; אַז ווען מען לאָזט זיי צו צו דער פירערשאַפט, וואָלטן זיי איינגעפירט אַזעלכע מעטאָדן, וואָס וואָלטן די צייטונג געמאַכט פאַר אַ דערפאָלג. זייער פאָדערונג איז געווען, אַז די פאַרוואַלטונג פון דער צייטונג, וואָס איז געווען אין די הענט פון אַן אויסגאַבן־געזעלשאַפט (פּאַבלישינג אַסאָסיאיישאַן) זאָל איבערגעגעבן ווערן צום גאַנצן „פאָלק“.

אין יאָר 1897 האָבן זיי פאַרלאָזן דעם „אָוונטבלאַט" און גע־גרינדעט זייער אייגענע צייטונג, דעם „פאָרווערטס".

די אָפּגעטיילטע גרופּע איז צוגעשטאַנען צו דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי פון אַמעריקע (ס. ד. א.), וואָס דעבס האָט דאַמאָלסט געגרינדעט.

דעבס איז געווען אַ פירער פון דער אייזנבאַן־אַרבעטער יוניאָן אין די דאָרעם־שטאַטן. יונגערהייט איז ער אַליין געווען אַן אינזשינער אויף אַ באַן. אין יאָר 1894 האָט אויסגעבראָכן אַ סטרייק אין דער פּולמאַן קאָמפּאַניע (וואו ס'ווערן אויס־געאַרבעט די געפּוצטע שלאָף־וואַגאָנעס פאַר די רייכע). די אַר־בעטער האָבן געהערט צו דער באַן־אַרבעטער יוניאָן, וועלכע איז געווען געבויט אויף אַן אינדוסטריעלן אופן און איז ניט געווען פאַרבונדן מיט דער א. פ. ל. אַז דעבס איז געקומען צום קאַפּי־טאַליסט פּולמאַנען, פאַרשלאָגן אים „אַרביטריישאָן" (איבערגעבן דעם סיכסאָך צו בוירערים), האָט אים יענער האָזעדיק געענט־פערט: „נאַטינג טו אַרביטרייט" (ניטאָ וואָס צו שליכטן).

די יוניאָן האָט אַרויסגערופן אַ גענעראַל־סטרייק אויף אַלע באַנען. דער דאַמאָלסטדיקער פּרעזידענט ג. קליוולאַנד, האָט געשיקט סאָלדאַטן אין דער סטרייק־געגנט. די ריכטער האָבן אַרויסגעגעבן אינדזשאָנקשאָנס (געריכטלאַכע באַפעלן) אַנטקעגן די סטרייק־פירער. דעבס, און זיינע כאַווירים, האָבן די „אינ־דזשאָנקשאָנס" ניט אויסגעפאָלגט, זיינען זיי אַרעסטירט געוואָרן; מען האָט זיי פאַרשיקט אין טפיסע.

זיצנדיק אין טורמע, האָט דעבס געשטודירט די סאָציאַליס־טישע לערע; דאָרטן האָט ער, מיט זיינע כאַווירים, אויך אויס־געאַרבעט אַ פּלאַן פאַר דער נייער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי (ס. ד. א.), וואָס האָט צווישן אַנדערע אַרבעטן, אויך געדאַרפט גרינדן קאָמוניסטישע קאָלאָניעס. דעבסעס טרוימען האָבן דער־מאָנט די כאַלוימעס פון די אַם־אוילאָמניקעס אין יאָר 1882.

שפּעטער האָט זיך פון דער ס. ל. פּ אָפּגעטיילט נאָך אַ

גרופּע. זיי זיינען געווען אומצופרידן מיט די „עלייענס“ יוניאָנס, וואָס דעליאָן האָט געבויט. דעליאָן האָט די אָפּגעריסענע גרופּעס א צונעמעניש געגעבן: „קענגורוס“ (שפּרינגער).

אַלע גרופּעס האָבן זיך שפּעטער פאַרייניקט און געגרינדעט די ס. פּ. (סאָציאַליסטישע פּאַרטיי).

דעליאָן איז געבליבן אַ פירער פון אַ קליינער אָפּגעשוואַכטער פּאַרטיי. דער „אָוונטבלאַט“ איז אונטערגעגאַנגען. אין „פאָרווערטס“ זיינען איינגעפירט געוואָרן די נייע מעטאָדן, וואָס האָבן די צייטונג געדאַרפט מאַכן פאַר אַ דערפאָלג. די מעטאָדן זיינען געווען: ביליקייט, שרייענדיקייט, אַרונטערלאָזן זיך צום אומוויסנדיקן „פאָלק“, אנשטאָט אים צו פירן און דערהויבן. די צייטונג האָט טאַקע געוואונען אַ סאַך לעזער, אָבער איר סאָציאַליסטישע נעשאָמע האָט געקרענקט און געליטן.

דעליאָן איז געשטאָרבן אין יאָר 1912.



דעניעל דעליאָן

קאַפּיטל .XXV

די מילכאָמע צווישן די פאַרייניקטע שטאַטן און שפּאַניע. קישינעווער פּאָגראָם. פּעטיציעס, הילף־זאַמלונגען און פּראָטעסט־דעמאָנסטראַציעס. רעוואָלוציע, קאָנטר־רעוואָלוציע און אידישע פּאָגראָמען אין רוסלאַנד, אין יאָר 1905. די עמיגראַציע פון מיזראַך־אייראָפּע שטייגט.

ווען ס'האָט אויסגעבראָכן די מילכאָמע צווישן די פאַראייניקטע שטאַטן און שפּאַניע אין יאָר 1898, זיינען שוין דאָ געווען אין לאַנד (אַ כוץ די ספּאַרדים און יאַהודים) אַן ערעך אַ מיליאָן אידן, אָנגעקומענע אַהער אין די לעצטע צוויי צענדליק יאָר. אַ פיר טויזנט אידן האָבן זיך באַטייליקט אין דער מילכאָמע; אַ טייל איז געגאַנגען צוליב סענטימענטאַלע אורזאַכן: ס'האָט זיי באַגייסטערט צו גיין שלאָגן זיך אָנטקעגן אַ לאַנד, וואָס האָט אַרויסגעטריבן די אידן מיט אַ פיר הונדערט יאָר צוריק.

דער געשריי: „געדענקט די „מיין"! (אַן אַמעריקאַנער קריגס־שיף, וואָס איז אויפגעריסן געוואָרן אינ'ם האַפן פון האַוואַנאַ און 300 מאַטראָסן זיינען געהאַרגעט געוואָרן; געזאָגט האָט מען, אַז די שפּאַניער האָבן עס געטאָן, כאָטש קיין באַווייזן זיינען נאָך ביז היינט ניטאָ.) האָט פאַרכאַפּט אַ סאַך לייכטגלויביקע מענטשן, וועלכע האָבן זיך פריייוויליק פאַרשריבן אין דער אַרמיי. צווישן זיי זיינען געווען אַזעלכע, וועלכע האָבן דורכגעמאַכט געצוואונגענע מיליטער־דינסט ביים צאַר; איצט האָט זיי האַנאָע געטאָן, וואָס זיי זיינען „פרייע" מענטשן און זיי גייען זיך שלאָגן מיט'ן אייגענעם ווילן, אָן דעם צאַרס צוואַנג.

די מילכאָמע איז געווען אַ קורצע. די שפּאַניער האָבן געליטן אַ מאַפּאָלע. דער אינזל קובא איז באַפרייט געוואָרן פון שפּאַנישן יאָך און איז אונטערגעפאַלן אונטער'ן אויפזיכט פון די פאַראייניקטע שטאַטן. די אַמעריקאַנער האָבן אויך פאַרנומען די אינזלען פּאָרטאָ־ריקאָ און גוויאַן און די פיליפּינער אינזלען אויפ'ן פּאַסיפישן יאַם.

די קאַפּיטאַליסטן האָבן דאַמאַלסט פאַרשלונגען אַ געשמאַקן ביסן. ס'איז אָנגעקומען אויך דאָ אין לאַנד דער פּעריאָד פון אימפּעריאַליזם, פון וועלט־באַהערשונג און קאָלאָניע־פאַרכאַפּונג, וואָס איז אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר אַלע קאַפּיטאַליסטישע מעדינעס ביז היינטיקן טאָג.

אַ שטאַרקן איינדרוק האָט, מיט פינף יאָר שפּעטער, געמאַכט אויף די אידישע מאַסן די יעדיע וועגן קישינעווער פּאָגראָם.

מענטשן, וועלכע האָבן זיך ניט לאַנג צוריק אַליין ארויסגעראַטעוועט פון'ם צאַרס נעגל, זיינען אויפגעציטערט געוואָרן פון די בלוטיקע נייעס, אַז דריי טעג נאָכאַנאַנד האָבן כוליגאַנעס, מיט דער הילף פון דעם צאַר'ס באַאַמטע, גערויבט און געקוילעט אָן אומבאַשיצטע אידישע באַפעלקערונג, וועלכע האָט זיך באַהאַלטן אין קעלערס און אויף דעכער פון שרעק. די קאָרבאָנעס זיינען געווען: 45 דערהאַרגעטע, 86 שווער פאַרוואונדעטע, ביז 500 לייכט פאַרוואונדעטע און 1500 הייזער זיינען געוואָרן צעשטערט און צעראַבירט. געליטן האָט מייסטנס די אָרימע באַפעלקערונג, ווייל די רייכע אידן האָבן זיך געקאָנט אָפּקויפן ביי דער פּאָליציי פאַר געלט.

די נייעס האָבן מיט אַ כווישעך צוגעדעקט די אָרימע אידישע קוואַרטאַלן פון דער ניו־יאָרקער איסט־סייד.

אין אַ סאַך שטעט זיינען אָפּגעהאַלטן געוואָרן פּראָטעסט־מיטינגען און פּאַראַדן; ס'איז אָרגאַניזירט געוואָרן אַ געלט־

זאמלונג לעטוויועס די פאגראם־געליטענע און יעסוימים, אויף וועלכער די מאסן האבן זיך אפגערופן מיט א ברייטער האנט.

גיט די מייסים אויף טאכריכים,
און די הונגעריקע — ברויט.

אזוי האט דאמאלסט געשריבן, אין א ליד פאר די פאגראם־געליטענע, דער פאעט ש. ש. פרוג. די אידן אין אמעריקע, רייך און ארים, האבן זיך אריינגעווארפן אין דער ארבעט, קלייבן געלט אויף טאכריכים און אויף ברויט.

אויך די רייכע יאהודים האבן זיך דאמאלסט דערוואריעמט. דאס ראכמאנעס־געפיל צו די ווייטע ארימע „ברידער" און די שרעק פאר א נייער גרויסער איינוואנדערונג האט זיי ארויסגערופן אנטייל צו נעמען אין דער הילפס־ארבעט און מישטאדל זיין זיך ביי דער אמעריקאנער רעגירונג, זי זאל עפעס טאן.

אזוי האט דער מעלוכע־סעקרעטאר (סעקרעטערי אוו סטייט) העי אנגעפרעגט זיך ביים אמעריקאנער אמבאסאדאר אין סט. פעטערבורג (איצט לענינגראד) מיט וואס קאנען די אמעריקאנער פריינט צוהילף קומען די געליטענע קישיניעווער אידן? דער אמבאסאדאר האט צוריק געענטפערט, אז לויט די אפיציעלע יעדיעס, איז קיין שום ספעציעלע נויט און ליידן ניטא און הילף איז איבעריק.

דער ארדן „בניי בריס" (ארגאניזירט פון די דייטשע אידן) האט דאמאלסט אויך צונויפגעשטעלט א פעטיציע אויפ'ן נאמען פון צאר, מיט העכער 12,000 כסימעס. זיי האבן דעם בלוטיקן צאר געבעטן, אז „ער, דער קעניג פון פרידן, זאל צוגעבן נייעם פראכט צו זיין הערשאפט און איינשטעלן שאלעם און אויסראטן רעליגיע־פארפאלגונג פון זיין לאנד". זיי האבן עפשער ניט פארשטאנען, אז דער צאר האט אויסגענוצט אידיש בלוט צו פארלעשן די רעוואלוציע־פלאמען, וואס האבן אויפגעפלאקערט ביי

אים אין לאַנד. דער דאַמאָלסטדיקער פּרעזידענט רוזוועלט האָט מאַסקים געווען איבערשיקן די פּעטיציע צום קייסער, וועלכער האָט זיך אָפּגעזאָגט צונעמען דעם דאָקומענט. די פּעטיציע ליגט איצט אין אַרכיוו פון מעלוכע דעפּאַרמענט אין וואַשינגטאָן

די אַמעריקאַנער געלע צייטונגען האָבן אויסגענוצט דעם אידישן אומגליק פאַר ווילדע סענסאַציעס, אין וועלכע זיי האָבן צעשמירט און נאָך איבערגעטריבן די געשעענישן אויף יענער זייט יאַם. די אידישע צייטונגען זיינען אויך ניט אָפּגעשטאַנען. די אידישע מאַסן, וועלכע האָבן איבערגעלאָזן אין דער אַלטער היים קרויווים און מישפּאָכעס, זיינען געווען אויף טויט צע־שראָקן. זיי האָבן זיך געאיילט אַרויסשיקן שיפסקאַרטן, אַרויס־ראַטעווען זייערע פאַמיליעס פונ׳ם בלוטיקן לאַנד.

די אימיגראַציע האָט זיך גענעבן אַ הויב אויף; מיט צוויי יאָר שפּעטער, אין יאָר 1905, איז אָנגעקומען פון צאַרם לאַנד די נייעס וועגן אַ גאַנצער ריי פּאָגראָמען אין שטעט און שטעטלאַך, וואָס האָבן דורכגעווייקט די אַדיישע טשערטאַ אין רוסלאַנד מיט בלוט. דאָס איז געווען אַן ענטפער אויף דער קאָנסטיטוציע און פרייהייט־רעפאָרמען, וואָס די רוסישע מאַסן האָבן דאַמאָלסט אַרויסגעשלעפּט פון זייער צאַר מיט גוואַלט.

ווייטער האָט זיך די אידישע איסט־סייד אין ניו־יאָרק, דער צענטער פון דער אידישער באַפעלקערונג, אָנגעטאָן אין כווישאַך און די מאַסן האָבן זיך געלאָזט אויפ׳ן גאַס אויסדריקן זייערע פּראָטעסט־געפילן.

דעם 7טן אָקטאָבער, אין יאָר 1905, איז אין ניו־יאָרק איינגעאָרדנט געוואָרן אַ טרויער־פּראָצעסיע, אין וועלכער 40,000 אַרבעטער האָבן מאַרשירט. דעם 4טן דעצעמבער איז פאָרגע־קומען נאָך אַ גרעסערע פּראָטעסט דעמאָנסטראַציע (פון 100,000 מענטשן), אַראַנזשירט פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. דעם

22טן יאנואר, 1906, איז פאָרגעקומען אַ גרויסער פּאראַד צום אָנדענק פון די רוסישע רעוואָלוציאָנערע ארבעטער, וואָס זיינען געפאלן אין דעם טאָג פון רויטן זונטיק, דעם 22טן יאנואר, 1905.

אויף אַ סאך אידישע ראדיקאלן האָבן די פּאָגראָמען אָנגעוואָרפן אַ מאָרע־שכוירע. זיי האָבן פארלאָרן דעם גלויבן אין מענטשן און אויפגעגעבן זייערע האָפענונגען אויפ'ן זיג פון דעם אַרבעטער־קלאַס און דעם אָנקום פון דער סאָציאַליסטישער וועלט. זיי זיינען צוגעשטאַנען (ווי די בילו גרופּן אין 1881) צו דער אידישער נאַציאָנאַליסטישער באוועגונג, די ציאָניסטן, וועלכע האָבן געשטרעבט אויפצובויען אין פּאַלעסטינע אַ באַזונדערע אידישע היים.

די אימיגראציע קיין אַמעריקע האָט זיך צוליב די געשעענישן געגעבן אַ שפּרונג ארויף.

די אייראָפּייאישע האַפן־שטעט זיינען געווען געפּאַקט מיט פרויען, קינדער און אַלטע לייט, וועלכע זיינען געלאָפן אין דער נייער וועלט. פאַר צוויי יאָר, פון מיטן 1905 ביז 1907, זיינען אין אַמעריקע אריינגעקומען נייע 240,000 אימיגראַנטן. אַ זעלטען בילד פון יענער עמיגראַציע־בעהאָלע און אירע ליידן און אַפּקומעניש קאָן מען געפינען אין דעם בוך „מאָטל פּייסי דעם כאַזנס", פון שאָלעם אַלייכעם'ן.

דער נייער אימיגראַנט, געקומען פון אַ לאַנד, אין וועלכן עס האָט געפלאַקערט די רעוואָלוציע, האָט זיך שטארק אונטערשיידט פון דעם אימיגראַנט פון די פריערדיקע יאָרן. ער האָט געבראַכט מיט זיך עפּעס זיינס, אייגנארטיקס, וואָס האָט שטארק געווירקט אויף דעם אַלטן אישעוו און אָפּגעפרישט אים מיט אַ נייעם שטראָם קאָכיק בלוט.

איידער מיר וועלן דערציילן וועגן די נייע פּאַסירונגען אין אַמעריקע, וועלן מיר אין קורצן איבערגעבן דאָס לעבן און די געשעענישן אין רוסלאַנד פון יענער צייט.

קאפיטל XXVI.

די פאסירונגען אין רוסלאנד פון יאר 1881 ביז 1905.

נאכ'ן יאר 1881 איז די אידישע לאגע אין רוסלאנד געװארן ערגער און ערגער. די רעגירונג האט געטריבן די הענדלער און באלעמעלאכעס פון די רוסישע שטעט, מען האט ניט צוגעלאזן זייערע קינדער צו שטודירן אין די רוסישע שולן, מען האט פארבאטן אידן צו װאוינען אין די דערפער און מען האט ארגאניזירט דעם אומװיסנדיקן המון צו שלאגן און רױבען די אידישע באפעלקערונג.

א סאך זעלבסטשטענדיקע הענדלער און באלעמעלאכעס זיינען רואינירט געװארן. אנדערע האבן שױן ניט געקאנט אנהאלטן זייערע אייגענע װארשטאטן און געמוזט אװעק ארבעטן צו פרעמדע. עס האט זיך באװיזן אין דער טשערטא א קלאס אידישע ארבעטער, פראלעטאריער, װאס פארמאגט קיין זאך ניט, אויסער זיין ארבעטס־קראפט און װאס דער װעג צו זיין באפרייאונג איז — דער סאציאליזם.

ס'באװייזן זיך אין די אידישע שטעט ארגאניזירטע ארבעטער־גרופן. די גרופן זיינען נאך קליין. די גרויסע מאסן ארבעטער שטייען אן א זייט. דער סאציאליזם איז זיי פרעמד, קאמף איז פאר זיי א נייע זאך. די לערער פון דער אלטער פרומער װעלט האבן אין זיי איינגעפלאנצט אונטערטעניקייט און מוירע.

די פירער זוכן מיטלען װי אזוי צו געװינען די מאסן. עס װערן געשאפן „קאסעס", װאס דארפן ארויסהעלפן דעם אר־

בעטער אין צייט פון ארבעטסלאזיקייט אדער קראנקהייט. ס'ווערן ארגאניזירט די ערשטע סטרייקס. אז ס'קומט א סטרייק, שטעלט זיך די רעגירונג אויפ'ן צאד פון די באלעבאטים. דאס האט שוין געפירט צו דעם, אז דער ארבעטער זאל איינזען די נויטיקייט פון א קאמף מיט'ן צאר.

אין יאר 1892 האבן שוין אידישע ארבעטער אין דער שטאט ווילנע געפייערט באהאלטענערהייט, אין א וואלד, דעם יאמטעף פונ'ם ערשטן מאי.

די פירער ווילן לערנען מיט'ן ארבעטער און אויפקלערן אים די סאציאליסטישע געדאנקען. די רוסישע רעגירונג דערלויבט ניט צו דרוקן קיין ארבעטער־ליטעראטור; פלעגט מען זיך באנוצן מיט די סאציאליסטישע צייטונגען, וועלכע זיינען געדרוקט געווארן אין אמעריקע, ווי די „ארבעטער צייטונג" און די „צוקונפט". מען פלעגט אויך אריינפירן באהאלטענערהייט ביכלאך, וואס זיינען געדרוקט געווארן אין אויסלאנד.

אין יאר 1895 ווערן ארגאניזירט די אידישע בערשטער־ארבעטער, די וועבער און פאפיראסן־מאכער. אין יענעם יאר האט אויסגעבראכן א סטרייק פון פאפיראסן־ארבעטער אין דער שטאט ווילנע. דער באלעבאס האט אראפגעבראכט סטרייק־ברעכער. ער האט גענומען צו הילף די פאליציי און האט פארופן די סטרייקערס אין שול, וואו דער פרומער שטאט־מאגיד, האט זיי שטארק געמוסערט, אז זיי פארשעמען דעם אידישן נאמען. (ווייל, וואס הייסט? אידן קריגן זיך און קעמפן איינער אנטקעגן דעם אנדערן...) די ארבעטער האבן אים אויסגעפייפט און דער סטרייק האט זיי קלאר באוויזן, אז דער באלעבאס, די רעגירונג און אויך דער ראוו גייען אלע צוזאמען צו באשיצן די איצטיקע געזעלשאפט.

די אויסלענדישע ליטעראטור באפרידיקט ניט גענוג דעם

אויפגעוואכטן ארבעטער. מען האָט געמוזט האָבן אַן אייגענע אונטערערדישע צייטונג. ס'איז געווען אַ ריזיקאַלישע אונטערנע־מונג, ווייל פאַר דרוקן אומלעגאַלע ליטעראַטור האָט געקומט אַ סאַך יאָרן פאַרשיקונג אין סיביר און טפיסע. מיט אַ סאַך אָנשטרענגונג און געוואַגטקייט איז אַזאַ דרוקעריי געגרינדעט געוואָרן. ס'איז אָפּגעדרוקט געוואָרן דער ערשטער נומער פון אַן אונטערערדישער אידישער סאָציאַליסטישער צייטונג, „די ארבעטער שטימע".

אין יאָר 1897 איז געגרינדעט געוואָרן די אידישע רעוואָ־לוציאָנערע פאַרטיי פון דעם „בונד".

אין דעם זעלביקן יאָר, ווען אין דער שווייצארישער שטאָט באַזעל איז מיט גרויס פּאַראַד דערעפנט געוואָרן דער ערשטער ציאָניסטישער קאָנגרעס, אויף וועלכן דער פירער, דר. הערצל, האָט צוזאַמען מיט אידישע כּאַשעווע און געלערנטע לייט, אויס־געאַרבעט אַ פּראָגראַם ווי אַזוי צו העלפן די אידן, דורך אויפ־בויען דאָס אַלטע לאַנד פּאַלעסטינע, ווען זיי האָבן דאָרט גע־מאַכט פּלענער ווי אַזוי צו קריגן ביי קעניגער און פירשטן הילף פאַר'ן ציאָניזם, זיינען זיך אויף אַן אַנדער פּלאַץ צונויפגעפאָרן 13 פאַרטרעטער פון אידישע ארבעטער־פאַראיינען און געגרינדעט דעם „בונד", וועלכער איז שפּעטער געוואָרן באַרימט מיט זיין העלדישן קאַמף אַנטקעגן דער רוסישער זעלבסטהערשאַפט, וואָס ער האָט געפירט צוזאַמען מיט אַלע ארבעטער פון לאַנד.

אין יאָר 1902 האָט דער אידישער שוסטער, הירש לעקערט, אַ מיטגליד פון „בונד", געשאָסן און פאַרוואונדעט דעם ווילנער גובערנאַטאָר, פאָן וואַל.

דאָס איז געווען אַ נעקאָמע־אַקט פאַר דער באַליידיקונג פון ארבעטער, ווען דער גובערנאַטאָר האָט געהייסן שמייסן, ווען זיי האָבן זיך באַטייליקט אין אַן ערשטער־מאַי דעמאָנסטראַ־

ציע. לעקערטס שאָס האָט ארויסגערופן שטאָלץ און באוואונדערונג צווישן די אידישע ארבעטער. צום ערשטן מאָל האָט דער אונטערדריקטער, פארשטויסענער אידישער ארבעטער אויפגע־הויבן דעם קאָפּ און אָפּגערעכנט זיך מיט זיינע פייניקער. לע־קערט איז פון א קריגס־געריכט פארמישפּעט געוואָרן צום טויט. מען האָט אים געהאנגען.

די רעוואָלוציאָנערע באוועגונג איבער'ן גאנצן לאנד האָט זיך דערווייל שטארק צעוואקסן.

ס'האָט אויסגעבראָכן דער קריג צווישן רוסלאנד און יאפּאַן אין יאָר 1904. די רוסישע מאסן זיינען געטריבן געוואָרן אויפ'ן שלאכטפעלד, ניט וויסנדיק פארוואָס און פאר ווען. די רעגירונג האָט געליטן א גרויסע מאפּאָלע.

די מילכאָמע האָט אלעמען אויפגעעפנט די אויגן. די נידעריקסטע און אָפּגעשטאנענסטע פון פאָלק האָבן דערזען די צעפוילטקייט און פארדאָרבנקייט פון דעם צארס רעגירונג. ס'האָט זיך א ריר געטאָן די ארמיי, ס'איז אויפגעשטאנען דער אר־בעטער־קלאס, איבער'ן גאנצן לאנד האָט זיך צעגאָסן א רויטע רעוואָלוציאָנערע כוואליע.

דער אלגעמיינער סטרייק פון די רוסישע־אייזנבאַן־אר־בעטער אין יאָר 1905 האָט ענדלאָך געבראָכן די איינגעשפּארט־קייט פונ'ם צאר. ער איז געצוואונגען געוועזן ארויסצולאָזן דעם מאניפעסט פון דעם 17טן אָקטאָבער און צוזאָגן דעם לאנד פרייהייטן און א קאָנסטיטוציע.

איין צארישע האנט האָט אונטערגעשריבן דעם פרייהייטס־מאניפעסט און מיט דער צווייטער זיינען אָרגאניזירט געוואָרן פּאָגראָמען, וועלכע האָבן דאָס לאנד, אין דעם טאָג פון דער קלוימערשטדיקער באפרייאונג, פארפלייצט מיט אידישן בלוט.

אָבער דער אידישער רעוואָלוציאָנער האָט שוין געלערנט אַ לעקציע פון קישיניעווער פּאָגראָם, און ער האָט זיך מער ניט באַהאַלטן אין קעלערס און אויף בוידימס. עס האָבן זיך אָרגאַניזירט זעלבסט־שוץ פאַראיינען; מיט געווער אין האַנט איז דער אידישער אַרבעטער, צוזאַמען מיט זיין כאַווער, דעם רוסישן רעוואָלוציאָנער, אַרויס אַנטקעגן דעם צאַרישן כוליגאַן.

אַ כוץ דעם „בונד", זיינען געווען נאָך אַנדערע אידישע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס.

אין יאָר 1900 איז אָרגאַניזירט געוואָרן די פּאַרטיי פּועלי ציאָן. זיי האָבן געדענקט, אַז אידישע אַרבעטער קאָנען אין די לענדער, וואו זיי וואוינען, ניט אַריין אין די גרויסע פאַבריקן, אַז דער סאָציאַליזם ביי אידן וועט איינגעפירט ווערן בלויז דאַן, ווען זיי וועלן אויפבויען פאַר זיך אַן אייגן לאַנד, אין פּאַלעסטינע. אין 1904 האָט זיך אָפּגעטיילט פון זיי אַ גרופּע ציאָניסטן־סאָציאַליסטן (אָדער ס. ס.) זייער אידעאַל איז געווען, אַז אידן זאָלן אויפבויען פאַר זיך אַ זעלבסטשטענדיק לאַנד ערגעץ וואו אין אַ ניט־באַזעצטער טעריטאָריע. אין יאָר 1906 איז געגרינדעט געוואָרן די פּאַרטיי „סערפּ" (אידישע סאָציאַליסטישע אַרבעטער פּאַרטיי), וועלכע האָט געפאָדערט סיימען, אָדער באַזונדערע נאַציאָנאַלע פּאַרלאַמענטן פאַר אַלע פעלקער פון דער צוקונפטדיקער באַפרייטער רוסלאַנד.

אַ סאַך אידישע אַרבעטער האָבן זיך ניט אָפּגעטיילט אין באַזונדערע פּאַרטייען; זיי זיינען געווען צוזאַמען מיט די רוסישע אַרבעטער צווישן די „באָלשעוויקעס", „מענשעוויקעס" און „עס־ער" און אויך אין דער פּוילישער אַרבעטער פּאַרטיי (פּ. פּ. ס.).

די רעוואָלוציע פון יאָר 1905 איז דורכגעפאַלן. דער אַרבעטער־קלאַס איז נאָך ניט געווען גענוג שטאַרק אָרגאַניזירט.

די רייכע קלאסן (וועלכע זיינען אין אנפאנג צוגעשטאנען צו דער רעוואלוציע) האבן זיך דערשראקן פאר'ן שאטן פון אר־בעטער־הערשאפט און זיי האבן שאלעם געשלאסן מיט'ן בלוטיקן צאר. די קאנטער־רעוואלוציע האט אויפגעהויבן איר שווארצן קאפ. די צונויפגערופענע פארלאמענטן (די ערשטע און די צווייטע דומא) האט די רעגירונג פאנאנדערגעטריבן. די ארבעטער־פאר־שטייער האט מען פארשיקט אין סיביר. די געגעבענע פרייהייטן האט מען צוריקגענומען מיט גוואלט. די אידישע טשערטא איז פארגאסן געווארן מיט בלוט, דורך פאגראמען ארגאניזירט פון פאליציי און דורכגעפירט מיט דער הילף פון סאלדאטן. איבער'ן לאנד האט מען פאנאנדערגעשיקט שטראף־עקספעדיציעס, וועלכע האבן גערוידעפט, געהאנגען און געשאסן די פאלקס־מאסן, אר־בעטער און פויערים, וועלכע האבן אין די פרייהייטס־טעג אויפגעהויבן די קעפ.

אין שווארצן אומעט האט זיך צוגעדעקט דאס לאנד. ס'האט זיך אפגעטאן דער מוט פון דעם העלדישסטן. שוואכע נאטורן האבן געזוכט א רעטונג אין זעלבסט־מארד. אנדערע זיינען אנט־לאפן פון קאמף און געזוכט צו לעבן בלויז פאר זיך אליין. אין לאנד איז אנגעקומען אן עקאנאמישער קריזיס, וועלכער האט געטריבן מאסן מענטשן אין אלע ווינקעלאך פון דער וועלט

נאך גרעסער ווי אין יאר 1881, האט דער אידישער עמי־גראנטן־שטראם זיך אוועקגעטראגן דורך אייראפע קיין אמעריקע. ווער ס'האט נאר געהאט א מעגלאכקייט, איז געלאפן אויף יענער זייט יאם. עטוואס שוואכער איז געווארן די עמיגראציע אין יאר 1907, צוליב דעם עקאנאמישן קריזיס אין אמעריקע.

קאפיטל XXVII.

די נייע אימיגראנטן לעבן דא מיט די רעוואלוציאנערע פאַסירונגען אין דער אלטער היים. סאציאליסטישע יוגנט ניט באפרידיקט מיט דער היגער ארבעטער-באוועגונג. רעוואלוציאנערן-געסט פון רוסלאנד. געשעענישן אין קאלאראדא מאכן א רוישעם אויף די אריבערגעקומענע ארבעטער.

די נייע אימיגראנטן זיינען געווען אין א סאך א בעסערער לאגע, איידער די אמאל אריבערגעקומענע. א כוץ פריינט און קרוויים, האבן זיי שוין דא געפונען ארגאניזאציעס פון לאנדסלייט, פארפונדעוועטע יוניאנס, אידישע צייטונגען און זשורנאלן, א אישעוו א פארצווייגטער און איינגעווארצלטער, וואס האט אריינגענומען דעם ניי-געקומענעם און געהאלפן אים שטעלן דעם ערשטן שריט אין א פרעמדן לאנד.

א טייל האט געהאט א געלעגנהייט אויסשפרייטן זיך אין פארשידענע שטעט פון די שטאטן, ווייל דער אידישער אישעוו איז שוין געווען אומעטום פארזייט.

אין די קאונטרי-שטעט האבן זיי געקאנט, מיט דער הילף פון פריער-אריבערגעקומענע, איבערגיין די שטופע פון פעדלען און אריינפאסן זיך אין דעם קלאס פון קליין-הענדלער, אין די גרעסערע שטעט זיינען זיי מייסטנס צוגעשטאנען צום ארבעטער-קלאס.

די יוגנט, וועלכע איז אקארשט געקומען פון א לאנד, אין וועלכן ס'האט געקאכט מיט אויפשטאנד, האט זיך ניט לייכט

געקאָנט צוגעוואוינען צום היגן אַרבעטער־לעבן, וואָס האָט זיי אויסגעוויזן צו זיין וואָכעדיק און קאַלט.

די אַרבעטער־צייטונג, דער „פאָרווערטס", אין געווען, ווי סראָוו אַמעריקאַנער גאַסן־צייטונגען, שרייענדיק און געל. דער רעדאַקטאָר, אַב. קאַהאַן (וועלכער האָט פריער געאַרבעט אין אַ קאַפּיטאַליסטישער ענגלישער צייטונג) האָט די מעטאָדן פון פלאַכקייט און סענסאַציעס אַריבערגעטראָגן אין דער סאָציאַליס־טישער וועלט. די אידישע שפּראַך איז געווען הפקר, דער סאָציאַליסטישער אינהאַלט—פלאַך. מען האָט געזוכט צו געווינען דעם אומוויסנדיקן און נאָכגעבן זיין געשמאַק. די צייטונג איז רייך געוואָרן און געקראָגן אַ סאַך לעזער, אָבער די סאָציאַליס־טישע נעשאָמע איז פון איר אַוועק.

אין די יוניאָנס האָט דער אימיגראַנט אויך קיין אָרט ניט געפונען: סאָציאַליסטיש אין נאָמען, שוואַך געבויט, ניט געניג פּערספּעקטיקט, האָבן די אידישע יוניאָנס שוין אויך געליטן פון די כעסרוינעס פון דער געוויינלאַכער אַמעריקאַנער יוניאָן, וואו די טעגלאַכע אינטערעסן זיינען די הויפּט־זאַך און דער אַר־בעטער־אידעאַל איז אָפּגעשטויסן אָן אַ זייט.

אַ סאַך אַריבערגעקומענע האָבן דאָ געלעבט מיט די זיכ־רוינעס פון דער אַלטער רעוואָלוציאָנערער היים. זיי האָבן זיך אָרגאַניזירט אין לאַנדסלייט־פאַראיינען, אונטערשטיצונגס־גרופּעס, גרופּעס פון „בונד", ס. ס. און אַנדערע פּאַרטייען. זייער צוועק איז געווען אויסהעלפן די כאַוויירים־רעוואָלוציאָנערן אין דער אַלטער היים מיט געלט.

די פּאַרטייען פון רוסלאַנד פלעגן אַהער שיקן דעלעגאַטן, אָנקניפּן פאַרבינדונגען צווישן דעם היגן אַרבעטער און דעם רוסישן אַרבעטער־קלאַס.

ס'איז אַהער געקומען דער באַרימטער שרייבער מאַקסים

גאָרקי. (ער האָט שפּעטער באַשריבן די קאַפּיטאַליסטישע אַמע־ריקע אין אַ דערציילונג מיט׳ן נאָמען „די מעלוכע פון געלן טייוול“). מען האָט אים אויפגענומען מיט גרויס קאָוועד, אָבער שפּעטער האָבן די געלע קאַפּיטאַליסטישע צייטונגען פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז זיין פרוי, מיט וועלכער ער איז געקומען, איז צו אים ניט פאַרבונדן דורך רעליגיעזע צערעמאָניעס. האָט מען אים אויסגעשלאָסן פון אַלע האָטעלן און דער באַלעבאַטישער כאַשעווער קלאַס האָט זיך פון אים אָפּגעקערט.

ס׳איז אַהער געקומען דער העלדישער רעוואָלוציאָנער גריי־גאָרי גערשוני, וועלכער איז אַנטלאָפן פון סיבירער קאַטאָרגע (וואוהין ער איז אויפ׳ן גאַנצן לעבן פאַרשיקט געוואָרן) באַ־האַלטנדיק זיך אין אַ פעסל קרויט. ער איז דאָ אויפגעטראָטן אויף גרויסע פאַרזאַמלונגען און באַגייסטערט דעם עולאָם פאַר דער רוסישער רעוואָלוציע.

דער „בונד“ האָט אויך אַהער געשיקט זיינע שלוכים. אַ טייל פון זיי איז, אין די שפּעטערדיקע רעאַקציע־יאָרן אין רוס־לאַנד, דאָ פאַרבליבן. עס איז אויך פאַרבליבן דער שעליאַך פון די ס. ר., דר. ח. זשיטלאָווסקי. ער האָט דאָ אַנטייל גענומען אין דער אַרבעט פון די ציאָניסטיש־סאָציאַליסטישע פּאַרטייען און האָט געפירט פּראָפּאַגאַנדע פאַר דער אידישער שפּראַך און קולטור.

די באַזונדערע גרופּעס האָבן אַרויסגעגעבן זייערע אייגענע צייט־שריפטן; זיי האָבן צווישן זיך געפירט דעבאַטעס און גע־לעבט אינגאַנצן מיט׳ן כאַלעם פון אַמאָליקן רוסישן לעבן, ווייל זיי האָבן זיך נאָך ניט גענוג איינגעוואָרצלט אין דער נייער היים.

אין יענער צייט זיינען אַהער געקומען אויף אַ באַזוך באַ־רימטע אידישע שרייבער פון אייראָפּע, ווי שאָלעם אַליינכעם. די נייע עמיגראַציע האָט אַהער אויך פאַרטראָגן געבילדעטע יונגע־לייט, וועלכע זיינען שוין ניט געווען אַזוי פאַרפרעמדט פון

אידיש, ווי די אינטעליגענטן פון אמאליקע יאָרן. דאָ האָבן זיי געפונען פאר זיך א פעלד, שוין צעאקערט פון פריערדיקע יאָרן. עס צעוואקסט זיך א פארצווייגטע אידישע ליטעראטור.

אין יאָר 1904 האָבן די אידישע ארבעטער איבערגעלעבט די בלוטיקע פאסירונגען אין די מעטאל־גרובן פון קאָלאָראדאָ און דאָס האָט אויף זיי געמאכט א שטארקן איינדרוק.

די מייריוו־פעדעראציע פון מעטאל־גרעבער (וועסטערן פע־דערײשאָן אָוו מײנערס) האָט ארויסגערופן אין די קאָלאָראדאָ זילבער־מינען א סטרייק פאר אן אכט־שטונדיקן ארבעטס־טאָג. די קאָמפּאניעס האָבן געבעטן הילף ביים גובערנאטאָר פון קאָ־לאָראדאָ־שטאַט און ער האָט געשטעלט די סטרייק־געגנטן אונטער קריגס־צושטאנד. דער ארמיי־קאָמאנדיר האָט אָנגעהויבן מיט ווילדער אכזאָריעס צו רוידעפן די סטרייקערס. עס זיינען פאר־פאָלגט געוואָרן ניט בלויז סטרייקערס און זייערע פאמיליעס, נאָר אויך אַלע זייטיקע, אויף וועמען עס איז געפאלן א כשאד, אז זיי זיינען אויף דעם ארבעטערס צאד.

דער סטרייק איז אונטערדריקט געוואָרן. פאר די באלע־באטים איז דאָס אָבער נאָך געווען ווייניק. זיי האָבן געוואָלט צעשמעטערן די גאנצע ארבעטער־יוניאָן, האָבן זיי געזוכט א געלעגנהייט פאָטער צו ווערן פון די פירער. אזא געלעגנהייט האָבן זיי אין גיכן געקראָגן.

אין יאָר 1905 איז אין דעם שכיינעסדיקן שטאַט איידאהאָ אויפגעריסן געוואָרן פון א באָמבע דער גאָווערנאָר. ווער עס האָט געוואָרפן די באָמבע וויים מען ניט ביז'ן היינטיקן טאָג, אָבער די קאָמפּאניעס האָבן געדונגען פאלשע איידעס און פארשפּרייט א קלאנג, אז מאָיער, הייוואוד און פעטיבאָון, די פירער פון מעטאל־גרעבער סטרייק, האָבן א האנט אין דעם גאָ־ווערנאָר'ס טויט. מען האָט זיי ארעסטירט אין קאָלאָראדאָ, אָבער, ווייל קיין באווייזן קעגן זיי זיינען ניט געווען, האָט מען

זיי אויף א געזעצלאכן אויפן ניט געקאנט ארויסגעבן פון איין שטאט צום צווייטן. האבן ביידע שטאט־רעגירונגען געמאכט א פארשווערונג: מען האט די ארעסטירטע קלוימערשט ארויסגע־גאנוועט פון דער דענוווערער טפיסע און זיי איבערגעפירט איבער'ן גרעניץ קיין איידאהא און דארטן האט מען זיי פארקלאגט אין מארד.

די ארבעטער האבן פראטעסטירט, געפאדערט יושער, זיי האבן אפילע אפעלירט צום העכסטן געריכט פון לאנד (סופרים קאורט). די ריכטער האבן געפאסקנט, אז מען האט טאקע ניט געטארט אויסליפערן די ארבעטער־פירער פון איין שטאט אין א צווייטן, אבער ווייבאלד ס'איז שוין אפגעטאן געווארן, איז קאשער, מעג מען זיי דארטן מישפעטן.

די מאיער־הייוואוד געשיכטע האט אויפגערודערט די אר־בעטער פון לאנד. זיי האבן דערזען וואס א קאפיטאליסטישע רעגירונג איז גרייט צו טאן אנטקעגן אירע ארבעטער־סאנים. אומעטום זיינען אפגעהאלטן געווארן גרויסע פראטעסט־מיטינגען. די אידישע ארבעטער אין ניו־יארק האבן א גרויסן אנטייל גע־נומען אין די פראטעסטן.

דער מישפעט האט זיך געצויגן 12 וואכן. הייוואוד האט זיך געשטעלט צום געריכט דער ערשטער. זיין אדוואקאט, דער בארימטער קלארענס דאראו, האט אויפגעדעקט די שווינדלען, וואס סאנים האבן באגאנגען אוועקצושיקן אן ארבעטער־פירער אויף דער טליע.

די פראטעסטן פון די ארבעטער האבן געווירקט. די דזשורי האט ארייגעבראכט אן אורטייל: „ניט שולדיק".

אביסל שפעטער זיינען אויך באפרייט געווארן די איבעריקע צוויי אנגעקלאגטע.

קאפיטל XXVIII.

גרינדונג פון דער א. וו. וו. זייער ארבעט צווישן די אידישע ארבעטער. דער קריזיס פון יאר 1907—1908.

די בלוטיקע פאסירונגען אין די זילבער־מינען פון קאָלאָראַדאָ האָבן איבערגעלאָזן אַ שטאַרקן איינדרוק אויף די באוואוסטזיניקע ראדיקאלע ארבעטער. עס איז אויסגעוואַקסן אַ שטאַרקע קעגנערשאַפט קעגן דער א. פ. ל. און אנטקעגן גאָמפּערסן, איר פירער. „מוטער" דזשאָנס, אַ באַרימטע יוניאָן־פירערן צווישן די מיינערס, וויליאַם הייוואוד, דער סעקרעטאַר פון דער דאָרעם פעדעראציע פון מיינערס, יודזשין וו. דעבס, דעניעל דעליאָן און נאָך אַנדערע האָבן אַרויסגעלאָזן אַ רוף פאַר אַ באַראַטונג, ווי אַזוי צו דערהויבן די אָפּגעשטאַנענע יוניאָן־באַוועגונג פון די אַמעריקאַנער ארבעטער.

די באַראַטונג האָט זיך אַרויסגעזאָגט אנטקעגן דער אַלטער טאַקטיק פון „בויערן אינוועניק" אין די אָפּגעשטאַנענע יוניאָנס. זי האָט פאַררופן אַ גרויסן ארבעטער־צוזאַמענפאָר אין דער שטאָט שיקאַגאָ, אין יאָר 1905. ס'זיינען געקומען דעלעגאַטן, פאָרשטייער פון 142,500 ארבעטער און ס'איז געגרינדעט געוואָרן אַ נייער פאַרבאַנד: „די אינדוסטריעלע ארבעטער פון דער וועלט" (אינדאַסטריעל וואָירקערס אָוו די וואָירלד) אָדער א. וו. וו.

די א. וו. וו. זיינען געווען אנטקעגן די אַלטע „קרעפט"־יוניאָנס, וואו ארבעטער פון יעדן פאַך זיינען איינגעטיילט באַזונדער. (אַזוי, לעמאָשל, זיינען שניידער איינגעטיילט אין באַזונדערע צווייגן: פּרעסער, רעק־מאַכער, וועסט־נייער, הויזן־

מאכער) און אלע צווייגן פונ׳ם זעלביקן פאך זיינען צווישן זיך זייער שוואך פארבונדן.

זיי האבן געטיינעט, אז איצט, ווען באלעבאטים זיינען צווישן זיך פארקניפט אין פארבאנדן און טראסטן, טארן די ארבעטער־ארגאניזאציעס אויך ניט זיין צעברעקלט. ארבעטער פון יעדן צווייג אין אן אינדוסטריע דארפן זיין פארבונדן אין איין אינדוסטריעלער יוניאן, און אלע יוניאנס צוזאמען — אין אן אינטערנאציאנאלער יוניאן פון דער גאנצער וועלט.

די א. וו. וו. האט אויך געקעמפט אנטקעגן איינפאכן (פיור ענד סימפל) יוניאניזם, וואס גאמפערס האט די ארבעטער גע־לערנט. אזא יוניאן־ארבעט ,וואס באשטייט בלויז אין סטרייקס און אפמאכן מיט די באלעבאטים פאר העכערע סכירעס און קעמפט ניט פאר׳ן סאציאליזם, און באטייליקט זיך ניט אין פאליטישן לעבן פון לאנד, איז א דערנידעריקונג פאר׳ן ארבע־טער־קלאס. אגעוו האבן זיך די אלטע יוניאן־פירער יע באטיי־ליקט אין פאליטיק. זיי האבן זיך בלויז אפגעקערט פון די אר־בעטער־פארטייען און געהאלפן די פארטייען פון די באלעבאטים, וועלכע האבן זיי צוגעזאגט גינסטיקע ארבעטער־געזעצן פאר אט דער הילף.

די א. וו. וו. זיינען געווען אנטקעגן דער סיסטעם פון קאנ־טראקטן מיט די באלעבאטים.

די יוניאנס פון דער א. פ. ל. האבן געשלאסן אפמאכן מיט די פאבריקאנטן אויף א באשטימטער צאל יארן. דאס האט געגעבן די באלעבאטים א געלעגנהייט אויסהיטן זיך פון א גענעראל־סטרייק אין א גאנצער אינדוסטריע. יעדער צווייג פון א יוניאן האט געהאט א באזונדערן אפמאך. די אפמאכן פלעגן זיך ענדיקן אין פארשידענע צייטן. אזוי קומט אויס, אז ווען איין טייל ארבעטער סטרייקט, איז דער צווייטער דא־

מאָלסט פאַרבונדן מיט אַן אָפּמאַך און ער קאָן ניט אויסנוצן זיין שאַרפסטן וואָפן: אַרבעטער סאָלידאַריטעט דורך אַ גענעראַל סטרייק.

די אידישע רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער, וועלכע זיינען גע־קומען אַהער אין די לעצטע יאָרן, אָנגעזאַפּט מיט'ן קאַמפּס־לוסט פון זייער אַלטער היים, זיינען פאַרכאַפּט געוואָרן פון דער נייער באַוועגונג. ווען עס האָבן זיך גענומען אָרגאַניזירן אַזעלכע יוניאָנס אין די אידישע פאַכן, זיינען זיי מיט באַגייסטערונג צוגעשטאַנען. עס זיינען אָרגאַניזירט געוואָרן א. וו. וו. יוניאָנס פון אידישע בעקער אַרבעטער, מאַנטל־נייער, אייזן־אַרבעטער, היטל־מאַכער און אַ סאַך אַנדערע.

אָבער די אַלטע אידישע יוניאָן־פירער, צוזאַמען מיט דער סאָציאַליסטישער צייטונג „פאָרווערטס", האָבן געקעמפּט אַנט־קעגן דער ראַדיקאַלער א. וו. וו., ניט געקוקט אויף דעם, וואָס צווישן די גרינדער פון דעם נייעם ראַדיקאַלן אַרבעטער־פאַרבאַנד איז געווען דעבס און אַנדערע איבערגעגעבענע סאָציאַליסטן.

זיי האָבן זיך געהאַלטן ביי זייער אַמאָליקן געדאַנק, אַז מען דאַרף ניט בויען קיין אָפּאָזיציאָנעלע יוניאָנס, אַז די אַרבעטער דאַרפן שטיין אין די אָפּגעשטאַנענע יוניאָנס און בויערן פון אינעווייניק.

די נייע יוניאָנס זיינען ניט געווען קיין דערפאָלג צווישן די אידישע אַרבעטער. זיי האָבן ניט געקאָנטביישטיין דעם קאַמף וואָס די אָרגאַניזירטע פירער צוזאַמען מיט דער סאָציאַליסטישער צייטונג, האָבן מיט אַלערליי מיטלען אַנטקעגן זיי געפירט. עס זיינען אויך אָנגעקומען די קריזיס־צייטן פון יאָר 1907 און האָבן די אַרבעט נאָך מער אָפּגעשוואַכט.

די א. וו. וו. האָבן אָנגעפירט גרויסע סטרייקס צווישן די וועבער. זיי האָבן אָרגאַניזירט די וואַנדערנדיקע אַרבעטער: גע־

הילץ־העקער (לאַמבער־דזשעקס), פּרוכט־קלייבער און שיף־אַר־בעטער. אין די יאָרן פון דער גרויסער וועלטמילכאָמע האָבן זיך די „וואָבלים" (א. וו. וו.) געשטעלט קעגן דער פּאַטריאָטישער קריג־מעשוגאַעס און זיי האָבן דערפאַר טייער באַצאָלט מיט זייער פרייהייט און לעבנס.

דער קריזיס אין די יאָרן 1907—1908 האָט אויסגעבראָכן פּלוצלונג, ווען דער דאַמאָלסטדיקער פּרעזידענט רוזוועלט האָט זיך געפּרואווט עטוואָס איינצוימען די אַפּעטיטן פון די שטאַרק־פאַנאַנדערגעוואַקסענע אַמעריקאַנער טראָסטן. די קאַפּיטאַליסטן האָבן אָפּגעשטעלט דעם גאַנג פון׳ם אינדוסטריעלן לעבן און די אָרימע מאַסן זיינען געווען דער ערשטער קאָרבן.

די אידישע אימיגראַנטן פון די לעצטע יאָרן האָבן אויך פאַרזוכט אַ קריזיס־טאַם, ווי די פריערדיקע איינוואַנדערער אין יאָר 1893. אַ סאַך זיינען געווען געצוואונגען צו קלאַפּן אין די טירן פון די צדאָקע־אַנשטאַלטן (יונייטעד היברו טשאַריטיס). אָבער די אַנשטאַלטן האָבן זיך באַלד צוגעשלאָסן: זיי האָבן ניט געקאָנט געבן אַזויפיל שטיצע, וויפיל ס׳האָט זיך אין יענער צייט געפאָדערט.

אין דער קריזיס־מעהומע זיינען אַ סאַך יוניאָנס אונטער־געגאַנגען. די אָפּגעשוואַכטע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס האָבן זיך גענומען צו דער אַרבעט פאַרלייכטערן דאָס לייד פון די הונגעריקע. זיי האָבן אויפגעעפנט אומזיסטע קיכן, זיי האָבן אָרגאַניזירט סטרייקס פאַר ביליגערע דירע־געלט, ס׳זיינען פאָרגעקומען גרויסע הונגער־דעמאָנסטראַציעס פון אַרבעטסלאָזע. אומעטום האָט די פּאָליציי פאַרפאָלגט די הונגעריקע דעמאָנסטראַנטן, ווייל זיי האָבן געשטערט די רו פון דער רייכער באַלעבאַטישער וועלט.

אין שיקאַגאָ איז די פּאָליציי באַפאַלן אַ מאַרש פון אַרבעטס־לאָזע מיט זייערע פאַמיליעס און פאַרגאָסן בלוט. די זעלביקע

זאך האט געטראפן אין פילאדעלפיע. אין ניו־יארק איז די פאליציי באפאלן א הונגער־מארש און האט זיך גרויזאם אפגערעכנט מיט די דעמאנסטראנטן, וועלכע האבן זיך צונויפגעקליבן אויף יוניאן סקווער, הערן די רעדעס פון זייערע סאציאליסטישע פירער.

עמיצער האט דארט געווארפן א באמבע, פון וועלכער איי־נער פון אוילאם איז געהארגעט געווארן און עטלאכע זיינען געווארן פארוואונדעט. די פאליציי האט ארעסטירט איינעם א פארוואונדעטן אידישן יונגנמאן, מיט'ן נאמען ז. זילבערשטיין (די באמבע האט אים אפגעריסן א האנט) און האט פארשפרייט א קלאנג, אז ער האט זיך מודיע געווען אין דעם פארברעכן.

דער ארעסטירטער ארבעטער האט די קלאנגען אפגעלייקנט. די פאליציי האט אים אין שפיטאל אזוי לאנג געפייניקט, ביז וואנען ער איז אויסגעגאנגען אונטער זייערע הענט פון הונגער.

דער קריזיס האט אנגעהאלטן א גאנצן יאר. נאכדעם האבן זיך די רעדער פונ'ם אינדוסטריעלן לעבן ווידער פאנאנדערגע־שוואונגען. ס'איז געקומען אן אויפלעבונג. די אידישע ארבעטער האבן צוריק געווארפן זיך אין קאמף. ס'האבן אויסגעבראכן גרויסע סטרייקס, וועלכע האבן אויפגערודערט דאס לעבן פון די אידישע מאסן.

קאַפּיטל XXIX.

דער אַמעריקאַנער־אידישער קאָמיטעט ווירקט אויף דער וואַשינגטאָנער רעגירונג אָפּצוברעכן דעם האַנדלס־אָפּמאַך מיט רוסלאַנד.

אין דער צייט, ווען די אידישע אַרבעטער אין רוסלאַנד האָבן, צוזאַמען מיט אַלע אונטערדריקטע פעלקער־מאַסן, געקעמפט פאַר זייער באַפרייאונג און די אַריבערגעקומענע אין אַמעריקע האָבן זיי געהאָלפן מיט אַלע מעגלאַכקייטן, און דאָס האָרץ האָט געשלאָגן איינס מיט די כאַוויירים, וואָס זיינען דאָרט פאַרבליבן, האָבן זיך די רייכע יאַהודים אויך אַריינגעמישט אין דעם קאַמף אַנטקעגן די אידן־פאַרפאָלגונגען פון דער צאַרישער רעגירונג.

אין יאָר 1906 איז אין ניו־יאָרק געגרינדעט געוואָרן דער אַמעריקאַנער־אידישער קאָמיטעט, וועלכער האָט שפּעטער גע־עפנט אָפּטיילונגען אויך אין אַנדערע שטעט פון לאַנד.

דער קאָמיטעט איז באַשטאַנען פון באַנקירן, ריכטער, אַד־וואָקאַטן און גרויסע סאָכרים. זייער ציל איז געווען מישטאַדל זיין זיך ביי דער אַמעריקאַנער רעגירונג, זי זאָל ווירקן אויפ׳ן רוסישן צאַר, אַז ער זאָל אידן געבן גלייכבאַרעכטיקונג מיט אַלע איבעריקע בירגער און ער זאָל אָפּשטעלן פּאָגראָמען און רעלי־גיעזע פאַרפאָלגונגען. זיי האָבן אויך אָרגאַניזירט געלט־הילף זאַמלונגען פאַר די געליטענע פון פּאָגראָמען.

צו הילף האָבן זיי גערופן אַלע גוטהאַרציקע פּראָמינענטע מענטשן פון לאַנד: גאַלאָכים, ריכטער, קאָנגרעסלייט און סענאַ־טאָרן. זיי האָבן זיך אויך געווענדט צו די פּאָליטישנס אין יענע

גענגנטן, וואו ס'האבן געוואוינט גרויסע אידישע מאסן (די פאליטישנס האבן געהאט אן אויג אויף די אידישע שטימען אין וואל־טאג). זיי האבן אוועקגעשטעלט אויפ'ן טאג־ארדנונג אין קאנגרעס די רוסישע פאספארטן־פראגע.

צווישן רוסלאנד און אמעריקע האט עקזיסטירט א האנדלס־אפמאך, אונטערגעשריבן אין יאר 1832. דער אפמאך איז געווען, אז בירגער פוןביידע צדדים האבן גלייכע רעכט ביים אריבער־פארן פון איין לאנד אין דעם צווייטן. אין די ערשטע יארן זיינען אמעריקאנער אידן זעלטן געפארן קיין רוסלאנד און קיין צוזא־מענשטויסן צווישן ביידע רעגירונגען זיינען ניט פארגעקומען. אבער שפעטער, ווען ס'זיינען שוין געווען מער אידישע באלאנים אויף א רייזע קיין רוסלאנד, האבן זיי זיך אנגעשטויסן אויף גרויסע שוועריקייטן: אירע געוועזענע בירגער (וועלכע האבן זיך נאטוראליזירט אין אמעריקע) האט זיך די רוסישע רעגירונג אינ־גאנצן אפגעזאגט אריינצולאזן. און די יאהודים (וועלכע האבן שוין געקראגן א דערלויבעניש צו פארבלייבן אין רוסלאנד א קורצע צייט) זיינען דארט פארוואנדלט געווארן אין מענטשן אן רעכט: זיי האבן ניט געטארט פארן אויסער דער טשערטא, ניט געטארט האבן קיין לאנד־אייגנטום און נאך אנדערע באגרעניצונ־גען. דערמיט איז געבראכן געווארן דער אפמאך פון 1832.

די וואשינגטאנער רעגירונג האט געפאדערט פון איר אמ־באסאדאר אין פעטערבורג (איצט לענינגראד), אז ער זאל דארט דורכקומען מיט'ן צאר און אויסגלייכן דאס רעכט פון אלע אמעריקאנער בירגער. אבער דער ענטפער איז געווען, אז ס'איז ניטא קיין האפענונג, ווייל די רוסישע רעגירונג איז אין דעם פאל שטייף און פאראקשנט. ווען א רוסישער מיניסטער (גראף וויטע) איז אין יאר 1905 אהער געקומען שליסן דעם רוסיש־יאפאנעזישן שאלעם־אפמאך אין דער שטאט פארטסמוט (רוזוועלט האט זיך דאמאלסט אריינגעמישט און איינגעלאדן ביידע מילכאמע־

צדאָדים אויף שאָלעם־אונטערהאנדלונגען), האָט דער פּרעזידענט אים געבעטן, אַז ער זאָל זיך אַריינמישן אין דעם איניען צו שליכטן די פּאַספּאָרטן־פראַגע, אָבער קיין שום רעזולטאַטן האָט עס ניט געבראַכט.

איין פאַל פון רוסלאַנדס מיעסער האַנדלונג האָט דאַמאָלסט אויפגערייצט די אַמעריקאַנער רעגירונגס־וועלט:

אָסקאַר שטראַוס, אַ מיניסטער פון האַנדל און אַרבעט, האָט געוואָלט באַזוכן רוסלאַנד. אויף זיין אָנפראַגע אין פּעטערבורג, האָט מען אים דערלויבט צו קומען, אָבער בלויז אויף אַ באַגרעניצטער קורצער צייט. ער האָט זיך אינגאַנצן אָפּגעזאָגט פון דער רייזע. ער האָט זיך באַליידיקט, וואָס אים, אַ רעגירונגס־באַאַמטן און אַ רייכן יאַהודי, האָט מען באַהאַנדלט ווי אַ פּאָשעטן מענטשן, קימאַט ווי אַ רעוואָלוציאָנער. שטרויס איז טאַקע געווען איינער פון די גרינדער פון דעם אַמעריקאַנער־אידישן קאָמיטעט.

אַזוי ווי ביי דעם צאַר האָט מען גאָרנישט ניט געקאָנט פּויעלן, האָט דער קאָמיטעט אָנגעהויבן פאָדערן, אַז דער האַנדלס־אָפּמאַך פון יאָר 1832 זאָל אינגאַנצן אָפּגעריסן ווערן.

מיטגלידער פון קאָמיטעט, ווי סולצבערג (אַ פילאַדעלפיער ריכטער), מאַרשאַל (אַ באַרימטער אַדוואָקאַט) און דזש. שיף (אַ באַנקיר און אַ פילאַנטראָפּ) האָבן געפירט אונטערהאַנדלונגען מיט פּרעזידענט טאַפט.

דער טעמעני־קאָנגרעסמאַן גאָלדפאָגל (וועלכער פלעגט אויס־געקליבן ווערן פון דער אידישער איסט־סייד און איז שפּעטער באַזיגט געוואָרן פון אַ סאָציאַליסטישן קאַנדידאַט) האָט עטלאַכע מאָל אַריינגעטראָגן אין קאָנגרעס פאָרשלאָגן וועגן דער פּאַספּאָרטן־פראַגע. אָבער דער קאָנגרעס האָט זיך נאָך אַלץ ניט געאיילט צו האַנדלען.

דאמאלסט האט דער קאמיטעט אויפגעפאדערט אלע אידישע ארגאניזאציעס צו שיקן פעטיציעס צום פרעזידענט, ער זאל אפברעכן די האנדלס-באציאונגען מיט רוסלאנד. גלייכצייטיק האט דער קאמיטעט געווירקט, אז אזעלכע רעזאלוציעס זאלן אנגענומען ווערן אין די לעגיסלאטורן פון די שטאטן, וועלכע זיינען געווען פריינטלאך צו אידן, און אפשיקן זיי קיין וואשינגטאן.

די געזעצגעבער האבן זיך שטארק גערעכנט מיט די שטימען פון א פאר מיליאן אידישע איינוואוינער. דער פארזיצער פון דער קאמיסיע פאר אויסערלאכע איניאנים, א ניו-יארקער טעמעני-קאנגרעסמאן, סולצער, האט ארייגעבראכט אין קאנגרעס א פראיעקט פון א רעזאלוציע אפצוברעכן די האנדלס-באציאונגען מיט רוסלאנד און דער קאנגרעס האט עס קימאט איינשטימיק אנגענומען.

דאס איז דער אינהאלט פון יענער רעזאלוציע:

דאס פאלק פון די פאראייניקטע שטאטן באשטעטיקט, אז דאס רעכט פון זיינע בירגער טאר ניט ליידן ניט אין דער היים, ניט אין דער פרעמד צוליב זייער ראסע, אדער גלויבן. די רוסישע רעגירונג האט געבראכן דעם אפמאך פון 1832 דערמיט, וואס זי זאגט זיך אפ צו אנערקענען פאספארטן, געזעצלאך ארויסגעגעבענע צו אמעריקאנער בירגער. דער פרעזידענט זאל דערום מעלדן דער רוסישער רעגירונג, אז דער אפמאך איז געריסן און פארלירט זיין קראפט א יאר נאך דער דאזיקער מעלדונג.

דאס אפלייגן אויף א יאר איז צוגעגעבן געווארן, צוליב דער אייצע פון פרעזידענט טאפט, וועלכער האט געהאפט, אז די רוסישע רעגירונג וועט זיך פאר דער צייט באטראכטן און נאכגעבן.

קיין פראקטישע רעזולטאטן האט דאס אפברעכן פון דער טריטי ניט געבראכט. דער צאר איז געווען איינגעשפארט און האט קיין נייע אפמאכן ניט געשלאסן. ער האט געטיינעט,

אז א לאַנד, וואָס פאַרפאָלגט אירע אייגענע בירגער־נעגערס, זאָל זיך גאָר איינשטעלן פאַר די פאַרפאָלגטע אין א צווייטן לאַנד, צוליב זייער ראַסע אָדער גלויבן. אַגעוו וואָלט אין פאַל פון א זיג, די געוואונענע רעכט פון די רייזנדיקע יאהודים, די געדריקטע אידישע מאַסן אין רוסלאַנד אויך קיין נוצן ניט געבראַכט. דער שטורעם איז געווען אין א טראָפּן וואַסער. ס׳איז געבליבן פאַר דעם אַרבעטער־קלאַס אין רוסלאַנד אָפּצושאַפן די צאַרישע רע־גירונג, באַפרייען דאָס גאַנצע לאַנד און צוזאַמען מיט אַלעמען — אויך די אידן.

קאַפּיטל XXX.

ריזיקע סטרייקס. אידישע אַרבעטער קעמפן אַנטקעגן דער שוויץ־סיסטעם.

די אידישע איסט־סייד, וועלכע האָט אַריינגעקראָגן אַ פרישן בלוט־צופלוס פון רעוואָלוציאָנער־געשטימטע אימיגראַנטן פון רוס־לאַנד און פּוילן, האָט אין יאָר 1909 רעוואָלטירט אַנטקעגן דער שוויץ־שאַפּ סיסטעם. דער אויפשטאַנד פון צענדליקער טויזנטער אַרבעטער, זייער באַגייסטערונג און מוט איז געווען אַ נייעס אינ׳ם לעבן פון די אידישע מאַסן.

דאָס האָט געצייגט, אַז ס׳איז אויסגעוואַקסן אַ דאָר אַר־בעטער, וועמען ס׳ציט מער ניט צום קליין־האַנדל, וועלכער איז פייאיק זיך צו אָרגאַניזירן און ווייס ווי אַזוי אויסצונוצן דעם שאַרפסטן אַרבעטער־וואָפן — דעם סטרייק.

ווען דער פּרואוו צו גרינדן נייע אינדוסטריעלע יוניאָנס איז געווען אַ דורכפאַל (צוליב דער קעגנערשאַפט פון זייערע אַלטע פירער, צוזאַמען מיט דער אידישער סאָציאַליסטישער פּרעסע) האָבן זיי אויסגענוצט די ראַמען פון זייערע אַלטע שוואַכע יוניאָנס, אָנצוהייבן אַ קאַמף, וואָס איז נאָך ביז דאַמאָלסט קיינמאָל ניט געווען.

דעם ערשטן מאַי, יאָר 1909, האָט אויסגעבראָכן אַ סטרייק פון בעקער. זייערע אַרבעטס־באַדינגונגען זיינען געווען שווערע. זיי האָבן געאַרבעט אין פינצטערע קעלערס; דער אַרבעטס־טאָג איז געווען אַן אכצן־שעהיקער; פאַר דער אַרבעט האָט מען געקראָגן אַ הונגער־לוין.

די אַרבעטנדיקע איסט־סייד איז געווען איינס מיט די בעקער אין זייער קאַמף: מען האָט באָיקאָטירט דעם ניט־יוניאָן ברויט, מען האָט אַכטונג געגעבן, אַז דאָס יוניאָן־קוויטל (לייבל) זאָל זיין אויף יעדן לאַבן ברויט, וואָס קומט אַרויף אויפ'ן טיש. דער סטרייק איז געוואונען געוואָרן. דעם יאָמטעף האָבן די בעקער געפּראַוועט מיט אַ גרויסן גאַסן־פּאַראַד.

נאָכדעם האָט אויסגעבראָכן דער גענעראַל־סטרייק פון די בלוזן־מאַכער (ליידיס ווייסט מייקערס).

דאָס איז געווען די יוגנט פון דער איסט־סייד; באָכרים און מיידלאַך, אַריבערגעקומענע און דאָ־געבאָרענע, וועלכע זיינען אין זייער צאַרטער יוגנט אַריינגעוואָרפן געוואָרן אין די פאַבריקן, צו פאַרדינען זייער ברויט. די באַלעבאַטים האָבן זיי שטאַרק אונטערגעדריקט און איינגעפירט די סיסטעם פון אינוועניקסטע קאָנטראַקטאָרס: איין אַרבעטער פלעגט אויף זיין פאַראַנטוואָרט־לאַכקייט אַרויסקריגן אַ פּאַק אַרבעט, אָנשטעלן זיינע אַרויס־העלפער, מיט וועלכע ער האָט זיך די פאַרדינסטן געטיילט; אַזוי איז די אונטערדריקונג דאָ געווען אַ צווייפאַכיקע און די אַרבעטער האָבן געליטן פון קאָנטראַקטאָר און פון באַלעבאָס.

דער סטרייק האָט זיך אָנגעהויבן אין איינצלנע פאַבריקן; פון דאָרטן האָט ער זיך פאַרשפּרייט און אַנטוויקלט זיך אין אַ גענעראַל־סטרייק, אין וועלכן ס'האָבן אַנטייל גענומען 20,000 יונגע אַרבעטער.

איינע פון די ערשטע פאַבריקן אַרויסצוגיין אין קאַמף, איז געווען די „טרייענגל ווייסט קאָמפּאַניע“, אין וועלכער ס'האָט שפּעטער, אין יאָר 1911, געטראָפן אַ שוידערלאַכע קאַטאַסטראָפע: ס'האָט דאָרט אויסגעבראָכן אַ פייער, די אַרויסגאַנגען זיינען געווען פאַרהאַקט און פאַרריגלט; 146 יונגע אַרבעטער האָבן פאַרלאָרן זייערע לעבנס. אַנדערע זיינען פאַרברענט געוואָרן,

אנדערע זיינען געשפרונגען פון פייער־פאסטקע אויפ׳ן טראטואר און צעשמעטערט געווארן אויף די שטיינער. די אידישע ארבעטער אין ניו יארק האבן אפגעריכט א ריזיקע טרויער־דעמאנסטראציע צום אנדענק פון די טרייענגל־קארבאנעס.

דער סטרייק האט אויפגערודערט ניו יארק. דער אידישער קליינער קאפיטאליסט איז נאך דאמאלסט ניט אריינגענומען געווארן אין דער איכעסדיקער מישפאכע פון גרויס־קאפיטאל. האבן אלע צייטונגען סימפאטיזירט מיט די סטרייקערס. אריסטאקראטישע פרויען־רעכטלערנס (סאפראדזשעטס) האבן געהאלפן פיקעטן די פאבריקן און געזאמלט געלט־הילף. די ארימע ארבעטער פון דער איסט־סייד זיינען דאמאלסט אריין אין מאדע צווישן די אריסטאקראטן.

אבער עמעסע הילף האבן זיי געקראגן פון זייערע כאוויירים־ארבעטער אין אנדערע פאכן; צען וואכן האט געדויערט דער סטרייק, וועלכער האט זיך געענדיקט מיט א זיג.

אין יאר 1910 איז געקומען דער גענעראל־סטרייק פון די מאנטל־נייער (קלאוקמאכער).

אן ארמיי פון 70,000 ארבעטער איז דאמאלסט ארויס אין קאמף. מען האט געקעמפט אנטקעגן די מיעסע שוויץ־שאפ באדינגונגען, ווען יעדער ארבעטער האט געדארפט ברענגען צו דער ארבעט זיין אייגענע מאשין; אפט האט מען נאך געמוזט ברענגען א בענקל צו זיצן לעבן דער מאשין. די ארבעטס־שאען זיינען געווען לאנגע און די פארדינסטן זיינען ניט געווען גענוג צו דערנערן דעם ארבעטער און זיין פאמיליע.

צוזאמען מיט די אידישע ארבעטער האבן געסטרייקט איטאליענער, פאליאקן און רוסן; אלע האבן זיך פארברידערט אין דעם שוטפעסדיקן קאמף. מען האט אריינגענומען די ארבעטסלאזע מאנטל־נייער (יעסוימים, האט מען זיי אין שפאס גערופן). פאראייניקט איז מען אלע געשטאנען ביז׳ן סאף.

די גוטהארציקע ליבעראלן און פּשאָרע־מאַכער האָבן ניט געקענט איינרוען; די דייטש־אידישע אדוואָקאטן און קלאַל־טוער האָבן זיך ארייַנגעלייגט צו שאפן אכדעס און ברענגען שאָלעם צווישן אידישע באלעבאטים און ארבעטער. אויף דער דריטער וואָך פון סטרייק האָט מען צונויפגעפירט ביידע צדאָדים. די באלעבאטים זיינען געווען פּראַקשנט און האָבן ווינציק נאָכגעגעבן; פון דעם שאָלעם איז גאָרנישט ניט ארויס.

די באלעבאטים האָבן ארויסגעקראָגן פון געריכט „אינדזשאָנקשאָנס“, פארבאָטן צו פּיקעטן זייערע פאבריקן; אָבער די ארבעטער האָבן זיך ניט אָפּגעשראָקן און די פּאָליציי האָט געטאָן דאָס איריקע: זי האָט געשלאָגן און ארעסטירט.

די שאָלעם־מאכער האָבן ווידער צונויפגעפירט ביידע צדאָדים. די באלעבאטים האָבן שוין עפּעס נאָכגעגעבן; אָבער ווען די סטרייק־פירער האָבן דעם שאָלעם־אָנבאָט געבראַכט צו די ארבעטער, האָבן זיי עס צוריקגעוויזן מיט א גרויסער מאַיאָריטעט:

— מיר האָבן געליטן אכט וואָכן; מיר זיינען גרייט נאָך לענגער צו ליידן, ביז מיר וועלן זיגן!

האָבן די באלעבאטים (מיט דער הילף פון געריכט) אָנגעהויבן שטערן צו זאמלען געלט־הילף פאר די סטרייקער. דאָס האָט אָבער אויך ניט געקענט ברעכן דעם ארבעטער־מוט.

צום דריטן מאָל האָבן די פּשאָרע־מאכער צונויפגעפירט די באלעבאטים מיט דער יוניאָן. מיט דער הילף פון צוויי אדוואָקאטן, בראַנדעיס און מארשאַל, איז אויסגעארבעט געוואָרן א פארפלאָנטערטער שאָלעם־אָפּמאך, דער „פּראָטאָקאָל“, געשלאָסן צווישן ביידע צדאָדים. דער סטרייק האָט זיך געענדיקט נאָך צוויי כאדאָשים קאמף.

אין פילאדעלפיע האָט אין יאָר 1910 אויסגעבראָכן א סימ־

פאטיע־סטרייק פון 100,000 ארבעטער. זיי זיינען ארום העלפן די טראמוויי־אנגעשטעלטע, וועלכע האבן געפירט מיט זייערע באלעבאטים א פארביסענעם קאמף. אלע אידישע יוניאנס האבן אנטייל גענומען אין דעם סימפאטיע־סטרייק.

אבער דער צענטראלער ארבעטער־פארבאנד פון פילאדעלפיע (געטריי צו דער לערע פון דער א. פ. ל., וועלכע איז ניט שטארק באגייסטערט פאר סימפאטיע־סטרייקן) האט דעם קאמף אפגעהאקט אינמיטן. דאך איז דער קאמף געווען א זיג פאר די ארבעטער: ער האט פארשארפט זייער קלאסן־געפיל און ענגער פארקניפט די אינטערנאציאנאלע פארברידערונג פון אלע ארבעטער, אן אונטערשייד פון פאלק.

קאַפּיטל XXXI.

וויטערדיקע קאַמפּן און זיגן. גרינדונג פון דער „אַמאַלגאַ-מייטעד“. אידישע אַרבעטער הייבן אָן קעמפן אַנטקעגן זייערע אייגענע ניט-ערלאַכע יוניאָן-פירער. אָנהייב פון דער וועלט-מילכאָמע. די „איסט סייד“ קלייבט אויס איר ערשטן סאָציאַליסטישן פאַרטרעטער אין קאָנגרעס.

די וויטערדיקע יאָרן זיינען אויך געווען יאָרן פון קאַמף און אָרגאַניזירונג פון קויכעס; דער אויסגעוואַקסענער אידישער אַר-בעטער-קלאַס האָט געבראָכן די שוויץ-סיסטעם (וואָס האָט זיך געפּאַסט פאַר אָפּגעשטאַנענע דערשלאָגענע שקלאַפן) און געקעמפט פאַר בעסערע אַרבעטס-באַדינגונגען.

אין יאָר 1912 זיינען אַרויס אין אַ גענעראַל-סטרייק 9,000 פוטערוואַרג אַרבעטער (פאָריערס). 12 וואָכן האָט זיך געצויגן דער סטרייק און געענדיקט זיך מיט אַ זיג.

אין יאָר 1913 האָבן געקעמפט די מוליאַרעס (פּיינטערס). 8,000 אַרבעטער האָבן אוועקגעלייגט זייערע פּענזלס און פאַרב-עמערלאַך, געסטרייקט אַזוי לאַנג, ביז וואַנען זיי האָבן געבראָכן די איינגעשפּאַרטקייט פון זייערע באַלעבאַטים.

אין דעם זעלביקן יאָר האָבן געסטרייקט די שניידער; די שניידער-אינדוסטריע, אין דער שטאָט ניו-יאָרק, האָט באַקליידט אַ האַלבע אַמעריקע; אָבער די אַרבעטער האָבן געלעבט אין אָרימ-קייט און נויט. זייער נאַציאָנאַלע נאַדל-אָרגאַניזאַציע, „די פאַראייניקטע בגאָדים-אַרבעטער (יונייטעד גאַרמענט וואָירקערס) האָט ניט אָרגאַניזירט און ניט צוגעגרייט די אַרבעטער צום קאַמף.

די שניידער־ארבעטער האָבן אַליין געגומען די זאַך אין זייערע הענט. זיי האָבן אָרגאַניזירט שניידער־ראַטן, נאָכגעשלעפּט נאָך זיך זייערע אָפּגעשטאַנענע פירער, און דעם 30טן דעצעמבער האָט אַ מאַכנע פון 100,000 ארבעטער פאַרלאָזן די פאַבריקן און ארויס אין סטרייק.

צו די אידישע ארבעטער זיינען צוגעשטאַנען איטאַליענער, פּאָליאַקן און רוסן. מענער און פרויען, יונג און אַלט זיינען געשטאַנען פאַראייניקט; זיי האָבן געליטן און זיך ניט אונטער־געגעבן. שוין אויף דער צווייטער וואָך פון קאַמף האָבן סטרייקער־פאַמיליעס געהונגערט. אַ טייל פון זיי איז ארויסגעוואָרפן גע־וואָרן פון די וואוינונגען, ווייל זיי האָבן ניט געקענט באַצאָלן קיין דירע־געלט. צוהילף די באַלעבאַטים איז געקומען די פּאָליציי, געדונגענע „שטאַרקע" וועכטער און כוליגאַנעס, און געטריבן זיי פון דער פּיקעט־ליין.

נאָך 10 וואָכן קאַמף האָט דער פרעזידענט פון די פאַרייניקטע בגאָדים־ארבעטער, ניט אָנפרעגנדיק זיך ביי די סטרייקער, גע־שלאָסן אַן אָפּמאַך מיט די באַלעבאַטים. דער אָפּמאַך האָט ארויס־גערופן אַ שטורעם פון ווידערשטאַנד און האַס. די סטרייקער האָבן דעם באַפעל פון זייער פרעזידענט, אומצוקערן זיך צו דער ארבעט, ניט אויסגעפאָלגט; זיי זיינען געבליבן שטיין אין קאַמף מיט מער איינגעשפּאַרטקייט און העלדישקייט.

אויף דער 14טער וואָך איז די אַקשאַנעס פון די באַלעבאַטים געבראָכן געוואָרן. זיי האָבן נאָכגעגעבן אַלע פאָדערונגען.

אין יאָר 1914 האָבן זיך די שניידער־יוניאָנס פון ניו־יאָרק, און פון אַנדערע גרעסערע קליידער־צענטערס אָפּגעריסן זיך פון די „יונייטעד גאַרמענט וואָירקערס". זיי האָבן געגרינדעט זייער אייגענעם פאַרבאַנד: די „אַמאַלגאַמייטעד קליידער ארבעטער". פאַר דעם כעט זיינען זיי אויסגעשלאָסן געוואָרן פון דער א. פ. ל.

אין יאָר 1913 האָבן די מאַנטל־נייער (קלאָוקמייקערס) דורכ־געליטן אַ קאַמף מיט זייערע אייגענע יוניאָן־פירער.

מיר האָבן פריער דערציילט, אַז נאָכ'ן גענעראַל־סטרייק פון יאָר 1911, האָט די יוניאָן געשלאָסן מיט די באַלעבאַטים אַ פאַרפּלאָנטערטן אָפּמאַך, אָדער „פּראָטאָקאָל". דער אָפּמאַך האָט פאַרוועירט די ארבעטער, אין אַן איינצלנער פאַבריק, וואַרפן די אַרבעט, אויב דער באַלעבאָס האָט זיי ניט גוט באַהאַנדלט. זיי האָבן אים פריער געדאַרפט אָנקלאָגן; די קלאַגע איז דורכגעגאַנגען דורך פאַרשידענע קאָמיסיעס, וואו פאָרשטייער פון באַלעבאַטים און אַרבעטער זיינען געווען פאַרטראָטן גלייך אויף גלייך.

פאַר די באַלעבאַטים איז אַזאַ לאַגע געווען ווי געוואונטשן. זיי האָבן די קלאַגעס פון זייערע אַרבעטער געשלעפּט דורך אַלערליי קאָמיסיעס און דערווייל האָבן זיי געטאָן, וואָס זייער האַרץ האָט געגלוסט. די אַרבעטער האָבן דערזען, אַז זיי קענען ניט קריגן קיין גערעכטיקייט, האָבן זיי אָנגעהויבן וואַרפן די אַרבעט, ווען ס'פלעגט אויסברעכן אַ פאַבריק־סיכסאָך, ניט רעכענענדיק זיך מיט'ן פּראָטאָקאָל. די באַלעבאַטים האָבן זיך געווענדעט צו די יוניאָן־פירער, וועלכע האָבן געשיקט סטרייק־ברעכער, אין די פּלעצער, וואו די אַרבעטער האָבן ניט אויסגעפאָלגט דעם פּראָטאָקאָל.

ס'איז געשאַפן געוואָרן אַן אייניקייט צווישן יוניאָן־פירער און באַלעבאַטים: די פירער האָבן געהאַלטן אין צוואַנג די אַרבעטער און די באַלעבאַטים האָבן געהאָלפן איינמאָנען פאַר דער יוניאָן צינזן און שטייערן.

די ערלאַכע יוניאָן־פירער האָבן זיך געשטעלט קעגן אַזאַ טאַקטיק. דער ערשטער איז געווען א. ביזנאָ; האָט מען אים געצוואונגען צו פאַרלאָזן זיין אַמט און אָנגעשטעלט אַ צווייטן אויף זיין אָרט.

דער נייער, דר. איצכאַק אייזיק הורוויטש, איז אויך געשטאַנען מיט די אַרבעטער. האָבן די באַלעבאַטים געשטעלט דער

יוניאָן אַן אולטימאַטום: י. א. הורוויטש מוז אָפּגעזאָגט ווערן; אויב ניט, וועלן זיי ברעכן דעם אָפּמאַך.

די יוניאָן־פירער זיינען געווען גרייט נאָכצוגעבן. דאָס האָט שטאַרק אויפגערעגט די אַרבעטער. זיי האָבן געפאָדערט אַן אָפּ־שטימונג וועגן דעם איניען; די אָפּשטימונג איז פאָרגעקומען, און א מערהייט מיטגלידער האָט באַשלאָסן, אַז הורוויטש זאָל פאַרבלייבן אויף זיין אמט. אָבער די פירער האָבן זיך ווייניק צוגעהערט צום קאָל פון די אַרבעטער; זיי האָבן אַזוי לאַנג גע־שטערט די אַרבעט, ביז וואַנען הורוויטש האָט געמוזט אַוועק.

אין אויגוסט, יאָר 1914, האָט אויסגעבראָכן די גרויסע וועלט־מילכאָמע. די ערשטע בלוטיקע פלאַמען האָבן זיך צע־פלאַקערט איבער אייראָפּע. דער מאָרד פון אַן עסטרייכישן פּרינץ אין אַן אומבאַקאַנט שטעטל, סאַראַיעוואָ, האָט אויפגעריסן א פּולווער־סרייפע, וואָס הערשער און קאַפּיטאַליסטישע וועלט־פאַר־כאַפּער האָבן יאָרן נאָכאַנאַנד געגרייט.

דער ערשטער צוזאַמענשטויס איז געווען צווישן די מעלוכעס דייטשלאַנד און עסטרייך, אַנטקעגן סערביע, רוסלאַנד, פראַנקרייך, בעלגיע און ענגלאַנד. קיינער האָט זיך אָבער ניט גערינכט, אַז דער פלאַקער וועט זיך אַזוי פאַנאַנדערשמעלצן, ביז וואַנען ער וועט אַנרירן די גאַנצע וועלט.

די אידישע עמיגראַציע פון מיזראַך אייראָפּע האָט זיך מיט אַמאָל אָפּגעהאַקט. די לעצטע פאַרוואָגלטע אין די אייראָפּייאישע האַפן־שטעט זיינען דאָרט געבליבן שטעקן. עס זיינען אָנגעקומען די ערשטע יעדיעס, וועגן דעם צאַרס אַכזאָריעס אַנטקעגן דער אידישער באַפעלקערונג אויף'ן מילכאָמע־פראָנט. די נייעסן האָבן געבלוטיקט הערצער און אָנגעפילט זיי מיט איימע און פּיין.

אין דעמזעלביקן יאָר, 1914, האָט די אידישע איסט־סייד אין דער שטאָט ניו־יאָרק צום ערשטן מאָל אויסגעקליבן א סאָציאַ־ליסטישן פאַרטרעטער אין קאָנגרעס. זיין נאָמען איז געווען מייער לאָנדאָן.

קאַפּיטל XXXII.

וועלט-מילכאָמע און צאַרישע פאַרפאָלגונגען פון די אידן אין רוסלאַנד. הילפס-אַרבעט אין אַמעריקע פאַר די מיל-כאָמע-ליידנדיקע. דער „נאַציאָנאַלער אַרבעטער קאָמיטעט“ און דער אידישער קאָנגרעס. די רעזולטאַטן פון דער גאַנצער אַרבעט.

דער בלוטיקער רעגן איבער אייראָפּע האָט אַלץ געגאָסן און געגאָסן.

דער קריג, וועלכן עס האָבן אַרויסגערופן הערשער און פאָלקס-אונטערדריקער, צו באַצווינגען פעלקער און אויפבויען פאַר זיך וועלט-אימפּעריעס, האָט פאַרסאַמט די מויכעס פון גרויסע מאַסן מענטשן מיט בלוט-דאָרשט און מאָרד-בראַנד. אויך די סאָציאַליסטישע פירער אין אַלע אייראָפּייאישע מילכאָמע-לענדער (מיט ווינציק אויסנאַמען) האָבן פאַרראַטן זייער אידעאַל. אונטער'ן אויסרייד, אַז זיי מוזן באַשיצן זייער פאָלק פון אַן אומגערעכטן אָנפאַל, האָבן זיי זיך געשטעלט אין די רייען פון אַלע מאָרד-פאַטריאָטן.

אייראָפּע איז פאַרטויבט געוואָרן פון דעם קראַך פון קאַנאָ-נען. דאָס פאַרגאָסן בלוט פון מיליאָנען סאָלדאַטן (קינדער פון פאָלקס-מאַסן, געטריבן אין שלאַכט אַנטקעגן זייער ווילן) האָט זי וואַנזיניק געמאַכט.

און דורכ'ן מילכאָמע-טומל האָט זיך דערטראָגן קיין אַמע-ריקע, צו די אידישע מאַסן, דאָס ליידן-געשריי פון זייערע קרוייווים

אויף די מילכאמע־גרעניצן פון ליטע, פוילן און גאליציע, וואו דער קריג האט געברענט.

יעדע מאפאלע פון דעם צארס אומפייאיקע און פארדארבענע גענעראלן האט די רעגירונג ארויפגעווארפן אויף די אידישע קעפ. מען האט ארויסגעזעצט די אידישע באפעלקערונג פון די גרעניצ־דיקע שטעט און שטעטלאך, מען האט זיי געפאקט אין פראכט־וואגאנעס, יונג און אלט, פרויען און קינדער, קראנקע און שטארבנ־דיקע און פארשיקט איבער אלע עקן פון לאנד. א סאך האבן די ליידן ניט אויסגעהאלטן. מאסן זיינען ווי פליגן געפאלן אויפ׳ן וועג.

דערצו נאך זיינען צוגעקומען די פאלשע בילבולים, אז אידן זיינען שפיאנען און גיבן הילף און אנווייזונגען דעם סיינע, און פאר דעם האבן א סאך מיט זייערע לעבנס באצאלט.

אין יאר 1914 איז די עקאנאמישע לאגע אין אמעריקע געווען א שלעכטע; דאס לאנד האט געליטן פון ארבעטסלאזיקייט. אזוי האט זיך געצויגן ביז׳ן מיטן יאר 1915, ווען צוליב די גרויסע מילכאמע־באשטעלונגען פאר די קריגס־לענדער, האט זיך דער קריזיס געענדיקט און א גרויסע שעפע (פראספעריטי) איז געקומען אין לאנד.

די אידישע באפעלקערונג אין אמעריקע האט זיך אפגערופן אויף די ליידן פון די מיזראך־אייראפייאישע אידן. ס׳זיינען דא ארגאניזירט געווארן גרויסע הילפס־ארגאניזאציעס, צו שטיצן זיי אין זייער נויט.

די פרומע באלעבאטישע אידן האבן געגרינדעט די „צענט־ראלע הילף" (סענטראל רעליף). די יאהודים האבן געגרינדעט דעם אמעריקאנער אידישן הילף קאמיטעט (אמעריקאן דזשואיש רעליף קאמיטע); די פאלקס־מאסן האבן געשאפן דעם „פאלקס־הילף" (פיפלס רעליף). די דריי ארגאניזאציעס האבן געשאפן דעם פאראייניקטן אויסטיילונג־קאמיטעט (דזשאינט דיסטריביושאן קא־

מיטע), אין וועלכן עס זיינען אריין פארשטייער פון אלע דריי צדדים.

א כוץ דער צייטווייליקער געלט־הילף, האבן די אידן אין אמעריקע געזוכט פלענער אויף וועלכן אויפן צו העלפן די אידישע מאסן אין רוסלאנד, אז זיי זאלן באפרייט ווערן פון זייער רעכט־לאזיקייט און שטעלן זיך אויף די פיס.

דער אמעריקאנער אידישער קאמיטעט, וועלכער האט אין פריערדיקע יארן געהאלפן אפברעכן דעם האנדלס־אפמאך מיט רוסלאנד, האט זיך איצט ווידער גענומען אויסנוצן זיינע פאר־בינדונגען מיט רעגירונגס־באאמטע און קאנגרעסלייט און מיש־טאדל זיין זיך, אז זיי זאלן וואס ניט איז טאן. אין זייער שטאד־לאנעס־ארבעט זיינען זיי געווען זייער פארזיכטיק, ווייל זיי האבן מוירע געהאט מען זאל זיי ניט כיישעד זיין אין פרא־דייטשע נייגונגען, אויב זיי וועלן זיך צו שטארק שטעלן אנטקעגן דעם רוסישן צאר.

אין יאר 1915 איז ארגאניזירט געווארן דער אידישער נא־ציאנאלער ארבעטער קאמיטעט, צוזאמענגעשטעלט פון פארשי־דענע ארבעטער ארגאניזאציעס. זייער פראגראם איז געווען: העלפן קריגן פאר די מיזראך־אייראפייאישע אידן (ביים קומענ־דיקן שאלעם־צוזאמענקונפט פון פעלקער) פאליטישע, בירגער־לאכע און נאציאנאלע רעכט. דער נאציאנאלער קאמיטעט האט זיך מישטאדל געווען ביי דער סאציאליסטישער פארטיי און די אינטערנאציאנאלע ארבעטער יוניאנס, אז די ארגאניזירטע אר־בעטער זאלן אויך שטיצן די פאדערונג פאר אידישע רעכט.

אין יענער צייט האט א טייל נאציאנאליסטישע טרוימער אנגעהויבן אגיטירן, אז ס'זאל צונויפגערופן ווערן אין אמעריקע א אידישער אלגעמיינער קאנגרעס; דארטן זאלן פארשטייער פון אלע קלאסן לאזן הערן פאר דער וועלט זייער פראטעסט אנטקעגן אידישע פארפאלגונגען. דער אידישער קאנגרעס זאל בלייבן אין

אמעריקע א שטענדיקע אינסטיטוציע; אזעלכע קאנגרעסן זאלן צונויפגערופן ווערן אויך אין אנדערע לענדער און שפעטער זאל צוזאמענגערופן ווערן אן אלוועטלאכער אידישער קאנגרעס. צווישן די אנפירער פון דער קאנגרעס־באוועגונג זיינען געוועזן א סאך ציאניסטן, וועלכע האבן דארט געזוכט צו פארשפרייטן זייער פאלעסטינע־אידעאל.

דער אמעריקאנער אידישער קאמיטעט האט אין יאר 1916 פארבונדן זיך מיט'ן נאציאנאלן ארבעטער־קאמיטעט צו טאן פאראייניקטע ארבעט. זיי האבן ארויסגעגעבן דעם „שווארצן בוך", אין וועלכן עס זיינען צונויפגעזאמלט געווארן פאקטן און בילדער, פון שוידערלאכע אכזאריעסן פון דער רוסישער רעגירונג, אנטקעגן די אידישע מאסן.

דער ערשטער אידישער קאנגרעס איז ערשט צוזאמענגערופן געווארן אין דעצעמבער, יאר 1918, אין פילאדעלפיע. ער האט אויסגעקליבן פון זיך א פארשטייער, וועלכער האט, צוזאמען מיט א פארשטייער פון די ציאניסטן, געפירט שטאדלאנעס ביים שאלעם־צוזאמענקונפט אין דער פראנצויזישער שטאט ווערסאיל, פאר די מינדערהייט־רעכט פון די מיזראך־אייראפּיאישע אידן. א באזונדערער אידישער ארבעטער־קאנגרעס איז אפגעהאלטן גע־ווארן אין יאר 1919.

קיין וויכטיקע רעזולטאטן האבןביידע קאנגרעסן ניט גע־בראכט; דורך שטאדלאנעס איז נאך דערוויל קיין איינציק פאלק, אדער קלאס, ניט געהאלפן געווארן. די אונטערגעשריבענע גאראנ־טירטע מינאריטעטן־רעכט אין ווערסאיל זיינען געבליבן טויטע ווערטער און אפגענארטע צוזאגונגען. די רוסישע אידן זיינען דערלייזט געווארן, צוזאמען מיט'ן גאנצן לאנד, דורך דעם דער־פאלג פון דער רעוואלוציע; אין די איבעריקע לענדער איז די שלעכטע אידישע לאגע געבליבן דיזעלביקע ביז'ן היינטיקן טאג.

קאפיטל XXXIII.

אינדוסטריעלע אויפלעבונג אין אמעריקע, א רעזולטאט פון דער מילכאמע. אמעריקע רוקט זיך לאנגזאם צום קריג. די ערשטע רעוואלוציע אין רוסלאנד. אידישע מאסן באגייסטערט. אמעריקע אין קריג. אין לאנד א רעאקציע. א טייל סאציאליסטישע פירער פארראטן זייער אידעאל. אנטי־מילכאמע שטימונג צווישן די אידישע מאסן.

דער בלוטיקער מילכאמע־קנויל האט זיך געקייקלט אלץ נעענטער צו די אמעריקאנער ברעגן.

נאכ׳ן קריזיס, אין אנהייב מילכאמע־יאר, איז געקומען א שטארקע אינדוסטריעלע אויפלעבונג: די אמעריקאנער פאבריקאנטן האבן באזארגט די קריגס־לענדער מיט סכוירעס, קאלעריי וואפן און טויט־מאכשירים; די באנקען האבן צוגעשטעלט געלט־הלוואיעס. געשעפטן זיינען געגאנגען גוט. ארבעטסלאזיקייט איז קימאט פארשוואונדן. די רייכע קלאסן האבן אנגעקוואלן פאר נאכעס: קריג איז פאר זיי געווען גוט; דאס שטראמענדיקע בלוט אין אייראפע איז דא אין לאנד פארוואנדלט געווארן אין קופעס גאלד־רענדלאך.

אמעריקע האט נאך ניט געטראכט פון קריג; די נייטראלע שטעלונג האט געפאסט צו אירע געשעפטן; פרעזידענט ווילסאן האט אין יאר 1915 (בעשאס א סיכסאך מיט מעקסיקא) ארויסגעלאזט די בארימטע פראזע:

— מיר זיינען צו שטאלץ צו קעמפן!

אבער די מילכאמע־וואלקנס האבן זיך שוין גענומען פארטונקלען: די היגע סאכרים זיינען געווען גרייט צו פירן געשעפטן מיטביידע קעמפנדיקע צדאדים; האט אבער ענגלאנד מיט אירע

קריגס־שיפן פארבלאקירט די וואסער־ברעגן פון דייטשלאנד און ניט צוגעלאזן אהין קיין מיסכער. די דייטשע רעגירונג האט מיט פארביסנקייט געקוקט, ווי אזוי אמעריקע שטעלט צו אמוניציע צו אירע סאנים, און זי האט דעם מיסכער געפרואווט אפשטעלן דורך אן אונטערוואסערדיקן סאבמארין־קאמפיין.

שוין אין יאר 1915 האט דאס אמעריקאנישע פאלק פארזוכט דעם בלוטיקן מילכאמע־טאם: א דייטשע סאבמארין האט אויפ־געריסן די ענגלישע פאסאזשיר־שיף לוזיטאניע, און צוועלף הונ־דערט פאסאזשירן זיינען דערטרונקען געווארן, צווישן זיי א סאך אמעריקאנער.

דער סאבמארין קאמף האט זיך אלץ מער פארשטארקט. דער האנדל האט דערפון געליטן. אין לאנד האט זיך דערהערט דער רוף פאר באוואפענונג און קריגס־צוגרייטונג (פריפערעדנעס). דעם רוף האבן אונטערגעכאפט פאליטישנס און קאפיטאליסטישע צייטונגען. מען האט אים פארשפרייט אין קינדער־שולן און אין אוניווערסיטעטן, מען האט ארגאניזירט גרויסע גאסן־פאראדן. אומעטום האט דער פאראינטערעסירטער קאפיטאליסטישער קלאס געהעצט צו מילכאמע.

אבער די מאסן פון פאלק זיינען נאך ניט גענוג געווען פאר־סאמט מיט'ן מילכאמע־גיפט: אין יאר 1916, ווען ווילסאן איז געווען פרעזידענט־קאנדידאט פאר ווידער־דערוויילונג, האט ער געוואונען, דורכ'ן אויסרוף:

— ער האט אונז פארהיט פון קריג! (הי קעפט אס אוט אף וואר!).

די אידישע מאסן זיינען געווען קעגן קריג. א גרויסער טייל, דער אומבאוואוסטזיניקער, האט סימפאטיזירט מיט די דייטשן, ווייל די דייטשע ארמיי איז געווען דער שטעקן, וועלכער האט געשלאגן דעם פארהאסטן רוסישן צאריזם. אט דעם סענטימענט האט אויך אויסגעדריקט די אידישע סאציאליסטישע צייטונג, וועלכע איז ניט געשטאנען אויפ'ן הויך פון איר אידעאל.

די אידישע באפעלקערונג האט געזאמלט הילף פאר מילכאמע־ליידנדיקע. די ארבעטער־יוניאנס האבן אין יאר 1916 איבער־געלעבט צוויי גרויסע סטרייקס: ס'האבן געסטרייקט די פרויען־בלוזן און קליידלאך מאכער (ליידים ווייסט ענד דרעסמייקערס) און די מאנטל־נייער. דער קאמף פון די 60,000 קלאוקמאכער האט זיך געצויגן 9 וואכן נאכאנאנד. א כוץ דעם האבן די אידישע מאסן אנגעשטרענגט זיך, אפשלאגן די אטאקעס פון די עמיגראנטן־סאנים, וועלכע האבן זיך פארמאסטן דורכצופירן אין קאנגרעס דעם בוירנעט־דילינגהעם אנטי־עמיגראציע געזעץ.

שאלעם אליכעם

אין יאר 1916 האט די אידישע גאס פארלארן איר בארימטן שרייבער, שאלעם־אליכעמען, וועלכער איז אין אנהויב וועלט־קריג אריבערגעקומען קיין אמעריקע. די מאסן, וועלכע האבן

שטארק ליב געהאט זייער גרויסן הומאָריסטישן קינסטלער, זיינען געקומען אים אָפּגעבן דעם לעצטן קאָוועד. הונדערטער טויזנטער מענטשן האָבן באַגלייט זיין אָרן איבער די אידישע קווארטאַלן.

ס'איז געקומען דאָס יאָר 1917. אין די ערשטע כאַדאָשים האָט נאָך דער פּרעזידענט אַלץ גערעדט וועגן אַ פרידן אָן אַ זיג און ער האָט זיך אָנגעבאָטן צו זיין דער פּאַרמיטלער צווישן די קריגס־צדאָדים; אָבער וואָס ווייטער ווערט די מעלוכע קריגערי־שער: די אויסגעהונגערטע פּאַרבלאָקירטע דייטשלאַנד פּאַר־שטאַרקט נאָך מער איר סאָבמארין־קאַמף, די לאַגע פון די „עליים" (דייטשלאַנדס מילכאָמע־סאָנים) איז אַ שלעכטע, און ווייטזעענ־דיקע מענטשן פּארשטייען שוין, אַז אַמעריקע וועט אריין אין קריג, צו ראַטעווען פּאַר אירע האַנדלס־קלאַסן זייערע געשעפטן און די פּאַרליענע ריזיקע כוויועס.

אין כיידעש מערץ האָט אויסגעבראָכן די רוסישע רעוואָלוציע. דאָס אויסגעהונגערטע פּאַרפּירטע פּאָלק האָט זיך אויפגעהויבן, און אראָפּגעטרייסלט פון זיך דעם יאָך פון זיינע אונטערדריקער. ס'איז אָרגאַניזירט געוואָרן אַ צייטווייליגע רעגירונג, אין וועלכער די הויפּט־מאַכט האָט געהערט צו די העכערע קלאַסן; אָבער די ראַטן פון סאָלדאַטן און ארבעטער (וועלכע האָבן זיך דאַמאָלסט גע־גרינדעט) האָבן שוין אָנגעהויבן צו ווענדן די רעוואָלוציע אויפ'ן וועג פון גרויסן סאָציאַליסטישן זיג.

די אידישע מאַסן האָבן זיך שטאַרק געפרייט מיט די גרויסן פון זייער אַלטער היים, פון וואַנען זיי זיינען פּארטריבן געוואָרן. געציילטע רעוואָלוציאָנערן זיינען אוועקגעפאָרן צוריק קיין רוס־לאַנד, אַנטייל נעמען אין דער דאָרטיקער איבערקערעניש. צווישן זיי איז אויך געווען ל. טראָצקי.

אין כיידעש אַפּריל האָט אַמעריקע דערקלערט קריג צו דייטש־לאַנד. די רייכע קלאַסן זיינען געווען באַגייסטערט. די סאָציאַ־ליסטישע פּאַרטיי האָט גערופן אַ צוזאַמענפאָר אין דער שטאָט סענט־לואיס און גענומען אַ שטעלונג אַנטקעגן דער מילכאָמע;

זיי האָבן אָנגענומען אַ באַשלוס צו קעמפן אַנטקעגן קריג דורך דעמאָנסטראַציעס און פּעטיציעס, און מיט אַלע מיטלען וואָס זיי האָבן אין זייער מאַכט.

אָבער שפּעטער האָט אַ טייל סאָציאַליסטן (פּונקט ווי זייערע כאַווײרים אין אײראָפּע) פאַרראַטן זייער אידעאַל און געוואָרן מילכאָמע־פּאַטריאָטן. די פאַרבליבענע קעגנער פון קריג האָבן אויך קיין העלדישן קאַמף ניט געפירט, אַ כוץ אײנציקע געציילטע.

טש. רוטענבערג (שפּעטער דער סעקרעטאַר פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטײ) און י. וו. דעבס זיינען אַרויסגעטראָטן מיט שאַרפע אַנטי־מילכאָמע רעדעס. מען האָט זיי אָנגעקלאָגט אין פאַרראַט און שפּעטער פאַרשיקט אין טפיסע.

אַ סאַך געוואַגטקייט און מוט האָבן אַרויסגעוויזן די א. וו. וו. דעם ערשטן יוני, יאָר 1917, האָבן זיי אַרויסגערופן אין שטאַט וואַשינגטאָן אַ סטרייק פון 50,000 געהילץ־אַרבעטער. דעם 12טן יוני האָבן זיי אַרויסגערופן אין סטרייק די מיינערס פון די שטאַטן מאָנטאַנאַ און אַריזאָנאַ. אין אַריזאָנאַ האָבן דאַמאָלסט די מילכאָמע־פּאַטריאָטן געפאַנגען 1,200 סטרייקערס, פון ביזבי, און פאַרשלעפּט זיי אין אַ מידבאַר.

אין סאַן־פראַנציסקאָ האָט עמיצער אויף אַ מילכאָמע־פּאַראַד געוואָרפן אַ באָמבע. (מ'רעכנט, אַז דאָס איז געווען די אַרבעט פון אַ פּראָוואָקאַטאָר). האָט מען אַרעסטירט די א. וו. וו. טאָם מוני און זיין פרוי, בילינגס און וויינבערגער. געדונגענע פאַלשע אײדעס זיינען אַרויסגעטראָטן קעגן זיי, אַז זיי זיינען עס געווען די באָמבע־וואַרפער. מוני איז פאַרמישפּעט געוואָרן צום טויט, און די איבעריקע — צו יאָרן טפיסע. ס'האָבן זיך אָבער אַריינגעמישט די אַרבעטער פון דער גאַנצער וועלט, און מונים טויט־שטראָף איז פאַרביטן געוואָרן אויף לעבנסלענגלאַכער טפיסע.

נאָך דער קריגס־דערקלערונג האָט דער קאָנגרעס באַשטימט גרויסע סומעס געלט פאַר מילכאָמע־פירונג; ס'איז אָנגענומען געוואָרן אַ געזעץ פאַר געצוואונגענער מיליטער־דינסט. צען מיליאָן

יונגע לייט זיינען געשטעלט געוואָרן, זיין גרייט צום קריגס־פליכט. שיפן געלאָדענע מיט סאָלדאטן, אַנגעטאָן אין גרויען, זיינען אַוועקגעשוואומען צום שלאַכט־פעלד. אין לאַנד האָבן די געווערפאבריקן, און די פאבליקן פון קאָלערליי קריגס־מאטעריאַלן, טאָג און נאַכט געארבעט. דאָס בלוט פון די מאסן, זייער שוויים און האָרעוואַניע איז גענוצט געוואָרן פאַר׳ן קריג.

די פירער פון די א. פ. ל. האָבן זיך פאַרייניקט מיט אַלע מילכאָמע־פאטריאָטן. גאָמפּערס (דער פרעזידענט פון א. פ. ל.) האָט גערופן די ארבעטער, אז זיי זאָלן אַוועקלייגן זייער סטרייקוואפן און שטיין צוזאַמען מיט די באַלעבאָטים, ביז׳ן סאָף פון קריג. ער איז אויך געוואָרן אַ מיטגליד אינ׳ם „ראַט פון נאַציאָנאַלער פאַרזיכערונג“, אינאיינעם מיט די פאָרשטייער פון באַנקירן און פאבריקאַנטן.

אין לאַנד איז געוואָרן אַ רעאַקציע. די פרייהייטן פון פאָלק זיינען בארויבט געוואָרן. ס׳איז אָנגענומען געוואָרן אַ געזעץ, וואָס האָט פאַרבאָטן דעם פּאָסט־דעפּאַרטמענט איבערצופירן צייטונגען און זשורנאַלן „פאַררעטערישע“ און „פאַרפירערישע“, דאָס הייסט אַזעלכע, וועלכע זיינען געווען קעגן קריג.

אין לאַנד איז געשטיגן דער יאָקרעס; ס׳האָט אויסגעפעלט צוקער און קוילן. די רעגירונג האָט זיך ניט גערעכנט מיט׳ן רעכט פון פּריוואַט־אייגנטום און האָט איבערגענומען צו זיך אין די הענט אַלע אונטערנעמונגען, וואָס זיינען געווען נויטיג, קעדיי אָנצופירן דערפאָלגרייך דעם קריג. (נאָך דער מילכאָמע האָבן די באַלעבאָטים געקראָגן צוריק זייערע אייזנבאַנען און אַנדערע אַוועקגענומענע אונטערנעמונגען און די רעגירונג האָט דערפאַר באַפרידיקט מיט אַ פולער האַנט).

אינ׳ם וואַל־קאַמפּיין פון יאָר 1917 (ווען הילקוויט איז געווען אין ניו־יאָרק קאַנדידאַט פאַר מעיאָר) האָבן די אידישע מאַסן אַרויסגעוויזן זייער קעגן־מילכאָמע שטימונג, און זיי האָבן דערוויילט סאָציאַליסטישע אַסעמבלי־לייט און אָלדערמען.



י. וו. דעבס

קאפיטל XXXIV.

באלשעוויסטישע רעוואלוציע אין רוסלאנד. באלפור דעקלא־ראציע וועקט אויף שטארקע נאציאנאליסטישע געפילן. אידישער לעגיאן. פריזידענט ווילסאן רעדט איין דעם פאלק, אז דער אויסגאנג פון קריג וועט ברענגען גליק און פרייהייט פאר די מאסן. אידישער אנטייל אין דער אמעריקאנער ארמיי. דער ווערסאילער פרידן.

אין כיידעש נאוועמבער, יאר 1917, האבן די רוסישע אר־בעטער, געפירט פון די באלשעוויקעס, ארונטערגעזעצט די צייט־ווייליקע רעגירונג פון קערענסקין און דערקלערט די נייע הערשאפט פון ארבעטער און פויערים־סאוועטן.

די סאוועטישע רעגירונג האט אפגענומען ביים פאריץ דאס לאנד, ביים קאפיטאליסט די פאבריקן. זי האט פארוואנדלט די מילכאמע פון פאלק קעגן פאלק, אין א קריג פון אונטער־דריקטע קלאסן פאר זייער באפרייאונג.

זי האט גערופן אלע קריגס־לענדער צו שליסן אן עמעסן שאלעם, אן זיגער און באזיגטע. אז קיינער האט ניט איינגע־שטימט, איז זי געווען געצוואונגען צו שליסן א באזונדער שאלעם־אפמאך מיט די צענטראל־איראפייאישע רעגירונגען, קעדיי צו ראטעווען די רעוואלוציע פון אירע סאנים און אויס־שפרייטן זי איבער דער גאנצער וועלט.

די רעגירונגען, וועלכע זיינען פריער געווען רוסלאנד׳ס שותפים אין קריג, זיינען איצט געווארן אירע ערגסטע סאנים.

זיי האָבן מוירע געהאַט פאַר זייערע אַרבעטער, אַז זיי זאָלן ניט נאָכטאָן דעם באָלשעוויסטישן ביישפּיל. זיי האָבן געשיקט מיליטער־אָפּטיילונגען אין רוסלאַנד און געהאָלפן די סאָנים פון דער רעוואָלוציע אַרונטערצוואַרפן די נייע הערשאַפט.

אַלע קאַפּיטאַליסטישע צייטונגען האָבן אָנגעהויבן צו פאַר־שווארצן און מיט רעכילעסן צו פאַרטונקעלן די גרויסע איבער־קערעניש אין רוסלאַנד. מען האָט געשריבן, אַז לענין, דער גרוי־סער פירער פון דער רעוואָלוציע, און אַלע זיינע כאַווײרים, זיינען דייטשע שפּיאָנען, אַז די באָלשעוויקעס זיינען מערדער און טיראַנען, וועלכע האָבן פאַרכאַפּט די מאַכט, קעדיי צו דערשטיקן די רוסישע פרייהייט.

די אידישע מאַסן אין אַמעריקע זיינען געווען צעטומלט פון די אָנקומענדיקע ווידערשפּרעכנדיקע נייעס. די פּאַרמעגלאַכע קלאַסן האָבן גלייך דערשמעקט די סאַקאָנע, וואָס די נייע מאַכט טראָגט פאַר אַלע הערשער איבער דער גאַנצער וועלט, זיינען זיי געוואָרן אירע געגנער. די אַרבעטער האָבן אין דעם פּלאָנטער פון באַפאַרבטע פעלשערישע נייעס געבלאָנדזשעט און ניט גע־וואוסט, וואָס פאַר אַ שטעלונג צו נעמען.

פאַר די באַלעבאַטישע אידן האָט דערזעלביקער ביידעש נאָוועמבער געבראַכט אַ גליק און אַ נעכאָמע — די באַלפור־דעקלאַראַציע.

ענגלאַנד האָט דורך איר מעלוכע־סעקרעטאַר פאַר אויסלענ־דישע איניאָנים, אין אַ בריוו צום אידישן לאָרד ראָטשילד, געלאָזט וויסן, אַז זי סימפּאַטיזירט מיט'ן ציאָניסטישן אידעאַל און זי איז גרייט, נאָכ'ן קריג, העלפן די אידן אויפבויען אַ נאַציאָנאַלע היים אין פּאַלעסטינע.

פּאַלעסטינע איז נאָך דאַמאָלסט ניט געווען אין ענגלישע הענט. די לאַגע פון ענגלאַנד און אירע מילכאָמע־שוטפים איז

געווען אַ שלעכטע. יעדער קריגס־צאַד האָט געזוכט איבערגעווינען צו זיך מיטפילער און פאַרבינדעטע.

די אידישע רייכע קלאַסן זיינען געוואָרן באַגייסטערט. אפילע טיילן פון דער אָרימער מאַסע זיינען פאַרכאַפּט געוואָרן פון דעם גליק. ס'האָט זיך זיי געדוכט, אַז די אידישע גאָולע איז גע־קומען און אַז די ענגלישע הערשאַפט זוכט גאָרנישט, בלויז אויסלייזן דעם אידישן לײַדנדיקן קלאַל.

עס האָבן זיך דאַמאָלסט זייער פאַרשטאַרקט אין אַמעריקע די נאַציאָנאַליסטישע אידישע געפילן. אַ סאַך יונגעלייט האָבן זיך אָנגעשלאָסן אָן דעם „אידישן לעגיאָן" (דער ציאָן מויל־אייזל קאָרפּוס), וואָס די ענגלישע רעגירונג האָט צונויפגעשטעלט, העלפן איר שלאָגן זיך מיט די טערקן. די לעגיאָנערן האָבן בעעמעס געדענקט, אַז זיי שלאָגן זיך פאַר אַ הויכן נאַציאָנאַלן אידעאַל.

די וועלט־מילכאָמע האָט זיך געצויגן ביז נאָוועמבער, יאָר 1918.

דאָ אין לאַנד האָבן רעגירער און קאַפּיטאַליסטישע פאַר־שטייער אויפגעהאַלטן דעם מוט פון פאָלק מיט דעם, וואָס מען האָט אים צוגעטיילט אַ קליינעם כיילעק פון דער גאָלדענער שעפע, וואָס האָט זיך געגאָסן איבער די ברעגן. דער פּרעזידענט ווילסאָן האָט איינגערעדט דעם פאָלק, אַז דאָס איז אַ מילכאָמע צו ענדיקן אַלע מילכאָמעס. ער האָט צוגעזאָגט, אַז דער אויסגאַנג פון קריג וועט זיין גליק און פרייהייט פאַר די מאַסן און אויס־לייזונג פאַר אַלע שוואַכע און אונטערדריקטע פעלקער.

לייכט־גלויביקע האָבן געהאָפט, די ווידערשפעניקע האָט מען אַרעסטירט, די געווויסנס־קעגנער פון קריג און בלוט־פאַרגיסונג האָט מען פאַרשפּאַרט אין טפיסעס.

אין די ארמייען, וואָס די פאראייניקטע שטאַטן האָבן געשיקט צום שלאַכט, האָבן זיך געפונען 132,600 אידן. די פארמעגלאַכע אידישע קלאַסן האָבן צוגעשטעלט געוויע 6,500 העכערע אָפיצערן (פון פארשידענע ראנגען). אידישע מילכאָמע קאָרבאָנעס זיינען געווען: 3,500 געהארגעטע און 8,000 פאר־וואונדעטע. ס'זיינען געווען פאַלן, ווען אידישע יונגעלייט, פון מיליטער־עלטער, ניט קיין בירגער, זיינען אויך אריינגעשלעפט געוואָרן אין דער ארמיי.

פיר יאָר מיט דריי כאַדאָשים האָט זיך די וועלט־מילכאָמע געצויגן. צען מיליאָן מענטשן האָבן פארלאָרן זייערע לעבנס אויפ'ן שלאַכט־פעלד, פון צוואַנציק ביז פינף־און־צוואַנציק מיליאָן זיינען אונטערגעגאַנגען פון ליידן און מאַגייפעס. דאָס גוטס פון לענדער, וואָס איז אָנגעזאַמלט געוואָרן דורכ'ן בלוט און שווייס פון ארבעטנדיקע דוירעס, איז אַוועק מיט פייער און רויך. די וועלט האָט פרייער אָפּגעאָטעמט, ווען דעם 11טן נאָוועמבער איז די מילכאָמע געקומען צו אַ סאָף.

דייטשלאַנד, מיט אירע פאראייניקטע מעלוכעס, זיינען באַזיגט געוואָרן. דער דייטשער קייזער האָט פארלאָזן זיין פאָלק און איז אַנטלאָפן באַהאַלטן זיך אין האָלאַנד. אין יאָר 1919 איז אין דער שטאָט ווערסאַל (פראַנקרייך) געשלאָסן געוואָרן אַ שאָלעם־אָפּמאַך. די צוזאָגונגען פון פרעזידענט ווילסאָן זיינען צערונען געוואָרן: די מילכאָמע האָט זיך געענדיקט מיט פאר־כאַפּונגען און רויב. דער גרעסטער זיגער איז געווען אין איי־ראָפּע — דער טויט.

קאַפּיטל XXXV.

רעאַקציע אין לאַנד נאָכ'ן קריג. אין אייראָפּע אומרו און רעוואָלוציעס. קאָנטר־רעוואָלוציע פייערט איר זיג מיט אידישע פּאָגראָמען. אַמעריקאַנער אידן קלייבן הילף און רופן פּראָטעסט־פאַרזאַמלונגען און טרויער־מאַרשן. נאָך־מילכאָמע אימיגראַציע. גרינדונג פון דריטן אינטערנאַציאָנאַל. קאָמוניסטישע פּאַרטיי אין אַמעריקע. „רעכטע" און „לינקע". גרינדונג פון דער „פרייהייט".

די פרייהייטן, וואָס זיינען אוועקגענומען געוואָרן פון פאָלק אין צייט פון קריג, זיינען שוין צוריק ניט געקומען. נאָך דער מילכאָמע איז די רעאַקציע אין לאַנד געשטיגן.

די הערשער האָבן מוירע געהאַט, אַז דער גייסט פון אומרו און אויפשטאַנד, וואָס האָט זיך דאַמאָלסט צעשפּרייט איבער אייראָפּע, זאָל ניט קומען אַהער. האָט מען גענומען דערשטיקן דאָ אין לאַנד דעם מינדסטן קאָל פון פּראָטעסט: ס'איז פאַרווערט געוואָרן די רויטע פאָן אויף עפנטלאַכע אַרויסטרעטונגען, ס'זיינען געשאַפן געוואָרן גזיירעס קעגן די פרעמדע שפּראַכן פון מיליאָנען איינגעוואַנדערטע אַרבעטער, מ'האָט צוגעשלאָסן ראַדיקאַלע שולן, מ'האָט אַרעסטירט און אַרויסגעשיקט פון לאַנד רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער־פירער.

די נאָך־מילכאָמדיקע אייראָפּע איז געווען שטאַרק אומרואיק.

ווען די ארבעטער־מאסן האבן זיך ארומגעזען, אז זיי זיינען אפגענארט און פארפירט געווארן, האבן זיי געפרואווט נאכטאן דעם ביישפיל פונ׳ם רוסישן ארבעטער־קלאס און אויפהייבן זיך אנטקעגן זייערע פארפירער. אבער זיי זיינען געווען נאכ׳ן קריג אויסגעמאטערט, אפגעבלוטיקט און שוואך. זייערע סאנים זיינען שוין צו זיך געקומען נאך דער קריגס־אנשטרענגונג. די פאלשע ארבעטער־פירער האבן זיך פאראייניקט מיט די פארמעגלאכע קלאסן. די אויפשטאנדן זיינען דורכגעפאלן און דערטרונקען געווארן אין בלוט.

אין כיידעש מערץ, יאר 1919, איז אויסגעבראכן די באלשעוויסטישע איבערקערעניש אין אונגארן, אין אפריל — אין באווריע. אין דייטשלאנד זיינען אינ׳ם זעלביקן יאר, נאכ׳ן דורכפאל פון דעם ספארטאקיסטן־אויפשטאנד, דערמארדעט געווארן די ארבעטער־פירער, קארל ליבקנעכט און ראזע לוקסעמבורג. דאס רוסישע סאוועטן־לאנד איז געווען פארבלאקירט פון אלע זייטן און אינוועניק, אין לאנד, האבן די קאפיטאליסטישע רעגירונגען, מיט געלט און געווער, געהאלפן ארגאניזירן קאנטער־רעוואלוציאנערע מאכנעס, אונטער דער אנפירערשאפט פון געוועזענע צארישע גענעראלן.

די אויפשטאנדן אין אונגארן און באווריע זיינען דערשטיקט געווארן. אין רוסלאנד האט דער ארבעטער־קלאס באזיגט אלע זיינע סאנים. די ווייסע גענעראלן האבן אין דער קורצער צייט פון זייער זיג באגאסן דאס לאנד מיט אידישן בלוט. אין די יארן 1919 און 1920 האבן די באנדעס פון גענעראל דעניקין, פעטלורא, באלאכאוויטש און אנדערע אויסגעשאכטן 60,000 אידן און נאך אזוי פיל זיינען געווארן פארוואונדעט און פארקריפלט.

אויך די פאליאקן, וועלכע האבן געוואונען זייער זעלבסט־שטענדיקייט און געגרינדעט פאר זיך א קאפיטאליסטישע מעלוכע, האבן זייער באפרייאונג געיאמטעווט מיט פאגראמען און שכיטעס

אויף אידן. אזעלכע פאגראמען זיינען פארגעקומען אין לעמבערג, ווילנע און פינסק. די רעגירער זיינען געווען זיכער, אז די זיגרייכע לענדער וועלן זיך פאר אידן ניט איינשטעלן. פוילן איז געווען א יאכסנטע, זי האט געדארפט באשיצן איירָאפּע פון דער באלשעוויסטישער „סאקאנע“.

אומעטום, וואו די קאנטער־רעוואלוציע האט געזיגט, האט זי געפייערט איר זיג מיט אידישע פאגראמען.

די אידישע הילפס־ארגאניזאציעס אין אמעריקע האבן ווידער געקליבן געלט פאר פאגראם־געליטענע און הונגעריקע. מ'האט גערופן איבער'ן לאנד פראטעסט־פארזאמלונגען און טרויער־מארשן. מ'האט געפרואווט ווירקן אויף דער אמעריקאנער רע־גירונג, אז זי זאל זיך איינשטעלן פאר די אידישע קארבאנעס.

די עקאנאמישע לאגע אין לאנד איז געווען א גוטע: די זאפאסן סכוירעס זיינען אין קריגס־צייט פארנוצט געווארן און איצט האט מען געדארפט באשאפן נייע. איירָאפּע איז געווען אויסגעשעפּט און באנקראטירט. האט מען באזארגט די פאר־וויסטע לענדער מיט'ן נויטיקסטן און אויפגעהורבעט א ריזיקן כוויוו, וואס האט די איירָאפּייאישע מאסן פארשקלאפט צו די היגע באנקירן און פאבריקאנטן.

די אידישע נאך־מילכאמע אימיגראציע איז געווען קליין אין צאל. דער קאל פון די אימיגראנטן־סאנים האט זיך שוין דא געהערט אלץ העכער און שטארקער. פון איין זייט די פירער פון די אמעריקאנער יוניאנס און דער א. פ. ל., וועלכע האבן זיך געשראקן, אז א שטראם אימיגראנטן, פון דער נאך־מילכאמעדיקער פארארימטער איירָאפּע, וועט ארפּדריקן דעם העכערן לוין פון די היגע ארבעטער; פון דער צווייטער זייט האט דער קאפּיטא־ליסטישער קלאס אנגעפאנגען מוירע צו האבן פאר דעם אומ־רואיקן איירָאפּייער ארבעטער מיט זיינע שארפע רעוואלוציאנערע שטרעבונגען.

אין יאָר 1921 זיינען אהער אָנגעקומען 118.000 אידישע אימיגראַנטן. אין יאָר 1922 — 52,000; אין די יאָרן 1923 און 1924 — 100,000. אין יאָר 1924 איז אָנגענומען געוואָרן אין קאָנגרעס דער נאַציאָנאַלער אָפּשטאַם געזעץ (נעשאָנאַל אָרי־דזשין לאָו), וואָס האָט די אידישע אימיגראַציע קימאַט אינגאַנצן אָפּגעשטעלט.

די נייע אידישע אימיגראַנטן זיינען געקומען גרעסטנטיילס פון די גרעניץ־לענדער, וואָס האָבן זיך אָפּגעטיילט פון רוסלאַנד (פוילן, ליטע, לאַטוויע). דאָס איז געווען אַן אוילאָם, וואָס האָט איבערגעלעבט די מילכאָמע, אָקופּאַציעס, רעוואָלוציע, באַנדיטעריי, פּאָגראָמען, הונגער און אַלערליי טויט־שרעקן. אַ גרויסער טייל פון זיי האָט מיט זיך געבראַכט דעם פאַרשאַרפטן רעוואָלוציאָנערן גייסט און אריינגעמישט אים אין דעם לעבן פון דעם היגן אידישן אַרבעטער.

אַ צווייטער טייל איז באַשטאַנען פון די אויסגעשפּיגענע רוסישע עמיגראַנטן, געוועזענע גווירים, סאָכרים, ספּעקולאַנטן, בלוטיקע סאָנים פון דער אַרבעטער־הערשאַפט, וואָס האָט זיי אַרויסגעשטויסן פון זייער הויכן מאַצעוו.

די אָנגעקומענע עמיגראַנטן האָבן דאָ געטראָפן אַ פאַרשידנאַרטיקן צעצווייגטן אידישן לעבן: אויפגעוואַקסענע קאַפּיטאַליסטן, אַ מאַסע אידישע קליין־הענדלער, אַן אַרבעטער־קלאַס, וועלכער האָט דורך יאָרן קאַמף געוואונען פאַר זיך בעסערע לעבנס־באַדינגונגען. די ערשטע אימיגראַנטן־געטאָס זיינען שוין געווען צעבראָכן. אין ניו יאָרק איז די איסט־סייד שוין ניט געווען דער איינציקער אידישער קוואַרטאַל. נייע געגנטן, מיט אַ סאַך מער באַקוועמלאַכקייטן, זיינען אויסגעוואַקסן און באַזעצט געוואָרן פון אידישן מאַסן, קימאַט אין יעדער שטאָט.

די באַלעבאַטישע אידן האָבן זיך פאַרייניקט אַרום דער נאַציאָנאַליסטישער באַוועגונג. די ציאָניסטישע אַרבעט ווערט גרעסטנ־

טיילם געפירט מיט'ן געלט פון אַמעריקאַנער אידן. יעדער קלאַל־מענטש און פּאָליטישן זוכט אריינצוטרעטן צווישן די נאַציאָנאַליסטן קעדיי צו ווערן בארימט, צו געווינען אָנערקענונג און געזעלשאַפטלאַכע עמטער.

אין די קריגס־יאָרן, און גלייך נאָכ'ן קריג, ווען ס'האָט גע־בליט ספּעקולאַציע און פּראָפיטירונג (דאָס ניט־ערלאַכע אַרויפ־שרויפונג פון פּרייזן אויף נויטיקע סכוירעס), איז געלונגען אַ קליינעם טייל פון אידישע אַרבעטער אַרויסרייסן זיך פון זייער קלאַס און געווינען פאַר זיך רייכקייט. אַ טייל פון זיי האָט זיך, מיט'ן בייט פון זייערע לעבנס־באַדינגונגען, אָפּגערוקט פון דעם אַרבעטער־קלאַס און פון זיינע אידעאַלן; אַ טייל איז פאַרבליבן אין די ראַדיקאַלע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס; אָבער זיין אָנ־געהעריקייט צום קלאַס פון באַזיצער און באַלעבאַטים האָט די שאַרפקייט פון זיינע אַמאָליקע ראַדיקאַלע געדאַנקען און אידעאַלן אָפּגעשוואַכט און פאַרטעמפּט.

די אידישע ראַדיקאַלע אַרבעטער האָבן אין יאָר 1919 דורכ־געלעבט אַ שפּאַלטונג, וואָס האָט צעטיילט אַלע אַרבעטער פון דער גאַנצער וועלט.

איין טייל איז צוגעשטאַנען צום דריטן אינטערנאַציאָנאַל, אויפגעבויט אויפ'ן אָרט פון צווייטן אינטערנאַציאָנאַל, וועלכער איז צעפאַלן געוואָרן צוליב דעם פאַרראַט און מילכאָמע־פּאַטריאָ־טיזם פון זיינע פירער. דאָ אין אַמעריקע האָט דער טייל, צוזאַמען מיט אַנדערע אַרבעטער, וועלכע האָבן זיך אָפּגעטיילט פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, געגרינדעט די „אַרבעטער" און שפּעטער די „קאָמוניסטישע" פּאַרטיי.

אַן אַנדער טייל איז געבליבן מיט די אַלטע סאָציאַליסטישע פירער; זיי האָבן זיך געשטעלט אַנטקעגן דער סאָציאַלער רע־וואָלוציע אין רוסלאַנד, אַנטקעגן די קאָמוניסטישע אַרבעטער אויף דער גאַנצער וועלט. זיי האָבן געטיינעט, אַז סאָציאַלע איבער־

קערענישן זיינען שעדלאך, אז דער ארבעטער דארף איצט קעמפן פאר אויסבעסערונגען און רעפארמען און דער סאציאליזם וועט קומען דאמאלסט, ווען דער ארבעטער־קלאס וועט אויסקלייבן א מאיאריטעט מיטגלידער אין פארלאמענט און געווינען דורך אן אפשטימונג די גאנצע רעגירונג פאר זיך.

די, וועלכע זיינען געשטאנען מיט די קאמוניסטן, האבן זיך גערופן „לינקע"; די צווייטע — „רעכטע".

אין די ערגסטע יארן פון דער נאך־מילכאמע רעאקציע האבן זיך שוין ארגאניזירט קליינע גרופעס קאמוניסטן און אנגעפירט זייער ארבעט געהיים. (זיי האבן זיך געמוזט אויסבאהאלטן צוליב די גרויסע רעגירונגס־פארפאלגונגען און יאגדן אויף רויטע.) זיי האבן ארויסגעגעבן צייטונגען: „דער קאמף", פראלעטאריער", „דער עמעס". אין יאר 1921 האט זיך די „אידישע סאציאליס־טישע פעדעראציע" אויך אפגעריסן פון דער סאציאליסטישער פארטיי. אלע קאמוניסטישע גרופעס האבן זיך פאראייניקט און געגרינדעט די „ווארקערס פארטיי". די סאציאליסטישע צייטונג „פארווערטס" האט אויסגעשלאסן אירע מיטארבעטער, די שרייבער־קאמוניסטן. די קאמוניסטישע אידישע ארבעטער האבן אין יאר 1922 געגרינדעט א נייע טעגלאכע צייטונג — די „פרייהייט".

די ערשטע רעדאקטארן זיינען געווען מ. אלגין און שאכנע עפשטיין.

שפעטער איז ארויס א מאנאטלאכער קאמוניסטישער זשור־נאל „דער האמער", רעדאקטירט פון א קאלעגיע בארימטע קא־מוניסטישע שרייבער: מ. אלגין, קאלמען מארמאר, מ. עפשטיין און ש. עפשטיין. דער „האמער" איז דערשינען ביז'ן יאר 1929.

די אידישע קאמוניסטישע פרעסע ווערט ניט אונטערשטיצט פון גווירים און ווערט ניט ארויסגעגעבן פאר געשעפטס־צוועקן. דער איינציקער אויפהאלטער און אונטערשטיצער פון דער פרעסע איז דער ארבעטער־קלאס.

מ. אָלגין

קאפיטל XXXVI.

אויפשטאנד פון נאדל־פאך־ארבעטער אנטקעגן זייערע פירער. אויפקלערונגס־קלובן. אויסשליסונג פון לאקאלן. „דזשאינט עקשאן" קאמף. א קורצער שאלעם. פארראט פון די „רעכטע" פירער. באנייטער קאמף. גרינדונג פון דער אינדוסטריעלער יוניאן.

די אויפקלערונג, וואס די קאמוניסטן האבן געבראכט צו די אידישע ארבעטער, פאר דער סאוועטן־רעגירונג, פאר ארבעטער־הערשאפט אויף דער גאנצער וועלט, אנטקעגן ניט־ערלאכע יוניאן־פירער און אנטקעגן די סאציאליסטן, וועלכע האבן אויסגעביטן דעם אידעאל פון ארבעטער־קלאס אויף פשארעס מיט די מאכט־האבער און אויף שוטפעסדיקן קאמף אנטקעגן קאמוניסטן, האט אין יאר 1925 געבראכט צו אן אויפשטאנד פון די ארבעטער פונ'ם נאדל־פאך אנטקעגן זייערע פירער.

די לאגע נאך דער מילכאמע האט אנגעהויבן ווערן ערגער. עס האט זיך גענומען אומקערן ביסלאכווייז צוריק די אלטע פאר־האסטע שוויץ־שאפ סיסטעם: די באלעבאטים פלעגן פארמאכן זייערע גרויסע פאבריקן און אויסטיילן די ארבעט צו קאנטראק־טארס און געהילף־קאנטראקטארס אין קליינע פאבריקלאך. דארט איז געווען לייכטער אויסצובאהאלטן זיך פונ'ם קאנטראל פון דער יוניאן און אונטערדריקן די ארבעטער.

די באוואוסטזיניקע יוניאן־מיטגלידער האבן געפאדערט, אז מען זאל גלייך אויפהויבן א קאמף אנטקעגן דער נייער שוויץ־

שאפ סאקאָנע, און ניט דערלאָזן, אַז דער אַרבעטער זאָל צוריק אַרונטערפאַלן צו דער נידעריקער מאַדרייגע, פון וועלכער ער האָט זיך ניט לאַנג, דורך אָנשטרענגונג און קאַמף, דערהויבן. זיי זיינען געוועזן די „לינקע".

אָבער די „רעכטע" יוניאָן-פירער (וועלכע האָבן שוין לאַנג זיך אָפּגעזעגנט מיט שווערער אַרבעט אין אַ פאַבריק און האָבן אין די מילכאָמע-יאָרן פאַרזוכט דעם טאַם פון זאַטקייט און שעפע) זיינען מיט אַנדערע זאַכן געוועזן פאַרנומען: זיי האָבן געזוכט אָנצוהאַלטן זייער הערשאַפט איבער די אַרבעטער און ניט דערלאָזן, אַז אַנדערע פירער זאָלן פאַרנעמען זייער אָרט.

די אינטערנאַציאָנאַלע קליידער אַרבעטער יוניאָן (אינטער־נעשאָנאַל לײדיס גאַרמענט וואָירקערס) האָט געהאַט דעם גרעסטן טייל פון אירע מיטגלידער אין ניו־יאָרק. אומעטום זיינען די אַרבעטער געווען צעטיילט אין פאַרשידענע לאָקאַלן, גרעסערע און קלענערע. קעדיי צו פאַרזיכערן זיך מיט זייערע עמטער, האָבן די „רעכטע" פירער אָנגעהאַלטן אַ פאַרעלטערטן געזעץ, וועלכער באַשטימט די צאָל פאַרטרעטער פון יעדן לאָקאַל צום „אינטערנעשאָנאַל"-צוזאַמענפאָר, וואָס ס'ווערט אויסגעקליבן די הויפּט־פאַרוואַלטונג פון דער גאַנצער יוניאָן: אַ לאָקאַל פון זיבן מיטגלידער האָט געשיקט צוויי דעלעגאַטן און אַ לאָקאַל פון טויזנט מיטגלידער, און העכער — ניט מער ווי עלף. מיט דער הילף פון קליינע „פּאַפּירענע" לאָקאַלן (וועלכע פלעגן צונויפ־געשטעלט ווערן ערעוו דעם צוזאַמענפאָר) פלעגט די פירער גע־לינגען אַלעמאָל צו קריגן פאַר זיך אַ מערהייט.

די „לינקע" האָבן זיך אָרגאַניזירט אין אויפקלערונגס־קלובן (טרייד יוניאָן עדיוקיישאָנאַל ליגס), מיט'ן ציל צו אָרגאַניזירן די אומאָרגאַניזירטע אַרבעטער, און אויפקלערן די מיטגלידער, איבער־צונעמען אין זייערע אייגענע הענט די פירערשאַפט פון דער יוניאָן.

דער פרעזידענט פון דער „אינטערנעשאָנאַל" (זיגמאַן) האָט

אין יאָר 1923 אַרויסגעגעבן אַ באַפעל, אַז אַזעלכע קלובן זיינען אומגעזעצלאַך. דער, אויף וועמען ס'איז געפאַלן אַ כשאַד, אַז ער איז אַ מיטגליד פון קלוב, האָט געדאַרפט אונטערכאַסמענען זיך, אַז ער האָט ניט מיט אים קיין פאַרבינדונג, אויב ניט איז ער אַרויסגעוואָרפן געוואָרן פון דער יוניאָן.

די גזיירע האָט מען דורכגעפירט מיט דער הילף פון די באַלעבאַטים. (אָט פאַרוואָס מען האָט אַנטקעגן זיי ניט געקענט קעמפן.) מען האָט אויסגעשלאָסן גאַנצע לאָקאַלן און איינציקע מיטגלידער; די באַלעבאַטים האָבן זיי פאַרטריבן פון פאַבריק; דורכ'ן בייטש פון הונגער האָט מען געצוואונגען די איינגעשפּאַרטע זיך אונטערצוגעבן.

אין יאָר 1925 האָבן די מאַנטל-נייער פון דריי גרעסטע לאָקאַלן אין ניו יאָרק (צוזאַמען 28,000 אַרבעטער) געפייערט דעם ערשטן מאַי יאָמטעוו. זיי האָבן איינגעלאַדן אַרבעטער-רעדנער. צווישן די רעדנער איז געווען דער רעדאַקטאָר פון „פרייהייט", מ. אָלגין. די „אינטערנעשאָנאַל"-פירער האָבן אויפגעהויבן אַ גוואַלד, אַז די לאָקאַלן ווערן געפירט פון קאָמוניסטן: אַ סימען, אַז מען האָט איינגעלאַדן צום יאָמטעוו אַ קאָמוניסטישן פירער. פאַר דעם כעט האָט מען די דריי לאָקאַלן אויסגעשלאָסן פון דער יוניאָן.

די אַרבעטער האָבן זיך פאַראייניקט אין אַן אַקציאָנס-קאָמיטעט (דזשאָינט עקשאָן קאָמיטע) און געקעמפט אַנטקעגן זייער אויס־שליסונג. מיטגלידער פון אַנדערע לאָקאַלן האָבן זיך אויך אָנ־געשלאָסן אָן קאַמף. צענדליקער טויזנטער אַרבעטער האָבן דע־מאָנסטרירט, געוואָרפן די אַרבעט און פאַררופן אַ פּראָטעסט־פאַרזאַמלונג אין „יענקי סטאַדיום". (ס'איז דאַמאָלסט געווען די גרעסטע פאַרזאַמלונג אין דער געשיכטע פון אידישן אַרבעטער קאַמף). די „אינטערנעשאָנאַל"-פירער האָבן מיט דער הילף פון כוליגאַנעס אַריינגעריסן זיך ביינאַכט און פאַרכאַפּט די קאַנטאָרן

(אָפּיסעס) פון די אויסגעשלאָסענע לאָקאַלן. איין קאָנטאָר פון די קליידלאַך־מאַכערנס (דרעסמייקערס) איז באַוואַכט געוואָרן טאָג און נאַכט פון די מיידלאַך־אַרבעטערנס, צוליב דער מוירע, אַז מען זאָל זייער אָפּיס אויך ניט פאַרכאַפּן. זעכצן וואָכן האָט דער קאַמף געדויערט, ביז וואַנען די „רעכטע" פירער זיינען געצוואונגען געווען צו מאַכן שאָלעם און צוריק אַריינעמען די אויסגעשלאָסענע לאָקאַלן.

דער שאָלעם האָט לאַנג ניט אָנגעהאַלטן: די פאַראייניקטע לאָקאַלן פאַרוואַלטונג (דזשאָינט באָרד) אין ניו־יאָרק איז נאָכ'ן קאַמף איבערגעגאַנגען אין די הענט פון „לינקע" פירער. די אַרבעטער אין ניו־יאָרק האָבן זיך אָנגעהויבן גרייטן צו אַ סטרייק. צום סטרייק האָט מען זיך נאָך געגרייט צייט דעם יאָר 1924. דאַמאָלסט האָט זיך דער „אינטערנעשאָנאַל"־פּרעזידענט געווענדט צום גאָווערנאָר פון שטאַט, ער זאָל זיך אַריינמישן און אויסגלייכן דעם סיכסאַך.

דער גאָווערנאָר האָט באַשטימט אַ קאָמיסיע. זי האָט געדאַרפט אויספאָרשן די לאַגע פון די מאַנטל־נייער. אין יאָר 1926 האָט די קאָמיסיע פאַרעפנטלאַכט איר באַריכט און אירע רעקאָמענדאַציעס. ס'איז געווען אַ פּשאָרע־פּלאַן (ווי דער אַמאָליקער פּראָטאָקאָל) און איז געווען מער צום גונסטן די באַלעבאַטים, איידער די אַרבעטער.

די אַרבעטער זיינען געווען קעגן דעם אָפּמאַך. די „לינקע" פירער פון די פאַראייניקטע לאָקאַלן האָבן גערופן אַ מאַסן־פאַרזאַמלונג אין „מעדיסאָן־סקווער גאַרדן" און ס'זיינען געקומען 20,000 אַרבעטער. דאָרטן איז איינשטימיק באַשלאָסן געוואָרן צו רופן אַ גענעראַל־סטרייק. דעם ערשטן יולי, יאָר 1926, איז דער סטרייק אויסגעבראָכן.

די „רעכטע" אינטערנעשאָנאַל־פירער האָבן אויך אַנטייל גענומען אין סטרייק. ס'איז געווען אַ שווערער קאַמף. טויזנטער

ארבעטער זיינען געגאנגען אין פיקעט־דעמאנסטראציעס. צוזאמען מיט די מאסן — זייערע פירער. די פאליציי האט געשלאגן און ארעסטירט. ערשט אויף דער ניינצענטער וואך האבן זיך די באלעבאטים גענומען בויגן: דער ערשטער אפמאך מיט א גרופע פאבריקאנטן איז געשלאסן געווארן.

פארויס איז געווען נייער איינגעשפארטער קאמף; אבער גאר אינמיטן האבן די „רעכטע" פירער דערקלערט א קאמף צו זייערע ניו־יארקער לאקאלן. מען האט אויפגעהויבן א געשריי, אז די קאמוניסטן האבן די ארבעטער־מאסן פארפירט; אז דער סטרייק איז געווען ניט נויטיק און דער פלאן פון דעם גאווערנארס קאמיסיע — גוט. אז קעדיי צו געווינען דעם סטרייק מוזן די „רעכטע" איבערנעמען די פירערשאפט. אזוי האבן די „רעכטע" געוואלט איינרעדן די ארבעטער; אזוי האבן זיי געשריבן אין די קאפיטאליסטישע צייטונגען. צו הילף די „רעכטע" איז גע־קומען די סאציאליסטישע צייטונג „פארווערטס" און די א. פ. ל.

די ארבעטער האבן דאמאלסט פאררופן א פארזאמלונג אין „מעדיסאן־סקווער גארדען". 18 טויזנט ארבעטער האבן זיך צונויפ־געקליבן און ארויסגעוויזן זייער גלויבן אין די „לינקע" פירער. זייער איינשטימיקער רוף איז געווען, אז זיגמאן, דער „אינטער־נעשאנאל" פרעזידענט, זאל פארלאזן זיין אמט.

אבער די „רעכטע" פירער זיינען אנגעגאנגען מיט זייער צעשטערנדיקער ארבעט: זיי האבן אויסגעשלאסן די „לינקע" לאקאלן און געצוואונגען די ארבעטער זיך גיין פארשרייבן (רע־גיסטרירן) אין די ניי־געגרינדעטע „רעכטע" לאקאלן. צו הילף האט מען גענומען די באלעבאטים, וועלכע האבן ארויסגעווארפן פון די פאבריקן יענע, וועלכע האבן ניט געפאלגט.

די ארבעטער זיינען אויסגעשטאנען פארפאלגונגען, קלעפ און הונגער. שוואכערע האבן זיך אונטערגעגעבן; מוטיקע האבן

העלדיש געמעקפט. די ארויפגעצוואונגענע פירער זיינען ביי אלעמען געוואָרן פאַרהאַסט.

ביסלאַכווייז איז ביי די אַרבעטער צייטיק געוואָרן אַ געדאַנק, צו גרינדן אַ נייע אינדוסטריעלע יוניאָן פון אַלע אַרבעטער פון׳ם נאָדל־פאַך. אַ יוניאָן, וואָס זאָל ווערן געפירט און קאָנטראָלירט בלויז פון די אַרבעטער. דער גרינדונגס־צוזאַמענפאָר פון די מאַנטל־נייער איז געווען אין ניו־יאָרק, אין כיידעש דעצעמבער, יאָר 1928. אין דערזעלביקער צייט איז אויך פאָרגעקומען אַ צוזאַמענפאָר פון די פוטערוואַרג־אַרבעטער (פאָריערס), וועלכע האָבן אויך אין ניו־יאָרק אויסגעקליבן לינקע פירער, געסטרייקט, געקעמפט און געוואונען. נאָכדעם האָבן די „רעכטע" צעבראָכן די לאָקאַלן און פאַרכאַפּט די מאַכט. ביידע צוזאַמענפאָרן האָבן זיך צונויפגעשמאָלצן און ס׳איז געגרינדעט געוואָרן דער „נאָדל־פאַך אַרבעטער אינדוסטריעלער פאַריין". (נידל טרייד וואָירקערס אינדאַסטריעל יוניאָן).

דער פּרעזידענט פון דער אינדוסטריעלער יוניאָן איז ל. היימאַן (אַ פירער פון די מאַנטל־נייער) און דער סעקרעטאַר — ב. גאָלד (אַ פירער פון די פאָריער).

דער קאַמף צווישן דער אינדוסטריעלער יוניאָן און דער „אינטערנעשאָנאַל" איז נאָך ניט פאַרענדיקט. די „רעכטע" מיט דער הילף פון די באַלעבאַטים, פון דער פּאָליציי און דער שטאַט־רעגירונג, זיינען נאָך שטאַרק. גאַנץ אָפט ווערן די ברוך־שטיינער פון די פאַבריק־געגנטן באַפאַרבט מיט בלוט פון „לינקע" צע־שלאָגענע אַרבעטער. דער קאַמף צווישן אַרבעטער און „רעכטע" פירער קומט אויך פאָר ביי די שניידער אין דער „אמאַלגאַמייטעד", ביי די היטל־נייער און אַנדערע. דער קאַמף איז בלויז אַ טייל (און אַ גאַנץ קליינער) פון דעם וואָס קומט פאָר אין אַמעריקע און איבער דער גאַנצער וועלט.

קאַפּיטל XXXVII.

די קעמפנדיקע אַרבעטער און זייערע אינסטיטוציעס.

די קאָמוניסטן האָבן ניט בלויז אין דער יוניאָן און אויף דער פּאָליטישער פּאַרזאַמלונג געבראַכט זייער וואָרט צום אַרבעטער־קלאַס; אומעטום, אין יעדן ווינקעלע פון אידישן אַרבעטער־לעבן, האָט זיך אונטער דער ווירקונג פון די „לינקע“ קאָמוניסטן צעבליט אַ ניי לעבן און נייע טעטיקייטן.

אזוי איז געגרינדעט געוואָרן דער „אַרבעטער הילפס־קאָמיטעט“, פאַר די פּאַראָרימטע און מילכאָמע־געליטענע אידישע מאַסן אין אייראָפּע. אַפריער איז די אַרבעטער־הילף געווען אַ טייל פון דער אַלגעמיינער פּאַראייניקטער הילפס־אַרבעט (דזשאָינט רעליף). די אַרבעטער האָבן זיך נאָכגעשלעפּט נאָך די גוטהאַרציקע „פירער“ פון די קאַפּיטאַליסטישע יאהודים, וועלכע האָבן די געזאַמלטע הילף געטיילט צווישן די אָפּגעשטאַנענע רעליגיעזע, אָדער נאַציאָנאַליסטישע אידן פון אייראָפּע און געהאָלפן פאַרפעסטיקן זייערע אינסטיטוציעס. פאַר'ן באַוואוסטזיניקן אַרבעטער־קלאַס און זיינע אינסטיטוציעס איז די הילפס־האַנט געווען פאַרמאַכט. די געדונגענע אַמעריקאַנער הילפס־פּאַרטיילער האָבן געקוקט מיט גרינגשעצונג און פאַראַכטונג אויף די אָרימע מאַסן און די אַרבעטער אין יענע לענדער האָבן שאַרף פּראָטעסטירט אַנטקעגן די "באַליי־צדאָקעס", וואָס וואַרפן צו אַ שטיקל ברויט, אָדער אַ בעגעד צום געפאַלענעם „בעטלער“. די לינקע אַרבעטער אין אַמעריקע האָבן געפאָדערט, אַז די אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע „פאָלקס־הילף“ (פּיפּלס רעליף) זאָל זיך אָפּרייסן פון דעם „דזשאָינט“, אַז די „רעכטע“ פירער האָבן זיך געשטעלט אַנטקעגן, איז גע־

גרינדעט געוואָרן דער „אַרבעטער הילפס־קאָמיטעט" צו העלפן די אידישע מאַסן אין אייראָפּע ניט צוליב צדאָקע־געפילן, נאָר צוליב דעם טיפערן געפיל פון אַרבעטער־סאָלידאַריטעט און ברידער־לאַכקייט.

אַז די סאָוועטישע רעגירונג האָט אָנגעהויבן באַזעצן אויף לאַנד די דעקלאַסירטע מאַסן (קליינבירגער, הענדלער, קרעמער, זעלבסטשטענדיקע באַלמעלאָכעס, וועלכע האָבן נאָך דער רעוואָלוציע פאַרלאָרן זייער פּאַרנאָסע) האָט דער „לינקער" אידישער אַרבעטער אין אַמעריקע געהאָלפן גרינדן דעם „איקאָר", אַן אָרגאַניזאַציע, וואָס שיקט געצייג, לאַנדווירטשאַפטלאַכע מאַשינעס און טראַקטאָרן און שטיצט מיט געלט די נייע קאָלאָניסטן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד.

צום ערשטן מאָל אין דער אידישער געשיכטע זיינען, מיט דער הילף פון דער סאָוועטן־רעגירונג, אויסגעוואַקסן אידישע ערד־אַרבעט יעשואָוויס אין אוקראַינע, ווייס־רוסלאַנד און אין קרים. לעצטנס האָט די סאָוועטן־מאַכט אויסגעטיילט אַ ברייטן שעטאַך לאַנד אין בירא־בידזשאַן(מיזראַך־סיביר, די געגנט פון אַמור) פאַר אַ מאַסן־קאָלאָניזאַציע, וואָס זאָל שפּעטער פירן צו דער גרינדונג פון אַ אידישן פעדעראַטיוון סאָוועטן־צענטער. די קאָלאָניזאַציע־אַרבעט אין סאָוועטן־פאַרבאַנד (אַ כויז אין בירא־בידזשאַן) ווערט אויך אונטערשטיצט פון דער יאַהודימשער הילפס־אָרגאַניזאַציע (אַגראָ־דזשאָינט).

די לינקע אידישע אַרבעטער האָבן געגרינדעט געזאַנגס־פאַראיינען און אָרקעסטערס, וועלכע זיינען פאַרבונדן צוזאַמען אין דעם „מוזיקאַלישן אַרבעטער פאַרבאַנד". די כאָרן און אָרקעסטערס טרעטן אויף אויף אַרבעטער־אונטערנעמונגען און יאָם־טויווים, ניט ווי איינגעלאַדענע פרעמדע געסט, נאָר ווי טיילן פונ׳ם אַרבעטער־קלאַס, אים מונטערן אויף זיין סימכע און אַנטייל־נעמען אין זיין קאַמף.

צווישן די פירער פון די געזאַנג־פאַראיינען איז באַקאַנט דער נאָמען פון י. שייפער, קאָמפּאָזיטאָר און דיריגענט, וועלכער האָט געשאַפן די מוזיק־טעקסטן פאַר די „צוויי ברידער“ פון י. ל. פּערעץ, „צוועלף“ פון א. בלאָק, און „מאָשיאַך בען יויסעף“ פון שטיינמאַן און פאַר אַ סאַך אַנדערע אידישע אַרבעטער־לידער.

די לינקע אַרבעטער האָבן אויך געגרינדעט דעם „אַרבעטער טעאַטער פאַרבאַנד“ (אַרטעף). די ערשטע אויפפירונג פון „אַרטעף“ אין ניו־יאָרק, „ביים טויער“ פון ב. שטיינמאַן, האָט איבערגעלאָזן אַ שטאַרקן איינדרוק אויף די אידישע אַרבעטער.

אין די לעצטע יאָרן זיינען געגרינדעט געוואָרן די „אַרבעטער־קלובן“. זייער ציל איז צו דערציען די מיטגלידער אין גייסט פון אַרבעטער־קאַמף און שאַפן אַ פּראָלעטאַרישע סוויווע פאַר קאָלעקטיווער אַרבעט און פאַרווייל ונג.

די קלובן אָרדענען איין לעקציעס, דעבאַטעס און דיסקוסיעס; זיי גרינדן ביבליאָטעקן, גיבן אַרויס וואַנט־צייטונגען, פאַרנעמען זיך מיט שפּיל, ספּאָרט, פיזישער קולטור און אַרויסשפּאַצירונגען (הייקס). אַ כוץ דעם רופן זיי זיך אָפּ אויף יעדער וויכטיקער געשעעניש אין אַרבעטער־לעבן און העלפן אָנפירן דעם קאַמף פון אַרבעטער־קלאַס אַנטקעגן זיינע סאָנים.

אָט די קלובן זיינען אַנדערש פון די געוויינלאַכע „לאַנדס־מאַנשאַפט“, „קולטור“ אָדער „סאָשעל“ קלובן, וואוהין די מיטגלידער קומען צוגיין בלויז פאַרברענגען אַ פּאָר שאָ אויף אַ פּריוואַטן אויפן. די „אַרבעטער קלובן“ זיינען אַ טייל פון דער גאַנצער אַרבעטער באַוועגונג און ניט אַן אָפּגעריסן פאַרצאַמט ווינקל פאַר זיך אַליין.

די לינקע אַרבעטער האָבן אויך אויסגעברייטערט און אַריינגעטראָגן מער שוואונג אין דער אויפבוי־אַרבעט פון קאָאָפּעראַטיווע אונטערנעמונגען. קאָאָפּעראַציע איז נאָך געווען אַ צויבער־וואָרט

ביי די אידישע סאָציאַליסטן אין די אַמאַליקע יאָרן. די אַלטע סאָציאַלסטן האָבן באַטראַכט קאָאָפּעראַטיווע אונטערנעמונגען, ווי קערנדלאַך, פון וועלכע ס'וועט מיט דער צייט ארויסוואַקסן דער סאָציאַליסטישער שטאַט.

מיר געדענקען, ווי די ערשטע אַם־אויל־אַמניקעס, נאָכ'ן דורכ־פאַל פון זייערע קאָמוניסטישע קאָלאָניעס, האָבן געבויט אַ קאָ־אָפּעראַטיווע העמדל־פאַבריק און אַ וועשעריי (לאָונדרי). די ערשטע סאָציאַליסטן האָבן אין יאָר 1885 געפּלאַנעוועט צו גרינדן אַ קאָאָפּעראַטיווע אויסגאַבן־געזעלשאַפט (פּאָבלישינג אַסאָסיאיי־שאָן) פאַר אַ אידישער אַרבעטער־צייטונג. דער אַרבעטער־רינג, אין די ערשטע יאָרן פון זיין גרינדונג, האָט צווישן זיינע פאַר־שידענע צילן אויך געהאַט אַ ציל — בויען קאָאָפּעראַטיווע געֿ־שעפטס־אונטערנעמונגען. אַזעלכע קאָאָפּעראַטיווע געברויך־געֿ־זעלשאַפטן, ווי בעקערייען, שפּייז און פּלייש־קראָמען, זיינען געווען אין אַ סאַך שטעט, וואו אידישע אַרבעטער האָבן געֿ־וואוינט.

די לינקע אידישע אַרבעטער האָבן געגרינדעט קאָאָפּעראַטיווע וואוינונגס־געזעלשאַפטן. זיי האָבן אויפגעבויט אין ניו־יאָרק די „פאַראייניקטע אַרבעטער" קאָלאָניע, לעבן בראָנקס פּאַרק און דעם „יוניטי" קאָאָפּעראַטיוו אין האַרלעם. זיי האָבן אויך געבויט זומער־קעמפּס, אַן אָפּרו און פאַרוויילונג־היים פאַר די אַרבעטער, אין פאַרשידענע שטאַטן איבער'ן לאַנד. פון זיי זיינען באַוואוסט: „ניט־געדייגעט" און „יוניטי" אין שטאַט ניו־יאָרק, נאָך צוויי „ניט־עגדייגעט" קעמפּס אין מאַסאַטשוזעטס און אילינאָיז און נאָך אַנדערע איבער'ן לאַנד.

אויך אַנדערע טיילן פון דער אידישער באַפעלקערונג האָבן אין די לעצטע יאָרן אויפגעבויט קאָאָפּעראַטיווע וואוינונגען און קעמפּס. פון זיי זיינען באַקאַנט: „די אידישע היים געזעלשאַפט", די קאָאָפּעראַטיווע הייזער פונ'ם נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד

און פון דער אַמאַלגאַמייטעד יוניאָן, די קעמפּס „בויבעריק“ פון די שאָלעם־אַלייכעם שולן, „אונזער קעמפּ“ פונ׳ם נאַציאָנאַלן אַר־בעטער פאַרבאַנד, דער אַרבעטער־רינג קעמפּ און נאָך אַנדערע.

איין זאַך וואָס אונטערשיידט די אויפגעבויטע „לינקע“ אינסטיטוציעס פון אַלע אַנדערע אויף דער אידישער גאַס: זיי זיינען ניט קיין אָפּגעטיילטע באַזונדערע וועלט. זיי רעכענען זיך פאַר אַ טייל פון דער גרויסער אַרבעטער־באַוועגונג אויף דער גאַנצער וועלט.



י. שויפער

קאפיטל XXXVIII.

די באַלעבאַטישע אידן און זייערע אינסטיטוציעס.

אין אַמאָליקע אַלטע צייטן איז דער צענטער פון'ם אידישן לעבן געווען די שול. א אידישער אישעוו האָט זיך אָנגעפאנגען מיט א בייס-מעדרעש; נאָכדעם איז געקומען א בייס-איילאָם, א טאַלמוד-טוירע און פארשידענע צדאָקע אנשטאַלטן. מיר געדענקען ווי אזוי די ערשט-אָנגעפאָרענע ספּאַרדישע אימיגראַנטן, אין אמע־ריקע, האָבן גלייך אָנגעהויבן מישטאַדל זיין זיך ביי דער רעגירונג צו קריגן א פּלאַץ און א דערלויבעניש פאר זייערע רעליגיעזע אינסטיטוציעס.

אויך די דייטשע אידן, פון דער צווייטער אימיגראַציע, האָבן באטראַכט די שול פאַר'ן צענטער פון זייערע ניי-אויפגעבויטע אישואווים. די שולן זיינען שפּעטער פארוואַנדלט געוואָרן אין טעמפּלען; וואָס העכער דער אימיגראַנט איז געשטיגן אויפן עקאָנאָמישן לייטער, אַלץ גרעסער און רייכער איז געוואָרן זיין טעמפּל.

די פאַרפרומטע רוסיש-פּוילישע אימיגראַנטן האָבן אויך אויס־געשפּרייט א נעץ שולן און באָטיי-מעדראָשים אין אַלע געגנטן פון די שטעט, אין וועלכע זיי האָבן זיך פאַרקליבן. די אָרימע מאַסע פּעדלער, קליין-הענדלער און קרעמער האָט זיך אין די ערשטע צייטן באַנוגנט מיט קליינע אָרימע שולעכלאַך, אָרום וועלכע דער אוילאָם האָט זיך גרופּירט לויט די שטעט און שטעט־לאַך פון דער אַלטער היים, פון וועלכע זיי זיינען געקומען. וואָס ווייטער זיינען די שולן געוואַקסן אין רייכקייט און פּאַרנעם.

דער באוואוסטזיניקער ארבעטער האט אלעמאל פון די שולן געוויכט; אָבער דער אומבאוואוסטזיניקער איז געוועז און גע־בליבן א טייל פון דער רעליגיעזער פאנאטישער מאסע.

יעדער באזונדערער שול־פארבאנד איז דאָ באקאנט מיט'ן נאָמען „קאָנגרעגאציע" (אָדער קאָנגרעגיישאָן). אזעלכע קאָנגרע־גיישאָנס געפינען זיך דאָ אין לאנד אין די הונדערטער.

א לויזער פארבאנד פון די שולן שטעלט צוזאמען די קעהילע. די באלעבאטישע אידן זיינען איינגעטיילט אין צוויי קעהילעס: טעמפל־אידן, אָדער רעפאָרמער, צו וועלכע עס געהערן די דייטשע אידן און די ארויפגעשטיגענע הענדלער און פאבריקאנטן פון די שפעטערדיקע עמיגראנטן, און די אָרטאָדאָקסישע אידן. א טייל אָרטאָדאָקסן באשטייט פון די אלטגעזעסענע ספארדים; זייער שפראך איז ענגליש און זייער צאָל ווערט פון יאָר צו יאָר אלץ קלענער. דער גרעסערע, אידיש־רעדנדיקער טייל אָרטאָ־דאָקסן, באשטייט פון דער באלעבאטישער רוסיש־פוילישער מא־סע, גרעסטנטיילס קרעמער, פעדלער און קליין־הענדלער.

א צווייטע וויכטיקע אָרגאניזאציע פון די באלעבאטישע אידן זיינען די פעדעראציעס פון די לאנדסמאנשאפט־פארבאנדן.

אזעלכע זיינען פאראן: די פעדעראציע פון די פוילישע אידן אין אמעריקע, א פעדעראציע פון די אונגארישע, פון די אוקראינישע און פון די רומענישע אידן. אויסגעוואקסן זיינען זיי פון די קליינע לאנדסלייט־אָרגאניזאציעס, אין וועלכע די הילפס־לאָזיקע צעטומלטע „גרינע" אימיגראנטן האָבן זיך געטוליעט די ערשטע צייט פון זייער אָנקומען אהער אין לאנד.

זייערע צילן זיינען: קאָל איסראָיל אינטערעסן, הילף פאר די אָרימע לאנדסלייט אין אייראָפּע, שפיטאָלן דאָ אין לאנד, דאָס אויפבויען פון רעליגיעזע און געזעלשאפטלאכע צענטערס, דורך וועלכע די רייכע און ארויפגעארבעטע זאָלן קענען אויסאיבן זייער איינפלוס אויף דער מאסע לאנדסלייט; דער פוילישער פארבאנד

שטעלט זיך אויך א פאטריאָטישן ציל: אויפשטעלן א מאָנומענט זייער לאנדסמאן־באנקיר כאים סאלאָמאָנען, וועמען די וואשינג־טאָנער רעגירונג קומט נאָך ביז איצט א כויוו...

דער רומענישער פארבאנד „קעמפט" פאר די מענטשלאכע און בירגערלאכע רעכט פון זיינע לאנדסלייט אין רומעניע, וועלכע ווערן דאָרט שטארק פארפאָלגט פון דער רעגירונג. ער האָט ארויס־געוויזן זיין „קאמפסלוסט", אין דער צייט, ווען א מיטגליד פון דער קעניגלאכער פאמיליע פון רומעניע איז אהערצו געקומען אויף א באזוך, און איז דאָ אויפגענומען געוואָרן פון די רומענישע אידן מיט גרויסן קאָוועד און פאראד...

נאָך א וויכטיקע אָרגאניזאציע פון די באלעבאטישע אידן זיינען די ברידערלאכע אָרדנס.

פאר די מיזראך־אייראָפייאישע אידן זיינען די אָרדנס א נייעס, וואָס זיי האָבן איבערגענומען דאָ אין אמעריקע פון די יאהודים, און יענע האָבן עס אויך איבערגענומען פון די קריסט־לאכע שכיינים, פון די פארשידענע מאסאָנען און אנדערע „לאדזשעס". פאר די ערשטע איבערוואנדערער זיינען די אָרדנס געווען א לעבנס־נויט: זיי האָבן אים פארזיכערט מיט א ביסן ברויט אין דער צייט פון א קראנקהייט, זיי האָבן אים דערלאנגט א ברידערלאכן גוט־וואָרט און אן אייצע אין דער צייט פון גע־פאלנקייט, און באזאָרגט אים מיט א קייווער נאָכ'ן טויט. מיט'ן עקאָנאָמישן אויפשטייג פונ'ם באלעבאטישן קלאס אידן, האָט זיך דער כאראקטער פון די אָרדנס אינגאנצן געביטן: דעם ערשטן אָרט פארנעמט שוין ניט די קעגנזייטיקע הילף פון די אָרדן־ברידער, נאָר די קלאל־איסראָעל ארבעט, דער פילאנטראָפישער און רעליגיעזער אינטערעס און די געזעלשאפטלאכע סוויווע, וואו דער באלעבאטישער קלאל־מענטש קען זיך אויסלעבן, אויסאיבן זיין איינפלוס און געווינען פאר זיך מאכט און קאָוועד.

די גרעסטע אָרדנס זיינען איצט: דער „אינדעפענדענט ברים אווראָהאָם", מיט 142,000 מיטגלידער; דער „אינדעפענדענט

בניי ברית", מיט 85,000 מיטגלידער, און דער „ברית שאַלעם" מיט 26,000 מיטגלידער. יעדער אָרדן האָט זיינע באַזונדערע געהיימע לעבערלאַכע צערעמאָניעס. די באַאמטע פון די אָרדנס באַקרוינען זיך מיט פאַרשידענע „גענעראַלסקע" טיטולן: „גרענד מאַסטערס", „דעפּיוטי גרענד מאַסטערס", „אינערלאַכע היטער", „אויסערלאַכע היטער", „הויפּט־קאָמענדירן", „וויצע־קאָמאַנדירן", און נאָך אַנדערע.

דער כאַראַקטער פון די אַמאָליקע אַרבעטער אָרדנס, ווי דער אַרבעטער רינג" און דער „נאַציאָנאַלער אַרבעטער פאַרבאַנד" האָט זיך אויך אין די לעצטע יאָרן שטאַרק געביטן, צוליב דעם איבער־בייט אינ'ם עקאָנאָמישן מאַצעוו פון זייערע מיטגלידער. זיי זיינען אויפ'ן וועג צו ווערן געוויינטלאַכע, קאָל־איסראָעלדיקע באַלע־באַטישע אָרדנס.

אַ וויכטיקע אינסטיטוציע פון די באַלעבאַטישע אידן איז דער „האיאס" (הילפס־געזעלשאַפט פאַר אידישע עמיגראַנטן).

אירע הויפּט־צילן זיינען: העלפן דעם אידישן עמיגראַנט ביי זיין אַריינקומען אין אַמעריקאַנער האַפן, געבן אים אַ צייט־ווייליקע היים און אַ מאָלצייט, אַנטמוטיקן אים צו באַזעצן זיך אין די אינדוסטריעלע איבערגעפּילטע שטעט און פאַרפלאַנצן אין אים אַמעריקאַנישע פּאַטריאָטישע אידעאַלן.

קימאַט אין יעדער איינציקער גרעסערער אַמעריקאַנער שטאָט האָבן די באַלעבאַטישע אידן אויפגעבויט די פּאַריוניקטע נעדאָווע אַנשטאַלטן (יונייטעד טשאַרטיס) צו העלפן קראַנקע, אַלטע, יעסוימים און אַלמאָנעס. אָנגעשטעלטע באַצאָלטע פאַך־מענטשן גיבן זיך אָפּ מיט דער אַרבעט, וועלכע ווערט געפירט אויף אַן עכט־מאַשינאַוון אויפן.

די אידישע אַגריקולטורעלע געזעלשאַפט העלפט אַרויס די אידישע פאַרמערס. זיי לייט זיי געלט, האַלט אויס אַ ביוראָ פאַר אינפאָרמאַציע און אייצעס, גיט אַרויס אַ מאָנאַטלאַכן זשורנאַל, „דער אידישער פאַרמער", און אָרגאַניזירט די פאַרמערס פאַר

זייערע עקאָנאָמישע, געזעלשאַפטלאַכע און רעליגיעזע אינטערעסן. אַ טייל פון אירע געלט־מיטלען באַקומט די געזעלשאַפט פון דעם „באַראָן דע הירש“ פאָנד, וועמענס ציל ס'איז צו אַמעריקאַניזירן און אַסימילירן די איינגעוואַנדערטע אידישע מאַסן, אויסשפרייטן זיי איבער'ן לאַנד און איינפלאַנצן אין זיי „גוטע“ בירגערלאַכע אידעאַלן.

נאָכדעם קומען די „צענטערס“, די „יאָנג מען ענד ווימען היברו אַסאָסיאיישאָנס“, און די סטודענטישע „מענוירע“ פאַר־איינען, וואָס זייערע אידעאַלן זיינען רעליגיע און קאָל־איסראָעל־דיקייט, אַ געמיש פון אידישן און אַמעריקאַנער פּאַטריאָטיזם, אַן איבערגעגעבנקייט צו דער איצטיקער אָרדענונג, פון וועלכער דער באַלעבאַטישער קלאַס ציט זיין כעיונע.

די באַדינער פון דעם באַלעבאַטישן קלאַס אין זיינע גייסטיקע באַדערפעניש, ווי שאָכטים, מויהאַלים, „רעווערענדס“ און „כאַזאָנים“ האָבן זיך די לעצטע יאָרן אָנגעהויבן פאַרבינדן אין פראָפעסיאָנעלע אָרגאַניזאַציעס צו באַשיצן זייערע עקאָנאָמישע אינטערעסן (גאָר ווי אַרבעטער, לעהאַוודל). ס'האָבן שוין געטראָפן פאַלן, ווען אָפּגעשטאַנענע פירער פון פאַראייניקטע אידישע אַרבעטער געווערקשאַפטן האָבן די אָרגאַניזאַציעס אַריינגענומען אין זייערע פאַרבאַנדן.

אַ סאַך טעגלאַכע צייטונגען (די גרעסטע פון זיי זיינען: „דער טאָג“ און דער „מאָרגן־זשורנאַל“, אין ניו־יאָרק, דער „קור־יער“ אין שיקאַגאָ און די „אידישע וועלט“ אין פילאַדעלפיע) זייען אויך אַ טייל פון די באַלעבאַטישע אינסטיטוציעס. כאָטש זיי זיינען פּריוואַטע אונטערנעמונגען, אַרויסגעגעבן פאַר'ן בענעפיט פון זייערע אייגנטימער, דינען זיי געטריי די „אידעאַלן“ פון קאָל־איסראָעלדיקייט, אָדער פון ציאָניזם, אידישיזם און אַמעריקאַנער פּאַטריאָטיזם, זוכן זיי אָפּצורייסן די אַרבעטער פון זייער קלאַסן־קאַמף און ברענגען אונטער דער האַשפּאָע פון דער באַלעבאַטישער וועלט.

קאַפּיטל XXXIX.

די געשיכטע פון די אידישע קינדער־שולן.

אידישע קינדער־שולן זיינען דאָ אין לאַנד פאַראַן פאַר־שידענע. זיי זיינען אַ צוגאָב צו דער מעלוכע־שול, וואָס די קינדער מוזן באַזוכן.

דער יאַהודי שיקט זיין קינד אין אַ שאַבעס, אָדער זונטיק־שול, וואו דער ראַביי פון טעמפּל (אָדער אַן אָנגעשטעלטער לערער) לערנט רעליגיעזע לימודים און צערעמאָניעס אויף ענגליש. דער פרומער מיזראַך־אייראָפּייאישער איד שיקט זיין קינד אין אַ טאַלמוד־טוירע. דאָרט לערנט זיך דאָס קינד דאַוונען, טפילעס זאָגן, און נאָך אַנדערע רעליגיעזע לימודים אויף העברייאיש. דער וועלטלאַכער (ניט־פרומער) ציאָניסט שיקט זיין קינד אין אַ נאַ־ציאָנאַליסטישער שול, וואו די הויפּט־אויפמערקזאַמקייט ווערט געשענקט — אויסלערנען די העברייאישע שפּראַך; דער וועלט־לאַכער ניט־ציאָניסט שיקט זיין קינד אין אַ שאָלעם־אַלייכעם שול, וואו די שפּראַך איז אידיש; דער אידישער אַרבעטער־ראַדיקאַל שיקט זיינע קינדער אין דער אידישער אַרבעטער שול.

אין די מיזראַך־אייראָפּייאישע לענדער (פון וואַנען דער גרעסטער טייל אידישע אימיגראַנטן קומט) האָבן עלטערן זעלטן געשיקט זייערע קינדער אין אַ רעגירונגס־שול. דער צוטריט אַהין איז געווען זייער אַ שווערער און בלויז רייכע האָבן זיך עס גע־קענט פאַרגינען. מען האָט געשיקט די קינדער אין אַ כיידער, אין אַ יעשיווע, אָדער אין אַ טאַלמוד־טוירע (אַן אומזיסטע שול פאַר אָרימע קינדער) און אַ געדונגענער רעבע האָט מיט די טאַלמידים געקנעלט טוירע.

די לימודים זיינען געווען רעליגיעזע, אויף דער העברייאישער שפראך און דער רעבע האט עס פארטייטשט צו די קינדער אויף אידיש.

און כאטש די שולן זיינען געווען פריוואטע, און עלטערן (א כוץ די ארימסטע) האבן זיי אליין געמוזט אויסהאלטן, איז זעלטן געווען א פאל, ווען א קינד זאל אינגאנצן קיין שול ניט באזוכן. דער ארימער טאטע האט דאס לעצטע פון זיך אפגע־שפארט און געשיקט זיין קינד לערנען.

ווען די ערשטע שפאניש־פארטוגעזישע אידן זיינען אהער אנגעקומען, זוכן פאר זיך עקאנאמישע זיכערקייט און רעליגיעזע פרייהייט, איז צווישן זייערע באדערפענישן פאר א שול און פאר א ביים־איילאם, אויך געווען א באדערפעניש פאר א קינדער־ביידער. דער ערשטער ביידער, וועגן וועלכן מיר געפינען פאר־שריבן אין א דאקומענט, איז דערעפנט געווארן אין יאר 1730. מען קען זיך אבער מעשייער זיין, אז אזעלכע באדארים זיינען נאך געווען אין די פריערדיקע צייטן.

די יאהודים, וועלכע זיינען געקומען אהער זוכן עקאנאמישע און פאליטישע פרייהייט, האבן אויך געטאן עפעס צו געבן א רעליגיעזן אונטערריכט צו זייערע קינדער: דער ראביי, דער שא־מעש, דער שויכעט, איז אינדערזעלביקער צייט אויך געווען דער קינדער־דערציער, וועלכער פלעגט לערנען אין אן ארגאניזירטן ביידער, אדער פריוואט, מיט יעדן טאלמיד באזונדער, קומענדיק צו אים אין הויז.

טאלמוד־טוירעס באווייזן זיך דא ערשט שפעטער, ווען ס'האבן אנגעהויבן צו קומען אהער א גרויסע צאל אידן פון די מיזראך־אייראפייאישע לענדער. זיי האבן דא געפונען אזעלכע באדינגונגען, צו וועלכע זיי זיינען ניט געווען געוואוינט: קינדער פון עלטערן, פון אלערליי פעלקער און שפראכן, ארים צי רייך,

מוזן באזוכן איין־און־די־זעלביקע ענגלישע רעגירונגס־שול, אין וועלכער קינדער ווערן פון זייערע עלטערן אפגעריסן און פאר־פרעמדט, און ניט קיין ליבשאפט ווערט צו די עלטערן, אימי־גראנטן אדער ראדיקאלע מענטשן, פארפלאנצט, נאר צייטנווייז גאר פארקערט: דערוויטערונג און סינע.

דורך דער טאלמוד־טוירע האט דער אומבאוואוסטזיניקער אפגעשטאנענער פאטער געוואלט דערנעענטערן זיין קינד צו זיך. טאלמוד־טוירעס זיינען אויסגעוואקסן אינ׳ם לאנד אין די טויזנ־טער. דארטן האט דאס קינד גדעדארפט זיך אויסלערנען צו זיין א רעליגיעזער איד, וויסן ווי צו דאוונען, פראווען באר־מיצווע און זאגן קאדעש נאך די עלטערנ׳ס טויט. אבער אין די פאר שא א וואך, וואס דאס קינד האט דארטן פארבראכט, האט זיך עס די אומבאקאנטע העברייאישע שפראך ווינציק אויסגעלערנט. כוץ דעם האט מען אים דארטן אריינגעקלאפט אין קאפ, אז אידיש, די שפראך פון זיינע עלטערן, איז א זשארגאן, א מיעסע גאלעם־שפראך; אזוי איז דאס קינד נאך מער דערוויטערט געווארן פון די אידישע מאסן.

דער אידישער ארבעטער פון אמאליקן שוויץ־שאפ, וועלכער האט זיך געשטיקט אין ענגען איסט־סייד, און איז געווען אזוי פאריאגט און פארשקלאפט צו דער מאשין (קאטערינקע), פון וועלכער ער האט גדעדארפט זיין ארימע ביאונע ארויסשלאגן, האט געקוקט מיט הארץ־קלעמעניש, ווי זיינע קינדער ווערן פון אים דערוויטערט. א סאך קינדער זיינען אין דער אומגעזונטער סוויווע אויף שלעכטע וועגן אוועקגעגאנגען; אפגעפרעמדטע פון זייער היים, אונטערגעווארפן דער ווירקונג פון גאס, זיינען זיי צוגעשטאנען צו פארשידענע „גענגס" (וועלכע ווערן געווײנטלאך ארגאניזירט אין די גרויסע שטעט פון אומווויסנדיקע גאסן־קינדער). זייער מוט און העלדישקייט האבן זיי אויסגענוצט אויף גזיילע, מארד און רויב. א סאך פון זיי האבן דערפאר באצאלט מיט זייערע לעבנס.

די אידישע פילאנטראָפּן (באַל־צדאָקעס) האָבן געהאָלפן מיט זייער געלט אויפבויען טאַלמוד־טוירעס, יעשיוועס און שולן פאַר ראַבאָנים. (אזוי איז באַוואוסט דער טעאָלאָגישער סעמינאַר, פון וועלכן פּראָפעסאָר שעכטער איז געווען פּאָרזיצער און הויפּט־פּראָפעסאָר; דער „היברו יוניאָן קאַלעדזש" פון סינסינעטי, געבויט פון די דייטשע אידן.) כוץ דעם האָבן זיי אויפגעבויט עטלאַכע טעכנישע שולן פאַר אָרימע קינדער צו לערנען זיך מאַלאָכע און פאַכן; די וויכטיקסטע פון זיי זיינען: די „באַראָן הירש פאַך־שול", דער „אידישער טעכנישער אינסטיטוט" פאַר אינגלאַך און מיידלאַך, אין ניו־יאָרק, און נאָך עטלאַכע איבער'ן לאַנד.

די ערשטע אידישע וועלטלאַכע שולן האָבן זיך גענומען גרינדן אין אַמעריקע אין יאָר 1910. אַזעלכע שולן זיינען געווען אַ נייעס ניט בלויז דאָ, נאָר אויך אין אייראָפּע, וואו זיי האָבן זיך באַוויזן קימאַט אין דערזעלביקער צייט. (צעוואַקסן האָבן זיי זיך דאָרט אין דער צייט פון דער וועלט־מילכאָמע.) די ערשטע שול־גרינדער אין אַמעריקע זיינען געווען די נאַציאָנאַליסטן־סאָציאַליסטן (פּויאַליי־ציאָן, ס. ס. און דער נאַציאָנאַלער אַרבעטער פאַרבאַנד.) דער נאָמען פון די שולן איז געווען: „נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלע שולן", אָבער זיי זיינען געווען ניט איינהייטלאַך. יעדע שול האָט געהאַט איר אייגענע פּראָגראַם: אין איינער איז דער הויפּט־לימוד געווען אידיש, אין דער צווייטער — העברייאיש; איינע איז געווען מער ראַדיקאַל, די צווייטע — מער נאַציאָנאַליסטיש. ס'האָט גענומען צייט ביז וואַנען פון די ערשטע שולן האָבן זיך אויסגעקריסטאַליזירט צוויי שול־טיפּן: די פאָלקס־שולן פון דעם נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד (אין וועלכער מ'לערנט מיט די קלענערע קינדערביידע שפּראַכן, העברייאיש און אידיש, און מ'פאַרבינדט זיי מיט'ן אַרבעטער־פּאַלעסטינע אידעאַל), און די אידישיסטישע שאָלעם־אַלייכעם שולן.

דער נאַציאָנאַלער אַרבעטער פאַרבאַנד האָט אויך אונטער־

שטיצט דעם אידישן לערער סעמינאַר, אין וועלכן אידישע יונגע־לייט שטודירן צו זיין לערער.

די ניט־נאַציאָנאַליסטישע אַרבעטער־סאָציאַליסטן האָבן אין יאָר 1906 אָנגעהויבן צו גרינדן פאַר זייערע קינדער ענגלישע סאָצאַליסטישע זונטיק־שולן.

דער געדאַנק פון זונטיק־שולן קומט פון ענגלאַנד; דאָרטן, אין לאַנקשייר, איז אין יאָר 1906 געעפנט געוואָרן די ערשטע סאָציאַליסטישע „סאַנדיי־סקול„.

דאָ איז דער גרינדער געווען דער אַמאָל ראַדיקאַלער אָרדן: „אַרבעטער רינג“.

די שולן האָבן זיך פאַרשפּרייט איבער'ן לאַנד; אין יאָר 1910 זיינען שוין אין ניו יאָרק אַליין געווען צען אַזעלכע שולן, וואו ס'האָבן געלערנט אַן ערך 1,500 קינדער.

אָבער אביסל שפּעטער האָבן די זונטיק־שולן אָנגעהויבן אונטערגיין. אַ סאַך עלטערן האָבן געוואָלט, אַז זייערע קינדער זאָלן קענען לייענען און שרייבן אידיש; אַז זיי זאָלן ניט אָפּ־געפרעמדט ווערן פונ'ם לעבן פון די אידישע מאַסן, וועלכע לײדן און קעמפן פאַר זייער אידעאַל; די קינדער זאָלן שטודירן די אידישער געשיכטע און ליטעראַטור.

אַ טייל עלטערן האָבן דערפאַר געשיקט זייערע קינדער אין די נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלע שולן; נאָך אַ טייל, דער אָפּגעשטאַנע־נער — אין די טאַלמוד־טוירעס.

איז געוואָרן אַ באַוועגונג אין „אַרבעטער רינג“ צו עפענען אידישע ראַדיקאַלע שולן. אָבער די גרעסטע צאָל פירער פון אָרדן זיינען געווען קעגן. די אַלטע פירער ־ אינטעליגענטן און זייערע אונטערשטופּער האָבן אַלע מאָל געקוקט פון אויבן אַראָפּ אויף

דער שפּראַך פון די מאַסן; ווען זיי זיינען נאָך גרין געווען, זיינען זיי געווען פּאַטריאָטן פון רוסיש; שפּעטער האָט זיי די נויט געצוואונגען אויפקלערן די דערוואַקסענע אויף דער אידישער שפּראַך; אָבער זייער ליבע האָבן זיי אַריבערגעטראָגן פון רוסיש אויף ענגליש.

ענדלאַך, אין יאָר 1916, איז דער ווידערשטאַנד פון די פירער געבראָכן געוואָרן. דער זעכצנטער צוזאַמענפאָר פון אָרדן האָט באַשלאָסן, אַז די „ברענטשעס" זאָלן גרינדן ראַדיקאַלע שולן פאַר די קינדער פון אַרבעטער־רינג מיטגלידער צו לערנען זיי אידיש."

אין כיידעש אָקטאָבער, יאָר 1918, איז געעפנט געוואָרן אין האַרלעם (ניו־יאָרק) די ערשטע אַ. ר. שול. נאָכדעם האָבן זיך שוין אָנגעהויבן צו עפענען שולן איבער'ן גאַנצן לאַנד.

אין סעפּטעמבער, 1921, האָט זיך געעפנט אין ניו־יאָרק די ערשטע אַ. ר. מיטל־שול. איר צוועק איז געווען צו פאַרטיפן און אויסברייטערן די ידיעות פון די קינדער אין אידיש און אין אַלגעמיינע למודים און צוגרייטן צוקונפטיקע אַרבעטער־טוער, וועלכע זאָלן זייער וויסן אויסנוצן אין די אָרגאַניזאַציעס פון'ם אַרבעטער־קלאַס.

אַז דער קאַמף צווישן „רעכטע" און „לינקע" האָט זיך אין דער היגער אַרבעטער־באַוועגונג פאַרשאַרפט, האָט זיך די הויפּט־פאַרוואַלטונג פון אַרבעטער־רינג אַוועקגעשטעלט אויפ'ן רעכטן צאַד. מען האָט גענומען פאַרפאָלגן די לינקע מיטגלידער, אויס־שליסן זיי פון אָרדן און ניט לאָזן זיי אָנפירן אין אָרדן אַן אויפ־קלערונג־אַרבעט פאַר זייער אידעאַל. די הויפּט־פאַרוואַלטונג האָט אויך געשטערט און געפּרואווט צו דערוויטערן די „לינקע" שול־טוער און לערער. דער סאַך איז געווען, אַז דער גרעסטער טייל

קינדער־שולן פון ניו־יאָרק האָט זיך אָפּגעריסן פון אָרדן און גע־
גרינדעט די „אומפּאַרטייאישע אַרבעטער שולן“.

די אומפּאַרטייאישע שולן האָבן זיך צעוואַקסן. דעם 30טן מאַי, יאָר 1929, איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן דער ערשטער נאַציאָ־נאַלער צוזאַמענפאָר, צו וועלכן ס׳זיינען געקומען 119 דעלעגאַטן. די אָנגענומענע „פּרינציפּן דערקלערונג“, אַז דער צוועק פון דער אַרבעטער־קינדער־שול איז צו דערציען די קינדער אין אַזאַ גייסט, אַז, ווען זיי וועלן אויסוואַקסן, זאָלן זיי אַמבעסטן זיין צוגעגרייט אנטייל צו נעמען אין דעם פּראָלעטאַרישן קלאַסן־קאַמף“ האָט אויפגעהויבן אַ גרויסן טומל צווישן די געגנער פון דער אידישער אַרבעטער־שול.

די אומפּאַרטייאישע שולן פאַרמאָגן אויך מיטל־שולן אי־בער׳ן גאַנצן לאַנד; זיי זיינען פאַרבונדן מיט׳ן „אידישן אַרבעטער אוניווערסיטעט“ אין ניו יאָרק. „קינדערלאַנד“, אויפ׳ן ברעג פון „סילווען לייק“, איז פאַררעכנט פאַר איינעם פון די שענסטע קינדער־קעמפּס.

קאפיטל XL.

שלום.

275 יאָר אידישע געשיכטע אין אמעריקע, פונ'ם הייפל אנט־לאָפענע מאראנען אויף דער שיף סאנטא קאטערינא ביז'ן היינטיקן טאָג.

און צייטנווייז שטעלט זיך מיר פאָר אזא בילד:

ס'קומען צו אונז אויף א באזוך געסט אמאָליקע, ווייטע, טשיקאווע; ניט אויף עראָפּלאַנען קומען זיי אהער צופליען, ניט מיט שיפן און באנען, נאָר אויף אן אויסגעבאָלעמטן רייטוואָגן פון צייט...

דער אריסטאָקראטישער מאראן, דאָן מיגועל, דע לעאָן, אָדער ווי זיי האָבן זיך גערופן דאמאָלסט, קומט צוריק אין דער שטאָט פון דעם אַלטן פעטער סטייוועסענט; הויכגעוואקסיק איז ער, בלאָנד און שטאָלץ; ער שטאָלצירט מיט זיין איכעס, מיט דער קלינגענדיקער קאסטילישער שפראך, און ער זוכט דאָ ארום זיינע ברידער, וועלכע האָבן זיך פון די אוטאָ־דא־פע פלאמען ארויס־געראטעוועט, און גאָלד און צירונג מיט זיך אהער געבראכט, קעדיי „צו לעבן אין רו און פרידן און דעם איינציקן גאָט דינען געטריי“...

דאָן מיגועל, דע לעאָן איז אנטוישט. ער געפינט ניט זיינע ברידער; זיי זיינען שוין קימאט אונטערגעגאנגען. געציילטע זיי־נען געבליבן פון זיי; רעליגיעזער פאנאטיזם און אומטאָלעראנץ האָט ארויסגערופן פון דער צווייטער זייט פאנאטיזם, איינגע־שפּאַרטקייט און גרייטקייט צו גיין אנטקעגן דעם פארצערנדיקן פלאם. אראָפּ דער פאנאטיזם, איז די העלדישקייט פארשוואונדן, און די אמאָל אויסגעבעטלטע שול שטייט, געפוצט אין גאָלד און זילבער, אָבער ליידיק און פוסט.

ס׳בלאָנדזשען איבער די גאַסן די לעאָפּאָלדס, סאלאָמאָנס, שעפּטלס, ווי זיי האָבן דאַמאָלסט געהייסן, די „שמויסן“, אָדער דייטשע אידן; אַלטמאָדישע אידישע קליידונג, געגרייזלטע פּייעס, אַיינגעבויגענע רוקנס, אויגן אָנגעגאָסענע מיט שרעק, פון דעם מאַבל פון בלוט און פייער, אין זייערע אַלטע היימען, האָבן זיך זייערע ברידער אַהער געראַטעוועט. זיי זיינען דאָ אַוועק קלאַפּן איבער די שוועלן, שטיקלאַך סכוירע צו פאַרקויפן; אַפילע אין פאַרנאָסע־איניאָנים האָבן זיי זיך ניט געקאָנט אויסגלייכן מיט זייערע רייכע ברידער, די ספרדים; זיי האָבן געזוכט אַזעלכע פאַרנאָסע־קוואַלן, פון וועלכע די ספאַרדים האָבן געוויִיכט.

אָבער די לעאָפּאָלדס, סאלאָמאָנס, שעפּטלס ווערן אַנטוישט: זייערע ברידער, די יאַהודים, דערקענען זיי ניט. דער נייער סאלאָמאָן און שעפּטל שעמט זיך מיט אַן אָרימען קאָרעוו. ער האָט שוין אָנגעשפּאַרט ווייט: אין באַנקען, אויף בירזשעס און אין דעפּאַרטמענט־געשעפטן. דער נייער געלט־אַריסטאָקראַט האַלט זיך מיט פאַרריסנקייט, גייווע און שטאָלץ.

און אָט בלאָנדזשעט אַרום אַן אַלטער אַם־אוילאָמניק, אַ געוועזענער רוסישער רעוואָלוציאָנער. ער טראָגט אַ רויט העמדל, מיט קוטאַסן פאַרבונדן; ס׳פּאָנים יונג און באַבערדלט; די האָר אויפ׳ן קאָפּ אין געדיכטע פרישע לאָקנס. די אויגן נאַאיווע, פאַרכאָלעמטע; ער זוכט זיינע כאַוויירים, די רוסישע אינטעליגענטן, מיט וועלכע ער האָט זיך אויפגערעדט, דאָ אַ נייע וועלט צו באַשאַפן: ערד־אַרבעט קאָלאָניעס, אויף יעסוידעס פון קאָמוניזם, קאָאָפּעראַציע און אַלגעמיינעם גליק.

אָבער אָט די מיכאַאילס, סעריאָזשעס און זייערע כאַוויירים בלייבן אַנטוישטע: די יוגנט־כאַלוימעס פון זייערע געוועזענע כאַוויירים זיינען שוין לאַנג אַוועק מיט׳ן רויך. עמעס, ס׳זיינען שוין דאָ אין לאַנד אַ 75,000 אידישע פאַרמערס, וועלכע פאַרמאָגן אינאיינעם אַ מיליאָן אַקער לאַנד; 17,000 אידישע פאַרמערס געפינען זיך אין ניו־יאָרק שטאַט, אין די בערגיקע קאַונטיס

פון אַלסטער, סאַליוואַן, דעלעווער און ראָקלאַנד. אַ 17,000 פאַרמערס וואוינען אין די שטאַטן קאָנעקטיקוט און ניו־דזשוירזי. די איבעריקע זיינען צעוואָרפן איבער די בערג, טאָלן און פּריירים פונ'ם גאַנצן לאַנד. אָבער די אַלע זיינען ניט קיין קאָמוניסטישע פאַרמערס. זיי זיינען אַוועק אויפ'ן לאַנד צוליב אייגענעם נוצן, געטריבן פון פּערזענלאַכער נויט.

איז דאַמאָלסט, ווען כ'זע די אַנטוויקלונג אויף די פּענימער פון די אַרויסגערופענע דורך מיין פאַנטאַזיע העלדן, דאָן מיגועל, לעאָפּאָלד און מיכאאיל, ווילט זיך מיר אויסטיינען מיט זיי:

— ניט געזאָרגט זיך! די אויסוואַנדערונג פון גרויסע אידישע מאַסן קיין אַמעריקע האָט זיך געלוינט!

— זעט די אַנדערשקייט: פון אַ הייפעלע אימיגראַנטן, אַ אישעוו פון העכער 4,000,000 אידן; פון זיי קאַרגע 2 מיליאָן אידן אין דער שטאָט ניו־יאָרק אַליין. אַן אויסגעטיילטער גרויסער קלאַס פון נוצלאַכע אַרבעטער, אַנשטאָט די הענדלער און קרעמער פון אַמאָל. נוצלאַכע אַרבעטער אינ'ם קליידער־פאַך, דרוקער, בוי־אַרבעטער, יוּוועלירן, בעקער, אַרבעטער אינ'ם אייזן, לעדער און פאַרוויילונג־פאַך. איז געווען אַמאָל אַ שוויץ־סיסטעם, איז זי באַזיגט געוואָרן, קיין געדעכעניש איז פון איר ניט פאַר־בליבן. איז געווען אַמאָל אַן אָפּגעזונדערטע איסט־סייד, איז זי פון זיך אַליין צעפאַלן. עמעס, אויפ'ן אָרט פונ'ם שוויץ־שאַפּ איז איצט אויסגעוואַקסן די „ספּיד־אַפּ" (איַיל זיך) און ראַציאָ־נאַליזאַציע סיסטעם. אָבער דער נייער איבל איז כאַראַקטעריס־טיש ניט בלויז פאַר'ן אידישן אַרבעטער; ס'איז אַ רעזולטאַט פון דער קאַפּיטאַליסטישער אַנטוויקלונג, אַנטקעגן וועלכער עס קעמפן די אונטערדריקטע קלאַסן פון יעדן פאָלק און לאַנד.

דער אַמאָליקער אידישער וואַנדערער האָט זיך באַפרידיקט מיט אַ שול און אַ בייס־אַיילאָם. פאַר דער איצטיקער אידישער מאַסע איז עס ווייט ניט גענוג...

זי בויט יוניאָנס, צייטונגען, זשורנאַלן, קלובן, טעאַטערס, קינדער־שולן, הויך־שולן, קאָאָפּעראַטיוון. אירע באַדערפֿנישן וואַקסן, ווייל דער לוסט צו לעבן און שאַפֿן איז ביי איר שטאַרק.

דער אַמאָליקער אידישער וואַנדערער האָט זיך צופֿרידן גע־שטעלט, אַז מען האָט אים געדולדעט, אַז מען האָט פֿאַר אים אָפּגעטיילט אַ באַזונדער געטאָ־ווינקל פֿאַר זיך אַליין; פֿאַר דער איצטיקער אידישער מאַסע איז עס ווייט ניט גענוג.

טאָלעראַנץ איז שוין פֿאַר איר אַ פֿאַרעלטערט וואָרט. ס'איז געקומען די צייט פֿון קלאַסן־סאָלידאַריטעט און איינהייטלאַכקייט. אַרבעטער פֿונ'ם גאַנצן לאַנד דעמאָנסטרירן פֿאַר די סאַקאָ און וואַנזעטי מאַרטירער, פֿאַר די גאַסטאָניע קעמפֿער, פֿאַר כינעזישע רעוואָלוציאָנערן, פֿאַר'ן אויפֿשטאַנד אין ניקאַראַגואַ, פֿאַר'ן סאָ־וועטישן פֿאַרבאַנד.

אידישע אַרבעטער זיינען אַ טייל פֿונ'ם אַרבעטער קלאַס דאָ אין לאַנד און אויך פֿון דער גאַנצער וועלט.

און דער איבערבייט איז געקומען אין אַ מעשך פֿון 275 יאָר.

אַ כוץ דעם אידישן אישעוו אין די פֿאַרייניקטע שטאַטן, איז אויך אויסגעוואַקסן אַ גרויסער צעצווייגטער אידישער אישעוו אין קאַנאַדע, אַרגענטינע, בראַזיל, קובאַ און אין פֿאַרשידענע אַנדער לענדער, איבער דער לענג און ברייט פֿון אַמעריקע, וועגן וועלכע מיר וועלן האָבן אַ געלעגנהייט צו דערציילן אין אַ צווייטן בוך.

די געשיכטע פֿון אידן אין אַמעריקע האָט זיך נאָך ניט געענדיקט. געשיכטע ענדיקט זיך קיינמאָל ניט. ס'איז לעבן, פּראָוו, אויפֿשטייג, דורכפֿאַל — און ווייטערדיקער וועג אַרויף.

יעדער שרייבער איז געצוואונגען אָפּשטעלן זיך אויפֿ'ן געשיכטע־וועג אינמיטן. צייטווייליק ענדיקט מען מיט אַ פּינטל. אָבער ס'פּינטל מיינט נאָך ניט קיין סאָף.

די ווייטערדיקע שרייבער (עפּשער איינער פֿון די איצטיקע לייענער) וועלן צוריק דעם געשיכטע־שנור אויפֿכאַפּן און ציען אים ווייטער, ווייטער, אויפֿ'ן ליכטיקן וועג צום באַרג־אַרויף...

אינדעקס

א

אַדלער, י. — 120
אַלייניקאָוו, נ. — 71
א. וו. וו. — 161, 162, 163, 164, 183
אַם־אוילאָם — 66, 67, 68, 70, 71, 72, 80, 128
איק"אַ — 83
אָגלעטאָרפּ — 22

ב

באַדאַנעס — 71
באָושאָוער — 125
באַלפור־דעקלאַראַציע — 192
באַראָנדעס — 114
באַרסקי — 112
ביזנאָ — 178
בעדזשאַמין, י. — 58
בערקמאַן, א. — 163
בראַון, דזשאַן — 52, 54, 55
בראַנדעיס — 174

ג

גאָלדפּאַדן, א. — 119, 120
גאָלדפאָגל — 168
גאָמפּערס — 97, 140, 161, 189
גאָרדין, י. — 126
גאַריסאָן — 54
גאָרקי, מ. — 158
גערשוני — 158

ד

דזשאָנאַס — 59
דזשאָרדזש, הענרי — 97, 103, 104, 105, 106
דזשאָונס, „מוטער" — 161
דזשעפּערסאָן, פּרעזידענט, 31, 33
דאַראָו, קלאַרענס — 160
דעבס — 143, 161, 163, 188
דעליאָן — 142, 144, 161

ה

האַלפּערין, מיכל — 57, 60, 81
האַרקאַווי, א. — 71, 85
הורוויץ, י. א. — 178, 179
הייוואוד — 159, 160, 161
הילקוויט — 189
היינע, היינריך — 48, 49
הערצל, דר. — 152

וו

ווילסאָן, פּרעזידענט — 184, 185
ווינטשעווסקי, מ. — 77, 94, 95, 118, 125, 126, 142
וויינשטיין — 71
וועגדל פיליפּס — 54

ז

זונדעלעוויטש, א. — — — — 77
זשיטלאָווסקי, דר. — — — — 158
זשעליאַבאָוו — — — — — 79

ט

טראָצקי, ל. — — — — — — 187
טרייענגל ווייסט קאָמפּאַני — 172

י

יעהודאַ טוראָ — — — — — 34
יעהויאָש — — — — — — 126

ל

לאַזאַרוס, עמאַ — — — 20, 81
לאָנדאָן, מ. — — — — — — 179
לאַסאַל, פּ. — — — — — — 49
לונדי — — — — — — — 54
ליבערמאַן, א. — 77, 78, 93
ליבין — — — — — — — 126
לינג — — — — — — — 101
לינקאָלן, אב. — — 56, 59, 62
ליעסין, א. — — — — — — 126
ליפּצין — — — — — — — 120
לעקערט, הירש — — 152, 153

מ

מאַראַנען — 11, 12, 13, 14, 27,
31, 126
מאַרקס, קאַרל — — — — — 49
מאַרשאַל, ל. — — — 168, 174
מאָגולעסקאָ — — — — — — 120
מאָנראָו — — — — — — 36
מוני, טאַם — — — — — — 188
מילער, ל. — — — — — — 142
מעדיסאָן, פּרעזידענט — 33, 36
מענדעלע — — — — — — 118

נ

נאַפּאָלעאָן — — — — 32, 33, 34
ניופּאָרט — — — — — 20, 27
נייאַך, מ. ע. — — 35, 37, 38

ס

סאָלאָמאָן, ח. — 28, 29, 216
סאַראַזאָן, קאַסריעל — — 66
סולצער — — — — — — — 169
סטייוועסענט — — 15, 16, 21

ע

עדלשטאַט, ד. — — 71, 124, 127
ענגל — — — — — — — — 102

פּ

פּאַטריק העגרי — — — — — 31
פּאַרסאָנס — — — 99, 100, 102
פּאַרקער — — — — — — — 54
פּינסקי, ד. — — — — — — 126
פּעראָווסקאַיאַ — — — — — 79
פּערעץ, י. ל. — — — — — 118

פ

פיליפּס — — — — — — — 54
פילדען — — — — — 99, 102
פייגענבוים — — — — — — 118
פרוג, ש. — — — — — — — 147
פריי, וו. — — — — — — — 83
פריק — — — — — — 135, 136

צ

צונזער, על. — — — — — — 118

ק

קאַהאַן, אב. — — — 142, 175
קאַספּע — — — — — 69, 71
קאָברין — — — — — 126
קופּער, פּעטער — — — — 105
קיבאַלטשיץ — — — — — 79
קליוולאַנד — — 107, 134, 143
קעסלער — — — — — — 120
קראַנץ, פּ. — — — 137, 142
קראָמוועל, אָ. — — — 21, 25

ר

ראַדזשער, וויליאַם — — — 20
ראָזענפעלד, מאָרים — 89, 123
רוזוועלט, ט. — 105, 148, 164
רוטענבערג, מש. — — — 188
רייזען, א. — — — — — 126

ש

שאָלעם אַליכעם — — 118, 158, 186, 187
שאָמער — — — — — — 120
שוואַב — — — — — — 102
שוואַרץ, י. י. — — — — 47
שעוויטש — — — — 97, 110
שפּיז — — — — — 99, 101